DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14066

Tysmenyt͡sia Memorial Book

Ṭismenits

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

©2003 THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY AND
THE NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

AUTHOR	Blond, Shlomo.
TITLE	Ṭismenits : a matseyve oyf di ḥurveṡ fun a farnikhṭeṭer Yidisher ḳehile / gezamlṭ, baarbeṭ, tsuzamengeshṭelt un aroysgegebn durkh Shelomoh Blond.
DESCRIPT	262 p. : ill. ; 25 cm.
SUBJECT	Jews -- Ukraine -- Tysmenyt͡sia. Tysmenyt͡sia (Ukraine) -- Ethnic relations. Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Ukraine -- Tysmenyt͡sia.
ADD'L TITLE	Tysmienica

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING

PRINTED IN THE U.S.A.

טיסמניץ

ספר יזכור

שלמה בלונד

טיסמעניץ

א מצבה אויף די חורבות פון אַ פאַרניכטעטער יידישער קהילה

געזאַמלט, באַאַרבעט, צוזאמענגעשטעלט און ארויסגעגעבן דורך

שלמה בלאָנד

הוצאת „המנורה" תל־אביב
תשל"ד — 1974

טיסמניץ / ספר יזכור

©
כל הזכויות שמורות
הוצאת „המנורה" רח' זנגביל 14, תל־אביב, ישראל
"HAMENORA" PUBLISHING HOUSE
24, Zangvill St. Tel-Aviv, Israel

נדפס בישראל תשל"ד — 1974
Printing in Israel 1974

דפוס ד. בן־נון תל־אביב

גewוידמעט —

מיינע צוויי זין:

אברהם (בוניו) בלאַנד, געב. 1923

יוסף (יוזעק) בלאַנד, געב. 1927

זייערע יינגע לעבנס זענען פארשניטן

געוואָרן דורך די נאַציס ימ״ש,

אין יאָר 1942

אינהאלט

פאָרוואָרט	9
פון דער טיסמעניצער אַלטער געשיכטע	13
טיסמעניץ נאָך דער ערשטער טיילונג פון פוילן	20
די טיסמעניצער גרויסע שול	24
יידישע געלערנטע, שרייבער און דענקער אין טיסמעניץ	29
רבנים, דיינים, אדמו"רים אין טיסמעניץ	42
שוחטים און מלמדים אין טיסמעניץ	59
טיסמעניצער יידישע געשטאַלטן	64
יידישע טיפּן אין טיסמעניץ	75
טיסמעניץ אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה	79
טיסמעניץ אונטער דער הערשאַפט פון די אוקראַינער	81
טיסמעניץ אין די יאָרן 1919—1939	83
די ציוניסטישע באַוועגונג אין טיסמעניץ	87
יידישע שולן אין טיסמעניץ	93
קולטור־קרוב אין טיסמעניץ	95
יידישע אינדוסטריע, האַנדל און מלאָכה אין טיסמעניץ ביז 1914	96
האַנדל און מלאָכה אין טיסמעניץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה	102
די שאַפער פון א מעמד־פּרנסה פאַר יידן אין טיסמעניץ	105
מיין מאַרטירער וועג אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (1939—1948)	111
טיסמעניץ, אונטער דער סאָוועטישער אָקופּאַציע	116
דער סוף פון טיסמעניצער יידישער יישוב	120
טיסמעניץ, דרייסיק יאָר נאָך דער באַפרייאונג פון דער נאַצישער ממשלה	127
חסידי אומות העולם	128
טיסמעניצער שרידים און פּליטים	132
אפרים פישל איז עולה קיין ארץ ישראל	134
די ערשטע אזכרה פון טיסמעניצער שארית־הפליטה, אין יאָר 1947	136
די טיסמעניצער שטעלן א מצבה אין מרתף השואה אין ירושלים	138
טיסמעניצער מעשיות	139
מיין קאַפּיטל חיים — טוביה סורזשער	144
נעקראָלאָגן	235
ביבליאָגראַפיע	254
זוך־צעטל פון נעמען	255

תוכן

המדור העברי

הקדמה 149
קדמוניות של טיסמניץ 151
טיסמניץ אחרי החלוקה הראשונה של פולין 154
בית הכנסת הגדול 157
סופרים, מלומדים והוגים בטיסמניץ 160
רבנים, דיינים ואדמו"רים בטיסמניץ 170
שוחטים ומלמדים בטיסמניץ 180
דיוקנאות של יהודים בטיסמניץ 185
טיפוסי יהודים בטיסמניץ 191
בימי מלחמת העולם הראשונה 1914—1919 194
בשלטון האוקראינים 195
טיסמניץ בשנים 1919—1939 197
התנועה הציונית בטיסמניץ 200
בתי ספר יהודיים בטיסמניץ 203
תעשיה, מסחר ומלאכה בטיסמניץ עד 1914 204
מסחר ומלאכה אחרי מלחמת העולם הראשונה 1918—1939 208
יהודים בחיי הכלכלה של טיסמניץ 210
דרך היסורים שלי בשנות מלחמת העולם השניה 215
טיסמניץ בכיבוש הסובייטי 218
קץ היישוב היהודי בטיסמניץ 221
שלושים שנה לאחר השחרור משלטון הנאצים (1972) 225
חסידי אומות העולם 226
שרידי טיסמניץ ופליטיה 228
מאגדות טיסמניץ 230
ראשון לעולים 232
האזכרה הראשונה לקדושי טיסמניץ 233
לזכר עולם (נקרולוגים) 235

פאָרוואָרט

טיסעמניץ איז מיין געבורטשטאָט. אין טיסמעניץ בין איך מיט 75 יאָר צוריק (5.12.1897) געבוירן געוואָרן. דאָרט האָב איך פאַרבראַכט מיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, דאָרט האָב איך זיך געלערנט און גייסטיק אַנטוויקלט. אין טיסמעניץ האָב איך, זיין מיין רייפן עלטער, אַנטייל־ גענומען אין געזעלשאַפטלעכן און איןווירטשאַפטלעכן לעבן. פון דאָרטי האָב איך מיטגעבראַכט פיל פריילעכע און טרויעריקע זכרונות.

נאָכן גרויסן חורבן אונדזערן, אין יאָר 1944, ווען איך בין צוריק־ געקומען קיין טיסמעניץ און געזען, אַז פונעם אַלטן 500־יאָריקן יידישן ישוב דאָרט איז קיין זכר נישט געבליבן, איז ביי מיר אויפגעקומען די פראַגע : ווער וועט שטעלן אַ מצבה דער דאָזיקער יידישער קהילה, כדי זי זאָל נישט פאַרגעסן ווערן ? פון דעם מאָמענט אָן האָב איך זיך פון דאָזיקן געדאַנק נישט געקאָנט באַפרייען. וועגן דעם האָב איך ביז היינט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן. פאַרבלייבן דאָן אין טיסמעניץ האָב איך נישט געקענט, ווייל די אוקראַאינישע באַנדעראָווצעס האָבן געלויערט אויפן לעבן פון יעדן ייד, וואָס האָט זיך דאָרט באַוויזן. איך האָב דאַריבער געמוזט רעזיגנירן פון מיין געדאַנק צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון דער טיסמעניצער יידישער קהילה און פון דאָרט אַנטלאָפן צוערשט קיין פוילן און שפּעטער קיין דייטשלאַנד, פון וואַנעט איך האָב אין יאָר 1948 עמיגרירט קיין ישראל. דאָ ערשט האָב איך זיך ערנסט אָנגעהויבן פאַרנעמען מיטן שאַפן אַ טיסמעניצער „יזכור־בוך". פון די לעבנגעבליבענע טיסמעניצער יידן, וואָס געפינען זיך אין ישראל, בין איך דער עלטסטער. איך געדענק טיסמעניץ גאַנצע 70 יאָר. איך געדענק אירע חדרים און מלמדים, אירע פני־העיר, דעם יידישן וויצע־בירגערמייסטער פון שטאָט, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע פירער. איך געדענק גוט דאָס שווערע טאָג־טעגלעכע וואָכעדיקע לעבן פון די טיסמעניצער יידן און אויך די פריילעכע שבתים און יום־טובים. די אַלע זכרונות וויל איך איבערגעבן פאַר די קומענדיקע דורות.

ווער דען, איוב נישט איך, דער עלטסטער אין יאָרן פון אַלע טיסמע־ניצער תושבים דאָ, וועט דערציילן וועגן לעבן און שאַפן פון די יידן אין מיין געבורטשטאָט אין די לעצטע פיר צענדליק יאָר פאַרן טראַגישן אומקום זייערן? ווער וועט געדענקען אירע רבנים און לומדים, אירע תלמידי־חכמים און לערער, די סוחרים און בעלי־מלאכות, אירע יידישע קעמפער פאַר גערעכטיקייט בכלל און פאַר די רעכט פון די טיסמעניצער יידן אויפן אָרט בפרט?

דער געדאַנק וועגן שאפן אַ יזכור־בוך וועגן דער טיסמעניצער יידישער קהילה האָט מיך נישט אָפגעלאָזט. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז אַזא אַרבעט איז איבער מיינע כוחות און פעאיקייטן און אויך איבער מיינע פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן. דאָ, אין ישראל, לעבן אַן ערך 40 טיסמעניצער משפחות, פון וועלכע אַ געוויסער טייל איז געקומען אַהער פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג און אַ טייל — נאָכן קריג. פון דער צווייטער טייל זענען ס׳רוב אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אָפגעראַ־טעוועט אין רוסלאַנד. מיט די טיסמעניצער יידן אין אַמעריקע האָבן מיר נישט קיין פאַרבינדונג, ווייל דאָס זענען אין 90 פראָצענט דער צווייטער און דריטער דור, וואָס חוץ דעם נאָמען ,,טיסמעניצער פאַר־איין״, האָבן זיי קיין שום סענטימענטן צו דער שטאָט און איר פאַר־גאַנגענהייט.

איך און מיין חבר יעקב קאָרן ז״ל, האָבן דעריבער געהאַט באַ־שלאָסן אויפזאַמלען מאַטעריאַלן פאַרן יזכור־בוך. צו מיין גרויסן צער איז ער שוין ביים אָנהייב פון דער אַרבעט געשטאָרבן און איך בין געבליבן אַליין. איך האָב דאָך נישט רעזיגנירט פון דער אַרבעט.

ווען איך נעם זיך צום שרייבן וועגן טיסמעניץ, פרעג איך זיך מיט א פאַרקלעמט האַרץ: צי מעג איך נעמען אויף זיך אַזאַ פאַר־אַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע? צי וועל איך בכוח זיין צו באשרייבן אַלע אַספעקטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן לעבן פון דער טיסמעניצער יידישער קהילה? צי וועל איך געדענקען אַלע עסקנים, אַלע צדקה־געבער, וועלכע האָבן בפרהסיא און אויך בסתר געלינדערט די נויט פון אָרעמע? צי וועל איך זיין אימשטאַנד אויסצורעכענען אַלע תלמידי־חכמים, לערער און מלמדים, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט תורה און

אמונה אין די יידישע היימען און מיט דעם געפלעגט די נשמה'לעך פון די יידישע קינדער אין שטעטל?

איך האָב נישט די מעגלעכקייטן צו פאַרשן דעם גאַר אַלטן עבר פון דער שטאָט. איך האָב אויסגענוצט דאָס, וואָס איז געשטאַנען צו מיין דיספאָזיציע: ביכער, צייטשריפטן, טעגלעכע צייטונגען און לעקסיקאָנען, אין וועלכע ס'איז געשריבן געוואָרן וועגן טיסמעניץ, ווי אויך מיינע אייגענע זכרונות. און, ווען איך בין געקומען צו דער מסקנה, אַז איך באַזיץ שוין אַ גענוגנדיקע צאָל היסטאָרישע און ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן וועגן טיסמעניצער אָנגעזעענע יידישע פערזענלעכקייטן און וועגן טיסמעניץ גופא, האָב איך באַשלאָסן מער נישט אָפּצולייגן און פאַרווירקלעכן מיין דרייסטן פלאַן פון אָנשרייבן און אַרויסגעבן דאָס יזכור־בוך מיט מיינע אייגענע כוחות און אייגענע פינאַנסיעלע מיטלען, אפילו ווען עס זאָל אַרויסקומען אין אַ באַשיידענער פאָרם.

מיין ציל איז, אַז דאס „יזכור־בוך" זאָל דינען אַלסביישטייער צו דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין טיסמעניץ, צו דער יידישער קולטור, צו דער אַלגעמיינער וועלטלעכער קולטור, ווי אויך אַלס ביישטייער צום אויפבויען אַ היים פאַר אונדזער פאָלק אין ישראל. איך באַנוץ זיך דערביי מיט געהעריקע מאַטעריאַלן.

אַ ספעציעלע אויפמערקזאַמקייט וועל איך אויך שענקען דער טראַגישער תקופה פון שוידערלעכן אומקום פון די טיסמעניצער יידן. איך פערזענלעך בין נישט געווען אין טיסמעניץ אין די טרויעריקע און פינצטערע יאָרן פון אומקום. איך וועל זיך דאַריבער באַנוצן מיט גביית־עדויות און כ'האָף, אַז כ'וועל, הגם אויף אַ באַגרענעצטן אופן, דערפילן מיין הייליקן חוב.

איך וויל, ביי דער געלעגנהייט אויסדרוקן מיין דאַנק די אַלע, וואָס האָבן מיר געהאָלפן מיט עדות און מאַטעריאַלן און אויך מיט אייגענע זכרונות. באַזונדערס דאַנק איך מיין פריינד יענקל פישביין, וואָס געפינט זיך איצט אין וואַרשע (פוילן) און פון דאָרט האָט ער מיר צוגעשיקט היסטאָרישע מאַטעריאַלן וועגן טיסמעניץ, וואָס ער האָט אויסגעזוכט אין דער ווארשעווער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק. אַ באַזונדערע אָנערקענונג קומט אים פאַר די צוגעשיקטע פערזענלעכע זכרונות זיינע וועגן טיסמעניץ.

זאָל דאָס יזכור־בוך זיין אַן אייביקע מצבה אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון אונדזערע טיסמעניצער טהורים וקדושים, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם! זאָלן די דאָזיקע אותיות פון דעם יזכור־בוך שוועבן איבער די, פאַר אונדז, אומבאַקאַנטע קברים זייערע און דינען אַלס קדיש פון דער אַזוי טראַגיש קליינער צאָל לעבנגעבליבענע טיסמעניצער יידן.

שלמה בלאָנד

פון דער טיסמעניצער אלטער געשיכטע

כדי צו באקומען אַ בילד וועגן לעבן פון די יידן אין טיסמעניץ אין דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט, איז אומבאַדינגט וויכטיק זיך צו באַקענען מיט דער געשיכטע פון דער שטאָט אין די אַלטע צייטן, וואָס כ׳וועל זיך באַמיען, לויט מיינע מעגלעכקייטן דאַ בקיצור צו שילדערן. דער נאָמען פון דער שטאָט שטאַמט פון טייך „טיסמע־ניץ״, וואָס איז געפלאָסן פאַזע דעם ישוב. אין די אלטע דאָקומענטן פון די אייגנ־טימער, וואָס האָבן געירשנט טיסמעניץ נאָכן טויט פון יעקוב פּאָטאָצקי, ווערט געניי דערמאָנט דער טייך טיסמעניץ. אויך דער גלח שמעון אקולסקי דערמאָנט אין זיין בוך „רוסיאַ פלאָרידאַ״ (RUSIA FLORIDA) (ז. 68), אַז דער נאָמען פון דער שטאָט איז לויטן נאָמען פון טייך, וואָס איז דאָרט געפלאָסן. טיסמעניץ געפינט זיך אין אמאָליקן גאַליציע נעבן סטאַניסלאוו אויפן שיידוועג קיין טשאָרטקאָוו און קאָלאָמיי. דורך דער שטאָט פליסן צוויי טייכן „וועראָנאַ״ און „סטרימבאַ״, וואָס ווערן דערמאָנט אין אַ סך גט׳ן, וועלכע זענען דורכגעפירט געוואָרן אין טיסמעניץ סיי פאַר טיסמעניצער תושבים, סיי פאַר תושבים פון אַנדערע שטעט, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין וואַסערן און לויט דער הלכה האָט מען אין אַזאַ שטאָט נישט געקענט דורכפירן קיין גט׳ן.

נאָך אין די גאָר אלטע צייטן האָט שוין טיסמעניץ געשטמט אַלס האַנדלס־צענטער. ביז היינט האָבן די היסטאָריקערס נאָך אַלץ נישט פעסטגעשטעלט די גענויע דאַטע ווען די שטאָט איז אויפגעבויט געוואָרן. עס איז אָבער אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז טיסמעניץ האָט שוין עקזיסטירט אין XI־טן יאָרהונדערט. עס איז באַקאַנט, אַז אין יאָר 1062 האָבן זיך אין טיסמעניץ באַזעצט די ערשטע אַרמענער. דער היסטאָריקער האַרשאָווסקי דערמאָנט אין זיין ווערק „די געשיכטע פון די רוסינען״ (היסטאָריאַ רוסי ז. 48), אַז אין יאָר 1145 איז דער קניאַז וואָלאָדאָמירקא (וולאַדימיר דער ערשטער) געקומען אויף יאָגד קיין טיסמעניץ. אַ גענויערע באַשרייבונג וועגן טיסמעניץ איז פאַראַן פון יאָר 1448, ווען טיסמעניץ האָט געהערט צום פּוילישן קעניג, קאַזשימיעזש יאַגעלאַנציק, וואָס האָט אַ סך געהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט. אין דערמאָנטן יאָר האָט ער ארויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן אַ שנעלער

אַנטוויקלונג פון דער שטאָט. צו דעם צוועק האָט ער אויך צוגעטיילט אַ גרעסערע געלט־שפּענדונג. טיסמעניץ האָט זיך טאָקע אָנגעהויבן שנעל צו אַנטוויקלען און גלייכצייטיק געוואָרן אַ פעסטונג־שטאָט.

איבערפאַלן, שריפות און מגפות

אין יאָר 1513 זענען טערקן און וואַלאַכן באַפאַלן די שטאָט, און זי פאַרברענט. די שטאָט האָט זיך אָבער שנעל אויפגעבויט אין טאָל פון ווראָנער טייך־געלעגער. אין יאָר 1540 זענען די וואַלאַכן אויפסניי אָנגעפאַלן אויף דער שטאָט און זי ווידער פאַרברענט. כדי די שטאָט זאָל זיך קענען צוריק אויפבויען, האָט קעניג זיגמונט דער ערשטער זי באַפרייט פון שטייערן אויף פיר יאָר. דאָס האָט טאָקע צוגעהאָלפן, אַז די שטאָט זאָל זיך אויפסניי אויפבויען. אָנהויב פון 17־טן יאָרהונדערט זענען די טערקן ווידער באַפאַלן די שטאָט און זי פאַרברענט. דעם 14־טן אַפּריל 1618 האָט דער קעניג זיגמונט דער דריטער אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט אַז די שטאָט מיט אירע אַרומיקע דערפער: מיקוטינצע, אוהאָרניק, פּאָדלאָזשע, פּאָדפּיערציאָרי, סטוד־זיענעק, קלאַבאַווצע און מאַרקאָווצע זאָלן באַפרייט זיין פון שטייערן אין משך פון 4 יאָר, כדי זיי זאָלן זיך קענען אויפסניי אויפבויען. געשען איז דאָס אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון דער אלמנה נאָכן פאַרשטאָרבענעם גראַף יעקוב פּאָטאָצקי, יאַדוויגאַ פּאָטאָצקאַ, צו וועלכער טיסמעניץ האָט דעמאָלט געהערט.

אין יאָר 1640 זענען די טאַטאַרן באַפאַלן די שטאָט, זי אויסגעפּלינדערט, פאַרברענט און מיטגעשלעפּט מיט זיך בערך 30.000 מענטשן פון שטאָט. נאָכן דאָזיקן איבערפאַל האָט זיך שוין די שטאָט אָנגעהויבן אויפבויען אינעם דרומדיקן טייל, וואָס מ'האָט גערופן די „ליפּעס". דאָרט האָט מען אויפגעבויט אַ שלאָס, אַרומגעצוימט אים מיט אַ פעסטן מויער און אַרומגערינגלט מיטן טייך „סטרומבאַ". ווען אולריך ווערדום האָט אין יאָר 1672 באַזוכט טיסמעניץ, האָט ער אַריינגעשריבן אין זיין טאָגבוך, אַז טיסמעניץ איז אַ קליין שטעטל, אַרומגענומען מיט וואַלן, וואָס צעפאַלן זיך שוין. ער האָט אויך פאַרצייכנט, אַז אין שטאָט געפינען זיך צוויי קלויסטערס, אָבער קיין איין יידישע שול איז נישטאָ, דאָקעגן אין בוטשאַטש האָט ער יאָ געטראָפן צוויי יידישע שילן. פון דעם דרינגט, או צו יענער צייט האָבן שוין אין טיסמעניץ געוווינט אַ גרויסע צאָל יידן.

דעם 2־טן אָקטאָבער 1675 איז טיסמעניץ ווידער באַפאַלן געוואָרן דורך די טערקן און טאַטאַרן, וואָס האָבן די שטאָט טיילווייז פאַרברענט, אַסך איינוווינער

אומגעבראַכט אויפן אָרט און די רעשט מיטגעשלעפט אין געפאַנגענשאַפט. דער שלאָס און פיל הייזער זענען שוין מער נישט אויפגעבויט געוואָרן.

אין יאר 1686 האָט אין טיסמעניץ געוויילט דער פוילישער קעניג יאַן סאָביעסקי. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין הויז „פאַנסקי" וואָס איז נאָך פאַר דער 1־טער



דאָס הויז „פאַנסקי" אין וועלכן עס האָט זיך אויפגעהאַלטן דער קעניג יאַן (דער דריטער) סאָביעסקי (1686)

וועלט־מלחמה געווען דאָס אייגנטום פונעם יידישן גביר ר' שלמה אויערבאַך ז"ל און נאָכן קריג — פון קהי'ה־פאָרשטייער ר' שלמה פישער ז"ל און פון טיסמע־ניצער רב ר' יוסף האַגער ז"ל, און געוואָרט אויף זיין מיליטער, וואָס האָט זיך דעמאָלט גרופירט אינעם דאָרף טאָבוזשיסקאַ ביי טלאָמאַץ.

געווען טיסמעניץ איז איבער־געגאַנגען אין באַזיץ פון די פאָטאָצקעס איז נישט באַקאַנט. עס איז בלויז באַוווּסט, אַז די ברידער גזשעגאָזש און יעקוב פון פאַניאָוווע האָבן אין יאָר 1513 באַקומען פון פוילישן קעניג, זיגמונט דער 1־טער, דאָס

רעכט צו אָרגאַניזירן אין טיסמעניץ ירידים, ווי אויך נעמען אָפּצאָל פאַר יעדן וואָגן, וואָס איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט מיט מענטשן אָדער מיט סחורות. פון דער טיסמעניצער סביבה האָבן אויך געהערט צו די פּאָטאָצקיס די דערפער: פּשעניצניקי, צירנאַלאָזצע, וואַלצאַניצע, קאַלאַדזיעיוווקאַ, מילאַוואַניע, יורקאָווקאַ, אַלשאַניצע, פּאָדפּיעטשאַרע, מיקאָטינצע, אָסטרינאַ, פּאַלאַהיצע, קלאָבאָווצע, פּאָדלאַזיע און כומיאַקאָווקאַ. איך רעכן דאָ אויס די אַלע דערפער, אין וועלכע, פאַר דער ערשטער וועלט־קריג און אויך שפּעטער, האָבן געוווינט יידישע משפחות. דער ערשטער פון דער משפּחה פּאָטאָצקי, מיקאָלאַי פּאָטאָצקי, דער קאַשטעלאַן פון קראָקע, האָט אין 1630 באַשטימט אַ פונדאַציע פאַר די דאָמיניקאַנער מאָנאַכן. נאָך זיין טויט אין 1651 האָט מיט זיין פאַרמעגן אָנגעהויבן פאַרוואַלטן זיין זון יעקוב, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1672, נישט איבערלאָזנדיק קיין יורשים. מיט זיין פאַרמעגן האָבן זיך געטיילט זיינע צוויי ברידער: מיקאָלאַי פּאָטאָצקי פון יעזאָפּיל און דאָמיניק פּאָטאָצקי פון באָהאָראָצאַני, וואָס איז דאַן געוואָרן דער באַזיצער פון טיסמעניץ. דער נייער באַזיצער פון טיסמעניץ האָט אַראָפּגעבראַכט אהער ארמענער און אויפגעבויט פאַר זיי אַ קלויסטער פון האָלץ. יאָאַננאַ פּאָטאָצקאַ־וויעלאָהאָראַסקאַ האָט אויפגעבויט איין קלויסטער פאַר דאָמיניקאַנער און אַ צווייטן קלויסטער פאַר די רוסינען. ווי מיר דערמאָנט זיך פלעגט מען דערציילן, אַז די פּאָטאָצקעס האָבן אויך מיטגעהאָלפן ביים אויפבויען אַ שול פאַר יידן. אין יאָר 1689 האָט די גרעפין, קאָנסטאַנציאַ פּאָטאָצקאַ צוגעטיילט אַ געהאַלט פאַרן אַרמענישן גלח און גלייכצייטיק באַפרייט די אַרמענער פון די שטייערן, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט צאָלן פון זייער פּראָדוקציע.

די אַרמענער האָבן אָרגאַניזירט אין טיסמעניץ די גאַרבער־פּראָדוקציע, וואָס איז דעמאָלט געוואָרן אַ וויכטיקער חיונה־צווייג פאַר דער דאָרטיקער באַפעלקערונג און אזוי געבליבן ביז היינט צו טאָג. די אַרמענער האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט האַנדל און מלאָכה. אין יענע צייטן האָבן די אַרמענער געציילט אַן ערך 300 משפחות, פון וועלכע עס איז אין יאָר 1939 געבליבן בלויז דריי משפחות, ווייל אויסער די דערמאָנטע דריי משפחות האָבן זיך אַלע אין משך פון דער צייט אויסגעמישט מיט דער פוילישער באַפעלקערונג.

ווי כ'האב שוין אויבן דערמאנט האָבן זיך שוין אין XVI יאָרהונדערט געפונען יידן אין טיסמעניץ. אַ באַווייז אויף דעם קען זיין דאָס אַלטע בית־הקברות, וואָס האָט זיך געפונען אין סאמע מיטן שטאָט. לויט די אַלטע מצבות, וואָס די יידישע קהילה פלעגט היטן און קאָנסערווירן, און לויטן אָרט ווו זיי האָבן זיך געפונען, האָט מען

געשאַצט, אז זיי שטייען שוין אזוי אויף קברים פון גרויסע צדיקים אן ערך פון 300—350 יאָר. אין ביולעטין פון ידישן היסטאָרישן אינסטיטוט נר׳ 67 (וואַרשע 1968) אויף זייט 72, ווערט געבראַכט פאָלגנדיקער דאָקומענט:

„וואַרשע, דעם 21־טן יולי 1661 — דער קעניג יאַן קאַזשימיעזש באַשטעטיקט אויפסניי די באַווליקונג, פאַרן טיסמעניצער ייד מיטן נאָמען „יאָסקי" צו קויפן אַ געמויערט הויז אין דער שטאָט באר, דאָס איז שוין פריער באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קעניג וולאַדיסלאַוו דער פערטער (אַ ווייטערער באַווייז, אַז יידן האָבן געוווינט אין טיסמעניץ אינעם 16־טן יאָרהונדערט).

פון געשיכטלעכע מאַטעריאַלן איז אויך באַקאַנט, אז אין יאָר 1772 איז אין טיסמעניץ געווען אַן אַנגעזעענע קאַראימישע געמיינדע (ד״ר מ. באַלאַבאַן און א. י. בראַווער).

ווייטערדיקע רויבערייען, שריפות און מגפות

אין פעריאָד פון 1738—1739 האָבן דורך טיסמעניץ אַדורכמאַרשירט רוסישע סאָלדאַטן אין מלחמה קעגן די טערקן. זיי האָבן די שטאָט אויסגעפּלינדערט און ממילא האָבן אויך די ידישע איינוווינער דעמאָלט שטאַרק געליטן.

אין יולי 1764 איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה אין שטאָט, אויך דער שלאָס, וואָס האָט זיך געפונען אין שטאָט־צענטער, איז פאַרברענט געוואָרן. געבליבן זענען בלויז עטלעכע הייזער. אין אָקטאָבער 1822 איז אויסגעבראָכן א שריפה אויף דער אַנדערער זייט פון דער טלאָמאַצער בריק. די שריפה האָט זיך איבערגעוואָרפן אויף דער צווייטער זייט בריק. אַלע הייזער אויפן רינגפּלאַץ און אויף סטאַניסלאַווער פאַרשטאָט זענען איינגעשלונגען געוואָרן דורכן פייער. אין יאָר 1865 איז ווידער אויסגעבראָכן אַ שריפה, וואָס האָט פאַרניכטעט דעם גאַנצן רינגפּלאַץ, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט אויפסניי אויפגעבויט. פון דער שריפה האָט אויך געליטן די גרויסע ידישע שול און צוויי קלויסטערס. איידער מען האָט נאָך באַוויזן צו פאַריכטן די שאָדנס, וואָס די דאָזיקע שריפה האָט אָנגעמאַכט, איז אין יאָר 1868 אויפסניי אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה, וואָס האָט איינגעשלונגען העכער 40 פּראָצענט פון אַלע הייזער אין שטאָט. אַ גרויסע שריפה איז אויך אויסגעבראָכן אין יאָר 1882. אין די פלאַמען פון דער שריפה זענען, אויסער פיל הייזער, פאַרברענט געוואָרן די גרויסע שול, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אויפסניי אויפגעבויט. אויך דאָס בית־המדרש איז פאַרברענט געוואָרן. אין יאָר 1897 האָט

טיסמעניץ ווידער געליטן פון א שריפה, וואס האָט פאַרניכטעט פיל הייזער און אויך 47 ווירטשאפטן.



א בליק אויפן רינעק

פון רעכטס: דאָס הויז פון פנחס גאָטעסמאַן און לייבעלע בלאַנד. דאָס צווייִשטאָקיקע הויז פון טהענען. בשכנות — דאָס הויז פון מעכל גרייף

פאַרפלייצונג און מגפות

פון אַ גרויסער פארפלייצונג האָט טיסמעניץ געליטן אין יאר 1894. דאָס איז געווען אַ פאַרפלייצעניש, וואָס איז געקומען פון אַ וואַלקנבראָך, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע וואָך. ס׳וואַסער האָט פאַרשלונגען אַ סך פאַרמעגנס, צעשטערט פיל הייזער און ווירטשאַפטן. עס זענען אויך געווען מענטשלעכע קרבנות. אין דער רעטונגס־הילף האָט אַ גרויסן אַנטייל גענומען אַן עסטרייכישער סאַפּערן באַטאַליאָן, וואָס האָט פאַרהיט די שטאָט פון אַ גרויסן אומגליק, וואָס די פאַרפלייצונג האָט מיט זיך געקאָנט גורם זיין. נאָך דער פאַרפלייצעניש איז אויסגעבראָכן אַ כאָליערע־עפּידעמיע, וואָס האָט געדויערט גאַנצע זעקס וואָכן. פון דער עפּידעמיע זענען דעמאָלט געשטאָרבן העכער הונדערט מענער, פרויען און קינדער.

אויך אין פריערדיקע יאָרן האָט די טיסמעניצער באַפעלקערונג געליטן פון עפּידעמיעס. אזוי, למשל, איז דעם 29־טן יולי 1770 אויסגעבראָכן אַ כאָליערע־עפּידעמיע, וואָס האָט זיך געצויגן ביז סוף יאַנואַר 1771 און גורם געווען דעם טויט פון 728 מענטשן (פּאָליאַקן, יידן, רוסינער, אַרמענער). וויפל פון יעדער נאַציאָנאַליטעט עס זענען דעמאָלט געשטאָרבן איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן. מען ווייסט בלויז, אַז פון די אַרמענער זענען געשטאָרבן 36 מענטשן. אין יאָר 1831 האָט געבושעוועט אַ כאָליערע־עפּידעמיע, וואָס האָט זיך לאַנג געצויגן. טאָג טעגלעך זענען געשטאָרבן פון 20 ביז 40 מענטשן (יידן און קריסטן) זייער אַ געפערלעכע כאָליערע עפּידעמיע איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1848 (22־טן יולי), וואָס האָט איינגעשלונגען פיל מער מענטשלעכע קרבנות ווי אין יאָר 1831.

טיסמעניץ נאָך דער ערשטער טיילונג פון פוילן

נאָך דער ערשטער חלוקה פון פוילן, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1772, האָט גאַליציע געציילט 150 טויזנט יידן. איז יאָר 1850 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין גאַליציע שוין געציילט 333 טויזנט נפשות און אַ צאָל פון 476 טויזנט יידישע נפשות אין גאַנץ עסטרייך. ס׳איז דאַריבער קלאָר, אַז די גאַליציאַנער יידן, וואָס זענען פון דער „חלוקה" אַן געוועזן עסטרייכישע בירגער, האָבן פאַרנומען אַן אַנגעזעען אָרט אויף אַלע געביטן אין לעבן פון עסטרייכישן יידנטום. די סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די גאַליציאַנער יידן האָט זיך אָבער ווייניק וואָס געענדערט. אַ סך געזעצן, וואָס זענען אין פוילן פריער חל געווען אויף יידן, זענען געבליבן אין קראַפט: די וווינונגס־מעגלעכקייט פון די יידן איז ווייטער געבליבן באַשרענקט. אין יעדער שטאָט איז געווען כמו אַ יידישע געטאָ; יידן איז פאַרווערט געווען צו קויפן הייזער אין שטעט; אין דערפער — האָבן זיי בכלל נישט געטאָרט באַזיצן קיין ערדבאָדן. די יידישע בעלי־מלאכות, וואָס זענען געווען אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, זענען געווען באַשרענקט צו עטלעכע פאַכן. יידן האָבן אויך נישט געהאַט קיין וואַל־רעכט צו די געמיינדעס. אחוץ דעם זענען זיי נאָך געווען באַלאַסטעט מיט גרויסע שטייערן, ווי: קאָפּ־שטייער, כשר־פלייש־שטייער, שטייערן אויף אַ דערלויבנישׂ חתונה צו האָבן און קודם כל שבת־ליכט־שטייער, וואָס מ׳האָט געמוזט צאָלן אפילו, ווען מען האָט נישט געצונדן קיין ליכט.

אַביסל לייכטער איז געוואָרן די לאַגע אין יאָר 1789, ווען די ממשלה האָט זיך געפונען אין די הענט פון דעם קייזער יוזעף דעם צווייטן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ געוויסן פאַרלייכטערונגס־דעקרעט; נאָך זיין טויט (1790) האָט מען אָבער דעם דעקרעט אָפּגעשאַפט. ערשט אין יאָר 1848 האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה פאַר אייניקע פעלקער אין אייראָפּע. אויך די יידן פון מיטל־אייראָפּע האָבן אָנגעהויבן געניסן פון מער פרייהייט און רעכט. דעם 18טן אַפּריל 1848 האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן רעליגיעזער פרייהייט פאַר יידן. נישט אַלע באַגרענעצונגען אָבער זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן.

דעם 6טן אַפּריל 1848 האָט קייזער פראַנץ יאָזעף אויפגענומען אַ דעלעגאַציע

פון לעמבערג. אין דער דעלעגאציע האָבן זיך אויך באטייליקט פאָרשטייער פון גאַליציישע יידן. בכלל איז די דאזיקע תקופה געווען א שטארקער ווענד־פונקט אין לעבן פון די גאַליציישע יידן נישט בלויז אויפן עקאָנאָמישן געביט, נאָר אויך אויפן קולטורעלן. עס האָבן זיך אנגעהויבן אָרגאניזירן אין די שטעט קאָמיטעטן צו פאַרשפרייטן וויסן און קולטור צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. די טעטיקייט פון די קאָמיטעטן האָט אָבער געהאט אַ קנאַפע ווירקונג אויפן רוב יידן, ווייל זיי זענען געווען דערדריקט דורך די עקאָנאָמישע שוועריקייטן, אין וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו לעבן.

אין דער זעלבער צייט איז אויך אין טיסמעניץ אַנטשטאַנען א „חברה צו לייענען און אנטוויקלונג״, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פאַרשפרייטן וויסן, אויפקלערן און דינען מיט נוצלעכע עצות. ד״ר מאיר באַלאַבאַן, אין זיין „געשיכטע פון די יידן אין גאַליציע אין קראָקעווער רעפובליק״ (1772—1868), באַמערקט, אז אויפן געביט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג, איז טיסמעניץ געשטאַנען אויפן צווייטן אָרט נאך קראקע, פאר סטאַניסלאַוו און לעמבערג. בראש פון דער קולטורעלער טעטיקייט אין טיסמעניץ זענען געשטאַנען: אברהם שולמאַן, ה. כהן און שלמה פרענקעל. די יידן אין טיסמעניץ, פונקט ווי די יידן אין גאַנץ גאליציע, האָבן אָנגעהויבן זיך באַנוצן מיט זייער רעכט און פרייהייט. און ווען פראַנציישעק סמולקא האָט, אין זיין באַקאַנטן בריוו צום לעמבערגער רב ר׳ צבי הירש חיות (1805—1855) ז״ל, אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די יידן דאַרפן זיך מעסיקן ביים אויסנוצן די פרייהייט זייערע, כדי נישט אַרויסצורופן קיין רעאַקציע ביי די נישט יידישע שכנים, האט ער באקומען א ווירדיקן ענטפער פון טיסמעניצער „לעזער אוי פארשריט־פאראיין״ (27 אויגוסט 1848), אין וועלכן זיי ווייזן אויף אַן, אַז די יידי דאַרף געגעבן ווערן פוילישע שולן און אויך לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס. דאָס, וואָס דווקא טיסמעניץ איז אויסגעפאַלן דער כבוד צו געבן דעם געהעריקן ענטפער, איז אַ גענוגנדיקער באַווייז, אַז שוין אין יענער צייט האָט, אין דער יידישער געזעלשאַפט אין גאַליציע, טיסמעניץ פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט אין קאַמף פאר קולטור און פאָרשריט. אין זיין אַרבעט „די יידן פון לעמבערג צווישן 16טן און 17טן יאָרהונדערט״ באַמערקט ד״ר באַלאַבאַן, אַז טיסמעניץ איז געווען פאָרטראָטן אין די פּראָמינענטע יידישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אויסגעוויילט רבנים און אַנדערע כלי קודש. לויט דער זעלבער קוועלע האָבן אין יאר 1765 געלעבט אין טיסמעניץ אַכט הונדערט און אַכציק יידן (אריינגערעכנט 45 קינדער). אין די אַרומיקע דערפער ווידער האָבן געלעבט 56 יידן: מיקוטינצע — 9, אין דעם איין

קינד, אין אוהאַרניק — 2, פּאָדלאָזשע — 5, פּאָדפּיעצאַרי — 7, האַמיאַקוווקאַ — 5, קלאַבאַווצע — 4, אוסטרינ-אַ — 6, לאַצקיע — 10 און אין מאַרקאָווצע — 8.

צוזאַמען איז דאָס געווען אַ צאָל פון 936 יידן, אין דעם 64 קינדער. אין זעלבן פּעריאָד האָט די יידישע באַפעלקערונג אין סטאַניסלאַוו געציילט 925 נפשות אין דעם 78 קינדער. די אַנגעגעבענע דאָ ציפערן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין טיסמעניץ, און אין סטאַניסלאַוו, דאַרף מען נישט אָננעמען אַלס אַבסאָלוטע, ווייל צוליבן קאָפּ-שטייער, וואָס יידן האָבן דעמאָלט געמוזט צאָלן, האָט מען אין די שטעט די פאַקטישע צאָל יידישע איינוווינער נישט אָנגעגעבן. פאַקטיש איז די צאָל געווען פיל גרעסער.

לויט דער יידישער ענציקלאָפּעדיע פּעטערבורג און לויט דער ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ האָבן אין יאָר 1880 געלעבט אין טיסמעניץ 2529 יידן, אין יאָר 1900 — 2049 און אין יאָר 1910 — 2305 יידן.

אַ גענויער בילד וועגן דער צאָל יידישע נפשות אין טיסמעניץ אין פּעריאָד 1880—1921, אין פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין שטאָט, וועלן מיר באַקומען פון פאָלגנדיקער טאַבעלע :

יאר	צאָל פון דער אַלג׳ באַפעלקערונג	צאָל יידן	פּראָצענט
1880	6913	2529	36,4
1890	7654	2492	32,5
1900	7918	2049	25,7
1910	9929	2305	23,2
1921	7027	1090	15,5

אין יענער צייט האָבן שוין די טיסמעניצער יידן באַהערשט דעם הורט-האַנדל, וואָס האָט זיך ביז דאַן געפונען אין די הענט פון די אַרמענער דאָרט. אין דער צווייטער העלפט פון 18-טן יאַרהונדערט פלעגן שוין טיסמעניצער גרויסע סוחרים קומען קיין וורצלאַוו (י. שיפּער „יידישער האַנדל אין פּוילן", ז. 235, דערשינען אין 1937). ב. באָלעכאָווער דערמאָנט אין זיינע זכרונות (ווישניצער, בערלין 1922), אַז דער טיסמעניצער הורט-סוחר, ר׳ צבי הירש, האָט אויפן יריד אין וורצלאַוו איינגעקויפט אַסך סחורות און האָט זיך אַפילו פאַרשולדיקט אויף אַ סומע פון 25 טויזנט זלאָטעס. אין אַלגעמיין איז אָבער די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער

באפעלקערונג אין טיסמעניץ געווען זער אַ שווערע, ווייל דאָס רוב יידישע איינוווינער זענען געווען בעלי־מלאכות, מילכיקערס, שענקער, און הענדלערס. חוץ דעם האָבן אָסך בכלל נישט געהאט קיין באַשטימטע פרנסה. דאָך האָבן טיסמעניצער ייִדן פארנומען אַן אָנגעזען אָרט אין עקאָנאָמישן לעבן נישט בלויז אין שטאָט גופא, נאָר אויך אין אַנדערע שכנישע שטעט מיט אַ יידישער באַפעלקערונג. ס'איז למשל באַקאַנט, אַז אויף דער ווענדונג פון דער ריישער יידישער געמיינדע צום אייגנטימער פון ריישע, יעזשי איגנאַצי לובאָמירסקי, וועגן צעלייגן דעם יערלעכן שטייער זייערן, וואָס האָט באַטראָפן 15,536 זלאָטעס, אויף וועכנטלעכע ראַטעס, איז אויך געווען אונטערגעשריבן אַ געוויסער יהושע פון טיסמעניץ (זשעשאוו, בוך 12, ז. 154—156, פון יאר 1732).

די ערשטע שול פאר יידישע קינדער אין טיסמעניץ איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1788. דער לערער פון דער שול איז געווען הערשל שולמאַן, זיין געהאַלט האָט באַטראָפן 200 ריינישע א יאַר, וואָס איז אים אויסגעצאָלט געוואָרן פון א. ג. „לערער־פאָנד", וואָס די פּאַטאַצקיס האָבן געשאַפן פאַר טיסמעניץ. געווען איז עס אין יאָר 1817. די פּאַטאַצקיס האָבן באַשטימט א „לערער־פאָנד" פון וועלכן די רוסינער איז צוגעטיילט געוואָרן 60 ריינישע א חודש, די פּאָליאַקן — 20 ריינישע, די אַרמענער — 18 ריינישע און די יידן — 14 ריינישע. אויסער פאָרן לערער זענען אַלע שול־הוצאות געדעקט געוואָרן דורך דער טיסמעניצער יידישער קהילה.

א געוויסע ירידה פון טיסמעניץ האָט זיך אָנגעהויבן אין יאר 1896. די ירידה איז געווען א פועל יוצא פון דעם, וואָס די עסטרייכישע רעגירונג האָט פּלאַנירט צו באַזעצן אין טיסמעניץ די באַן־דירעקציע ווי אויך די באַן־וואַרשטאַטן, פאַר וועלכע ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ געוויסער טייל פון דער „טאָליקע", ווו עס פלעגן זיך פּאַשען בהמות פון די טיסמעניצער לאַנדווירטן. די טיסמעניצער געמיינדע האָט נישט מסכים געווען און דער פּלאַן איז רעאַליזירט געוואָרן אין סטאַניסלאַוו. מיט א צייט שפּעטער ווידער האט זיך א פּריוואַטע געזעלשאַפט באַמיט וועגן א הסכם אויפצובויען אויפן דערמאַנטן פּלאַץ א צוקער־פאַבריק. די געמיינדע האָט אויף דעם פּלאַן אויך נישט מסכים געווען. אויך דער פּלאַן איז רעאַליזירט געוואָרן אין דער שכנותדיקער שטאָט כאָדעראָוו. האָבן זיך טאַקע די צוויי דערמאָנטע שטעט אַנטוויקלט און טיסמעניץ איז אָפּגעשטאַנען. ביז דאַן האט טיסמעניץ געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער גאַנצער געגנט. אין טיסמעניץ פלעגן פאַרקומען גרויסע ירידים, וואָס האָבן באַרייכערט די שטאָט. אויף געוויסע סחורות פלעג אפילו טיסמעניץ דיקטירן די פּרייזן. טיסמעניץ האָט דאַן אויך געשטמט מיט איר קרעלן־

פראָדוקציע פון וועלכע אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט געצויגן חיונה. געשמט האָבן אויך די טיסמעניצער אויסאַרבעטונגען פון טליתים, גאַרטלען, תפילין און בתים. טיסמעניצער בתים זענען געווען באַרימט ווייט אויסער טיסמעניץ.

אין טיסמעניץ האָבן סטאַציאָנירט געוויסע מיליטערישע פאָרמאַציעס, ווי: זעקס שוואַדראָנען רייטער א. א. טיסמעניץ איז געווען אַן אַנגעזעענע שטאָט אין יענער געגנט, ווייל זי איז געווען א קרייזשטאָט.

די טיסמעניצער גרויסע שול

די טיסמעניצער גרויסע שול איז אויפגעבויט געוואָרן אין די יאָרן, ווען ר׳ משולם איגרא ז״ל איז געווען דער רב פון שטאָט. אויפגענומען איז ער געוואָרן אַלס רב אין יאָר 1769. אויף אויפצובויען אַ שול האָט מען באַקומען אַ דערלויבעניש פון אַרציבישאָף-העגמאַן וואַצלאַוו שעראַקאָווסקי, וועלכער האָט, לויט אַ באַשלוס פון סינאָד געהאָט רעכט אַרויסצוגעבן אַזעלכע דערלויבענישן. וואַרשיינלעך איז די פּראָצעדור פּראַקטיצירט געוואָרן, כדי דער קלויסטער זאָל באַקומען פאַר דער דערלויבעניש אַ יערלעכן אָפּצאָל (שעראַקאָווסקי איז געווען אַרציבישאָף אין לעמבערג פון 1761 ביז 1780).

די שול איז אויפגעבויט געוואָרן מיט דער הילף פון די פּאָטאָצקיס. פון די שריפות אין שטאָט האָט תמיד אויך די שול געליטן. נאָך דער גרויסער שריפה אין יאָר 1764, ווען די גאַנצע שול איז פאַרברענט געוואָרן האָט דער „ועד ארבע ארצות״, וואָס פלעגט אָפּהאַלטן זיינע אסיפות אין יאַראָסלאַוו (גאַליציע) אָדער אין לובלין, באַשטימט אַ שטיצע פון 3000 פלאָרין אויפצובויען אויפסניי די טיסמעניצער שול. לויט איך געדענק האָט די שול, וואָס איז דאָרט געבליבן ביז היינט, געהאָט אַזאַ אויסזען: די אויסערלעכע ווענט זענען געווען ענלעך צו די ווענט פון דאָמיניקאַנישן קלויסטער (להבדיל), די אינערלעכע איינריכטונג איז געווען לויטן סטיל פון אנדערע אַלטע שולן אין גאַליציע און געבויט פון האָלץ. בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט רוסיש מיליטער צעשטערט די אינערלעכע איינריכטונגען און דאָס האָלץ גענוצט אַלס הייץ-מאַטעריאַל. נאָכן קריג, ווען די טיסמעניצער קהילה האָט אויפסניי אָנגעהויבן אויפבויען די שול, איז אַראָפּגעקומען אַ קאָמיסיע פון פּוילישן קאָנסער־וואַציע־אַמט און, נאָך אַ לענגערער פאָרשונג, פאַראָרדנט, אַז דאָס אויסערלעכע אויסזען פון דער שול זאָל נישט געענדערט ווערן.

די שול האָט 42 איילן די לענג און 38 איילן די ברייט. די הייך האָט נישט געטאָרט איבערשטייגן די הייך פון די קלויסטערס, הגם זי האָט זיך געפונען אויף אַ בערגל ווייט פון די קלויסטערס. געהאַט האָט זי 12 גרויסע פענצטער. אַזוי איז געווען דער אויסערלעכער אויסזען. די קאָנסטרוקציע בכלל איז געווען ענלעך צו דער קאָנסטרוקציע פון אַנדערע שילן אין די גרעסטע פוילישע שטעט. דער פאַרנעם איז געווען כמעט ווי די שול אין לעמבערג. דער אַריינגאַנג האָט געפירט דורך אַ צווייטייליקן האַלצערנעם טויער מיט מעשענע רינגען, וועלכע צוויי גרויסע געשניצטע לייבן האַלטן אין מויל. דער אַריינגאַנג האָט געפירט צו אַ רחבותדיקן פאַליש, וואָס האָט פאַרנומען כמעט אַ פערטל פון דער גאַנצער ברייט פון דער שול. אין פאַליש האָבן זיך געפונען צוויי גרויסע קאַסטנס, וואָס זענען געווען אָנגעפילט מיט זאַמד. די קאַסטנס זענען געשטאַנען אויף שווערע דעמבענע פיס און זענען באַנוצט געוואָרן צום אַריינשטעלן די גרויסע יום־כיפור־ליכט. אין דער לינקער זייט פון פאַליש האָט זיך געפונען דער אַריינגאַנג אין שול, צו וועלכער ס'האָבן אַראָפּגעפירט פינף טרעפּ פון מירמל־שטיין. אויך דער געוועלבטער משקוף איז געווען פון מאַרמור. אין דער שול איז מען אַריינגעגאַנגען דורך אַ טויער, וואָס האָט געהאַט 2 מזוזות פון מירמל־שטיין. דאָס דאָזיקע טויער איז געווען פון דעמבענעם האָלץ, וואָס איז געווען פול מיט ווונדערלעכע שניצערייען. די מעשענע הענטלעך זענען געווען אַ קונסט־אַרבעט און דער גרויסער שלאָס איז געווען געגאָסן פון בראָנז. די טרעפּ פון פאַליש, ווי כ'האָב דערמאָנט, האָבן געפירט אַראָפּ אין שול אַריין, ווייל די שול איז געווען געבויט אין דער טיף. ד"ר מאיר באַלאַבאַן גיט אָן, אַז די יידן האָבן געבויט די שול אין דער טיף, ווייל אויסערלעך האָט זי נישט געטאָרט איבערשטייגן די הייך פון קלויסטער. לויט באַלאַבאַנס באַהויפּטונגען קומט אויס, אַז די שול איז אויפגעבויט געוואָרן נאָך אין 16־טן יאָרהונדערט.

די אינערלעכע קאנסטרוקציע

ביים אינערלעכן טויער פון דער רעכטער זייט איז איינגעריכטעט אַ נישע, וועלכע מ'האָט גערופן „קונע". די נישע איז, ווי מ'פלעגט דערציילן, באַשטימט געווען פאַר יידן, וואָס זענען באַשטראָפט געוואָרן: פאַר „חילול שבת", פאַר „מכירת בשר טריף" (צו יענער צייט, ווי מיר ווייסן, האָבן די יידן געהאַט אַ געוויסע אויטאָנאָמיע און די יידישע קהילות האָבן געהאַט דאָס רעכט צו באַשטראָפן יידן פאַר געוויסע חטאים).

צום אָרון־קודש איז מען אַרויפגעגאַנגען מיט 12 טרעפּ. ווי מיין פאָטער פלעגט דערציילן איז דער פריערדיקער אָרון־קודש געווען אַ קונסט־אויסאַרבעטונג מיט פאַרשידענע שניצערייען אין האָלץ און האָט זיך געצויגן ביזן סופיט, אַרומנעמענדיק דאָס גרויסע פענצטער איבער אים, וואָס איז געווען געגלייזט מיט קאָלירטע שויבן. דער ארון קודש, ווי איך געדענק, איז געווען אַ גאַנץ פּשוטער, איבער וועלכן כ׳פלעגט אַראָפּהענגען אַ נר־תמיד פונעם סופיט. אין מיטן פון שול איז געווען אַ „בעלעמער". אין אַלע פיר זייטן פון בעלעמער זענען געווען 4 ריזיקע מאַרמאָרנע זיילן, וואָס האָבן זיך געצויגן ביזן סופיט. צווישן די זיילן איז געווען אַ וועלבונג, פון וועלכער ס׳איז אַראָפּגעהאַנגען אַ גרויסער מעשענער לייכטער. צום בעלעמער פלעג מען אַרויפגיין אויף עטליכע שטיינערנע טרעפּ. אין מיטן פון בעלעמער איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש אויף געשניצטע פיס און אַנטקעגן דעם טיש איז געשטאַנען אַ גרויסער פאָטעל באַדעקט מיט לעדער (אליהו הנביא־שטול). דער טיש האָט געדינט צום לייענען די תורה און דער פאָטעל איז געווען באַשטימט פאַרן סנדק ביי ברית־מילה.

אין ביידע זייטן פון דער שול זענען געשטאַנען שווערע מאַסיווע בענק פון האָלץ פאַר די מתפללים און אין צוויי זייטן פון אָרון־קודש זענען געווען ספּעציעלע זיץ־פּלעצער פאַרן רב און פאַר די נכבדים פון דער קהילה. די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום אָרון־קודש זענען געווען באַדעקט מיט אַ פּלושענעם טעפּיך און דער אָרון־קודש איז געווען פאַרצויגן מיט אַ טייערן, געשטיקטן, פרוכת. אין אָרון־קודש זענען געווען אַ סך ספר־תורה׳ס, וועלכע פלעגן אַרויסגענומען ווערן שמחת־תורה צו די הקפות. אויסער די ספר־תורה׳ס האָט די שול פאַרמאָגט טייערע כלי־קודש און פרעכטיק אויסגעשטיקטע פרוכתן, וואָס זענען געווען קונסט־אַנטיקן און פלעגן אַפילו אויסגעבאָרגט ווערן אויף ליטורגישע אויסשטעלונגען, ווו זיי זענען ספּעציעל אויסגעצייכנט געוואָרן. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־קריג איז דאָס אַלץ איבערגעפירט געוואָרן קיין ווין און פון דאָרט האָט מען זיי נישט אומגעקערט קיין טיסמעניץ. די מאַלערייען אויף די ווענט און סופיט האָבן פאַרגעשטעלט תנ"כישע טעמעס. דאָס איז געווען אַזאַ קונסט־אַרבעט, וואָס יעדער האָט נאָר געקענט באַוואונדערן. די פאַרבן האָבן אָנגעהאַלטן צענדליקער יאָרן. אויף די ווענט זענען אויך געווען אויסגעמאָלן מיט גרויסע אותיות אייניקע תפילות.

אין דער רעכטער זייט פון פאָליש האָט זיך געפונען אַ שטיבל, וואָס מ׳האָט גערופן דאָס „שניידערישע שילעכל". דער אַריינגאַנג צו דער ווייבערישער שול האָט זיך געפונען אין מזרח־זייט פון דער שול. צו דער שול האָבן געפירט 30 ברייטע

טרעפּ, וואָס האָבן זיך געצויגן פון וואַנט צו וואַנט. אין דער ווייבערישער שול זענען געווען אַן ערך 200 זיץ־ערטער.

נעבן אַריינגאַנג צו דער ווייבערישער שול האָט זיך געפונען אַ קליינער אָרום־געצוימטער שטח מיט אַ גדר. אין שייכות מיט דעם האָט זיך געשאַפן אַ לעגענדע, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, אַז אין אַ געוויסן פרייטאָג זענען אויף דעם אָרט איינגעזונקען געוואָרן בעת דער חופה חתן־כלה מיט אַלע געסט. צום מקור פון דער לעגענדע איז מען ביז היינט נישט דערגאַנגען. מען ווייסט אָבער יאָ, אַז ענלעכע לעגענדעס האָבן קורסירט אין קראָקע און אין גוואָזדזשעץ.

די ווייבערישע שול האָט אויסגעזען ווי אַ גאַלעריע איבערן אַריינגאַנג אין דער מערב־זייט. די גאַלעריע איז געווען אָפּגעטיילט אין איר גאַנצן פראָנט מיט אַן אייזערנעם גדר, וואָס איז געווען אַ מייסטערהאַפטע שלאָסער־אַרבעט. הן דער

דער אינערלעכער אויסזען פון דער גרויסער שול אין טישמעניץ

געבוי פון דער ווייבערישער שול, הן דער געבוי פון דער שול גופא, (אַ פירעק) איז אַ באַווייז, אַז די שול איז אויפגעבויט געוואָרן אין 16־טן אָדער 17־טן יאָר־הונדערט. דער אינערלעכער געבוי מיט אירע ווערלבונגען און מאַרמאָר־זיילן זענען

אַ באַוויז אויף דער רענעסאַנס־השפעה פון פוילישן קעניג זיגמונט דעם ערשטן און אויך בעת זיגמונט אויגוסט (1548—1572), ווען קיין פוילן זענען אָנגעקומען איטאַליעניש אַרכיטעקטן, סקולפּטאָרן און מאָלער.

אויסער דער גרויסער שול איז אין טיסמעניץ אויך געווען אַ גרויס בית־המדרש, און אַ גרויסע קלויז, וואָס האָט עקזיסטירט ביזן צווייטן וועלט־קריג. אין אַ שפּעטער־דיקער תקופה זענען צוגעקומען נאָך בתי־מדרשים, ווי: דאָס גרויסע בית־המדרש ביים טיסמעניצער רבין ר׳ יצחק קאַטן זצ״ל, אַ קלענערער בית־מדרש אין זלמן בערנפעלדס הויז, וואָס האָט געהערט צום שטאָטישן רב ר׳ שאול הלוי איש האָראָוויץ און אַ מנין ביים פאַראיין „אהבת אחים״.

ווי מ׳האָט מיר דערציילט האָט די גרויסע שול בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע געדינט אַלס מאַגאַזין פאַר די אָנגערויבטע ביי די יידן מעבלען און מלבושים. איך וויל אויך דערמאָנען וועגן אַ צווייטער לעגענדע, וואָס מ׳פלעגט איבערגעבן און איך האָב עס געהערט הן אין אונדזער שטוב הן אין שטאָט ביי פאַרשידענע גע־לעגנהייטן: אין די נעכט פלעגט מען הערן אַ גערודער אין דער שול, ווייל ביינאַכט פלעגן מתים דאָרט אָפּריכטן זייערע תפילות, לייענען די תורה און וויינען. פלעגן טאַקע די יידן ביינאַכט אויסמיידן צו זיין נאָענט פון דער שול.

אין טיסמעניץ איז, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, געווען אַ קאַראַימישע גע־מיינדע. ס׳איז אָנצונעמען, אַז אויך זיי האָבן אין יענע צייטן געהאַט זייערס אַ בית־תפילה.

לויט ידיעות, וואָס איך האָב באַקומען פון אַ באַגלויבטן פערזאָן, וואָס איז געווען אין טיסמעניץ אין אויגוסט 1972, איז די גרויסע שול, דאָס בית־המדרש און די קלויז אינגאַנצן אָפּגערוימט געוואָרן.

יידישע געלערנטע, שרייבער און דענקער אין טיסמעניץ

טיסמעניץ איז געווען פון די ערשטע שטעט אין גאַליציע, וווהין ס'האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען די השכלה־באַוועגונג. די שטרעבונג צו וויסנשאַפט, בילדונג און צו געניסן פון די קוואַלן פון דער וועלטלעכער קולטור האָט אָבער נישט אָפּגעריסן די דאַרטיקע יידן פון זייער פאָלק און זיין גלויבן.

אין די פערציקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט איז אין טיסמעניץ געגרינדעט געוואָרן אַ „פאַראיין צו פאַרשפּרייטן וויסן צווישן די גאַליציאַנער יידן" (יידישע ענציקלאָפּעדיע, פּעטערבורג ב. XV, ז. 41).

איצט וועגן די טיסמעניצער אינטעלעקטואַלן פון יענער צייט, וואָס האָבן געשמט נישט בלויז אין טיסמעניץ, נאָר אַפילו ווייט אויסער די גרענעצן פון גאַליציע.

בערנפעלד יצחק אהרון

געבוירן אין טיסמעניץ דעם 21־טן אָקטאָבער 1854, געשטאָרבן אין סטרי דעם 2־טן יוני 1930.

זיין פאָטער, משה בערנפעלד איז געווען אַן אויטאָדידאַקט און אַ טיף־דענקענדיקער מענטש. ד"ר זאב ברוידע, וואָס איז אין יאָר 1909 געווען רב און פּרעדיקער אין סטאַניסלאַווער טעמפּל, האָט זיינער צייט דערציילט, אַז אין סטאַניסלאַוו האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסער צאָל באַרופס־אינטעליגענץ. וואָס שייך אינטעליגענץ פון דער יידישער השכלה, האָט ער דאָרט געטראָפן בלויז צוויי, פון וועלכע איינער פון זיי איז געווען ר' משה בערנפעלד. אין שטאָט האָט מען משה'ן פאַרגעוואָרפן אַפּיקורסות, הגם ער איז אין משך פון זיין גאַנץ לעבן נישט באַגאַנגען קיין עבירות „שבין אדם למקום" און אוודאי נישט „שבין אדם להברו". אַ געוויסע צייט האָט ער געוווינט אין סטרי, ווו ער האָט זיך מפרנס געווען פון לערנען די דאַרטיקע נגידישע קינדער.

יצחק אהרן בערנפעלד האָט זיך געלערנט אין טיסמעניץ גופא און אויך אין סטאַניסלאַוו. אין די יאָרן 1886—1926 האָט ער געאַרבעט אַלס לערער אין סטרי

און גליַיכצייטיק מיטגעאַרבעט אין די העברעאישע צייטונגען: „המגיד", „החלוץ", „הקול" א.א. ער האָט אויך איבערזעצט אויף העברעאיש דאָס באַקאַנטע בוך פון בערלינער „דאָס לעבן פון די יידן אין אשכנז אין מיטלאַלטער". ער האָט אויך אָנגעפירט מיטן העברעאישן טייל פון דער פויליש־העברעאישער צייטונג „המזכיר". ס'רוב פון זיינע אַרטיקלען האָבן אָפּגעשפיגלט דאָס לעבן פון די יידן אין גאַליציע. חוץ דעם האָט ער אויך פאַרפאַסט אַ פויליש־העברעאישן ווערטערבוך און איבערגעזעצט די „מסכתא אבות" אויף פויליש. אויסער העברעאיש פלעגט ער אויך שרייבן אין יידיש, פויליש און דייטש. אַזוי איז באַקאַנט, אַז ער האָט אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור אין יידיש א.נ. „די קליינשטעטלדיקע אסיפה", אין וועלכער ער האָט באַגרינדעט די נויטווענדיקייט צו גרינדן יידישע שולן. זיין יונגערער ברודער, שמעון בערנפעלד (געב. 1860, געשט. 1940), איז געווען אַ זייער אָנגעזעענער דאָקטער און אויך געשעמט אַלס געלערנטער מענטש.

באַראַש יהודה־יוליוס

געבוירן אין בראָד, דעם 9־טן יוני 1815, געשטאָרבן אין בוקאַרעשט דעם 3־טן מערץ 1863.

באַראַש איז דערצויגן געוואָרן אינעם גייסט פון דער יידישער טראַדיציע. שוין אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער באַהערשט עטלעכע שפּראַכן (הויפּטזאַכלעך — פראַנצויזיש). עד האָט חתונה געהאַט קיין טיסמעניץ, זיך דאָרט באַזעצט און זיך באַפריינדעט מיט די באַקאַנטע משכילים — הלל כהנא און דב פינילעש א. א. אין טיסמעניץ האָט באַראַש פאַרטיפט זיינע קענטענישן, באַזונדערס האָט ער זיך פאַרטיפט אין דער לערע פון נאַטורוויסנשאַפט. נאָכן טויט פון זיין שווער, וועלכער האָט אים מפרנס געווען, האָט ער זיך צוריק איבערגעצויגן קיין בראָד, ווו ער האָט ווייטער פאַרגעזעצט זיינע שטודיעס. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט ער זיך אויפסניי באַזעצט אין טיסמעניץ און פון דאָנעט אַרויסגעפאָרן קיין לייפּציג (1836), ווו ער האָט געענדיקט אַ מיטלשול. אין יאָר 1841 האָט ער געענדיקט דעם מעדיציניש פאַקולטעט אין לעמבערג און באַקומען דעם מעדיצין־דאָקטאָראַט. צוזאַמען מיט זיין פריינד מ. שטיינשניידער איז ער בעת די שטודיעס געווען אַקטיוו אין דער געהיימער סטודענטן־קאָאָפּעראַציע. אונטער פאַרשידענע פסעוודאָנימען פלעגט ער פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען וועגן יידנטום בכלל און וועגן העברעאיש בפרט. אין יאָר 1841 האָט זיך באַראַש אַריבערגעצויגן קיין בוקאַרעשט, ווו ער האָט פראַקטיצירט אַלס דאָקטער־מעדיצין און געאַרבעט אַלס לעקטאָר אין

דער דאָרטיקער מיליטערישער אַקאַדעמיע און אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען — נאַטורוויסנשאַפט. אין בוקאַרעשט האָט ער אַקטיוו זיך באַטייליקט אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, באַזונדערס ביים פּראָפּאַגירן די השכלה־שטרעבונגען אין יענער צייט. זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן זענען דאָרט דערשינען אין דער רומעניש שפּראַך. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַן ענציקלאָפּעדיע אין העברעאיש.

דער פאַקט, וואָס די יידישע באַפעלקערונג אין רומעניע האָט געגרינדעט אַ געזעלשאַפט צו פאַרשן דאָס לעבן פון די יידן אין רומעניע אויף זיין נאָמען, איז אַ בולטער באַוויז, אַז די יידישע געזעלשאַפט דאָרט האָט אָפּגעשאַצט זיין גרויסן ביישטייער צו דער גייסטיקער אַנטוויקלונג זייערער.

געלבהויז יהושע

י. געלבהויז איז געבוירן געוואָרן אין טיסמעניץ דעם 29־טן יוני 1852. שוין אַלס גאַר יונגער בחור איז ער אַוועק קיין בערלין, ווו ער האָט געלערנט אין בית־המדרש פאַר רבנים, מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפירט דער באַקאַנטער רב גייגער. נאָכן באַקומען היתר־הוראה האָט ער זוכה געווען צום כסא רבנות אין פאַרשידענע יידישע קהילות אין דייטשלאַנד און אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויך אין פּראָג. לסוף איז ער אַריבער קיין ווין, ווו ער האָט געלערנט מיט די תלמידים פון מאיר איש שלום. ער איז אויך געווען לעקטאָר אין סעמינאַר פון פּ. חיות. אין יאָר 1876 האָט ער אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען און פאָרשונגס־אַרבעטן אין פאַרשידענע צייטונגען און צייטשריפטן, ווי: „המגיד״, „הצפירה״, „הלבנון״, „חבצלת״ א. א.

געלבהויז האָט איבערזעצט אויף העברעאיש דערציילונגען פון א. אַגילער א.ג. „מלחמה, האמונה ואהבה״ און צוויי ביכער פון א. יעלינעק א.ג. „אמרי שפר״ און „מטה אהרון״. אייניקע אָריגינעלע שאַפונגען זיינע זענען אויך דערשינען אין דער דייטשישער שפּראַך.

געשטאָרבן איז געלבהויז אין ווין, ווו ער האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן, דעם 13־טן סעפּטעמבער 1928.

כהנא הלל

הלל כהנא איז געבוירן געוואָרן אין סטאַניסלאַוו דעם 13־טן מאי 1821. הללס עלטערן האָבן נישט געשטאַמט פון טיסמעניץ. איבערגעצויגן האָבן זיי זיך קיין

טיסמעניץ, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד. דאָ האָט ער זיך געלערנט ביי יהודה באַראַש, מנחם פּינילעס און אויך ביי משולם האָראָוויץ ז״ל. זיין פאָטער האָט געשמט אַלס תלמיד־חכם און געווען זייער באַליבט און געשעצט. די מאַמע זיינע איז געווען אַ טאָכטער פון באַוווּסטן סטאַניסלאַווער עושר און למדן, ר׳ שמריהו צייזלער ז״ל. ווען הלל איז אַלט געוואָרן צוויי יאָר האָט שוין זיין טאַטע אים געלערנט העברעאישע אויסדרוקן. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן און צו זעקס יאָר האָט ער שוין געלערנט חומש מיט רש״י.

נאָך דער חתונה האָט זיך הלל אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט האַנדל, פון וועלכן ער האָט געצויגן זיין חיונה און גלייכצייטיק זיך פאַרפולקאָמט אין אַלגעמיינער וויסנשאַפט. נאָכן טויט פון זיין ערשטער פרוי (1860) האָט ער זיך איבערגעטראָגן קיין באָטאָשאַני (רומעניע). דאָ האָט ער געגרינדעט די ערשטע יידישע שול און אַראָפּגעבראַכט אַהין אייניקע משכילים פון גאַליציע (די צוויי ברידער טאַלער און אַנדערע). פּאָליטיש איז ער געווען טעטיק אין דער „חיבת ציון״־באַוועגונג. זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די צייטונגען: „כוכבי יצחק״, „השחר״, „המגיד״, „המליץ״, „אוצר הספרות״ א.א. זיינע שאַפונגען האָבן זיך אויך געדרוקט אין דער ווינער דייטשער צייטשריפט „ווינער מיטטיילונגען״. זיין הויפּט־ווערק איז געווען דאָס געאָגראַפיע־בוך „גלילות הארץ״. געשטאָרבן איז ער אין באָטשאַשאַני דעם 6־טן אַפּריל 1901.

פּולאַק־לוק חיים־זאב — ידידיה טעאָפיל

געבוירן אין טיסמעניץ דעם 11־טן סעפּטעמבער 1854, געשטאָרבן דעם 25־טן נאָוועמבער 1916.

פּולאַק לוקי איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן ביי רעליגיעזע עלטערן.

געלערנט תורה אין ישיבות און ביי רבנים אין אונגאַרן. אין יאָר 1872 איז ער אַוועק קיין בערלין. געלערנט אין בית המדרש פון א. גייגער און גלייכצייטיק זיך פאַרפאָלקאָמט אין מיטעלער בילדונג. אין בערלין איז ער אַריבער צום קריסטנטום, לויט זיין אינדיווידועלער איינשטעלונג, וואָס ער האָט באַצייכנט „כנסת המשיח״. דאָס איז געווען אַ סעקטע, צו וועלכער ס׳האָבן געהערט יידן שומרי תורה, וואָס זענען גלייכצייטיק געווען אָנהענגער פון ישו הנוצרי. אין געהיים האָט ער געפירט אַ מיסיאָנערישע טעטיקייט און גלייכצייטיק פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין דער העברעאישער פרעסע, וואָס איז צו יענער צייט דערשינען. נאָכן פאַרלאָזן בערלין האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין אַ דאָרף ביי טיסמעניץ און פון צייט צו צייט זיך

אויך באוויזן אין טיסמעניץ, ווו ער האט אנגעהאלטן א קאנטאקט מיט דארטיקע משכילים... שפעטער ווידער האט ער זיך דערנענטערט צו די שרייבערס פון „האמת״, וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך אהרון שמואל ליבערמאן. ער האט אויך מיטגעהאלפן ארויסצוגעבן די צייטונג „הקול״ אין יידיש. לסוף איז מען געוויר געווארן וועגן זיין מיסיאנערישער טעטיקייט. אין יאר 1882 איז ער אוועק קיין אמעריקע, ווו ער האט געגרינדעט א קריסטלעכן טעאלאגישן אינסטיטוט (1885) און געענדערט זיין נאמען פאלאק אויף לוקי, און אנגעהויבן ארויסגעבן א מאנאטשריפט וועגן ישו הנוצרי אלס משיח (דערשינען 16 נומערן).

פולאק־לוקי האט שטארק געהאלטן פון העברעאיש, און דאריבער האט ער צוזאמען מיט זיינע אנשויונגען אויך פראפאגירט צו פלעגן דאס העבראיש־לשון. ער פלעגט פון צייט צו צייט ארויפקומען קיין טיסמעניץ און זיך באמיען צו פארשפרייטן זיינע געדאנקען וועגן ישו הנוצרי. אין קניהאניען (א דארף ביי סטאניסלאוו) האט ער אפילו געגרינדעט א קליינע סעקטע פון זיינע אנהענגער א. א. „לוקיאנים״. בעתן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג האט ער זיך געפונען אין האלאנד. אויך פון דאנעט האט ער זיך באמיט צו פראפאגירן זיינע געדאנקען צווישן די מערב־אייראפעאישע יידן. ער האט ארויסגעוויזן א נייגונג צום ציוניזם. און האט אפילו געפלאנט זיך צו באזעצן אין פאלעסטינע — אונדזער לאנד ישראל. — און אויך דא פארשפרייטן זיינע מיסיאנערישע אנשויונגען. אויפן וועג צוריק קיין סטאניסלאוו איז ער קראנק געווארן. זיינע חברים־אנהענגער האבן אים געבראכט קיין בערלין און איינגעארדנט אין א דארטיקן שפיטאל „אבן העזר״ ווו ער איז געשטארבן. מקבר געווען האט מען אים, לויט זיין פארלאנג, אויף א יידישן בית עולם אין א פראווינץ־שטעטל פון מעקלענבורג, פלאו.

פינילעס הערש מענדל (פיניליש)

געב. אין טיסמעניץ דעם 10־טן דעצעמבער 1806, געשט. אין גאלאץ (רומעניע) דעם 6־טן סעפטעמבער 1870.

פינילעס האט זיך געלערנט און דערצויגן געווארן אין טיסמעניץ. אין עלטער פון 15 יאר האט ער חתונה געהאט און זיך באזעצט אין בראד. דא האט ער ממשיך געווען זיין לערנען תורה, גלייכצייטיק האט ער זיך פארפולקאמט אין דער דייטשער שפראך. פון די עקזאקטע וויסנשאפטן האט אים פאראינטערעסירט מאטעמאטיק, אין וועלכער ער האט זיך ספעציאליזירט. א באזונדערע אויפמערקזאמקייט האט ער געווידמעט אויסצורעכענען דעם יידישן לוח. היונה האט ער געצויגן פון האנדל.

אין אַנהויב פון די פופציקער יאָרן האָט ער זיך איינגעאָרדנט אין גאַלאַץ (רומעניע). דאָ האָט ער פאַרעפנטלעכט זיינע פאַרשונגס־אַרבעטן אויפן געביט פון יידישן לוח און אויך זיינע אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם ענין מיט די „חכמי ישראל". וועגן זעלבן טאַקע האָט ער געפירט אין משך פון 30 יאָר אַ שאַרפע פּאָלעמיק מיט ח. ז. סלאָנימסקי פון ביאַליסטאָק. (וויצלער האָבן באַצייכנט דעם ויכוח „דער דרייסיק־יאָריקער קריג").

אַחוץ זיינע וויסנשאַפטלעכע פאַרשונגס־אַרבעטן וועגן די יידישע יום־טובים, האָט פּינילעס פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אויף אַקטועלע טעמעס אין „המגיד" און אין דייטשע צייטשריפטן.

אין יאָר 1861 איז אין ווין דערשינען זיינס אַ בוך א.נ. „דרכה של תורה", אין וועלכן ער האָט געפּרוווט באַגרינדן זיינע פאַרשונגען וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער תורה שבע"פ און חשבון פון יידישן לוח מיט דער ביילאַגע פון דער לבנה־באַוועגונג — דאָס פעסטשטעלן פון אונדזער חג הפסח, לוחות פון די קדמונים א.א.

וועגן זיינע אויספירן אין דאָזיקן בוך האָט אים משה וואַלדנבערג אין זיין בוך „כך היה דרכה של תורה" שטאַרק קריטיקירט און אָנגעוויזן, אַז די חז"ל זענען געווען גערעכט. הערש מענדל פּינילעס האָט געהאַט אַ זייער פעאיקן זון שמואל.

שמואל פּינילעס איז אין רומעניע געווען צווישן די ערשטע אָנפירער פון די „חובבי־ציון"־באַוועגונג און אויך דער איניציאַטאָר פון גרינדן די ערשטע ישובים אין א"י דורך די עולים פון רומעניע (זכרון יעקב, ראש פינה א.א.) זיין קבר געפינט זיך אין ירושלים, וווהין זיינע ביינער זענען געבראַכט געוואָרן אין יאָר 1965.

פּינסקער שמחה

שמחה פּינסקער איז געבוירן געוואָרן אין טיסמעניץ דעם 31־טן מערץ 1801. אייניקע שטעט אין גאַליציע, ווי למשל: טאַרנאָוו, טאַרנאָפּאָל, טאָמאַשאָוו, שרייבן זיך צו דעם כבוד, אַז שמחה איז געווען זייערער אַ בן־עיר. פאַקטיש, ווי איך האָב אויסגעפונען אין פאַרשידענע מקורות, איז שמחה געבוירן געוואָרן אין טיסמע־ניץ. איינער פון זיינע נאָענטסטע חברים, א. צעדערבוים, האָט נאָך שמחה'ס טויט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „המליץ" נר. 42 (1864) און אָנגעגעבן, אַז שמחה איז געבוירן געוואָרן אין טיסמעניץ. אויך אין דער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יו־דענטומס" נר. 518 (1858) ווערט פּינסקער דערמאָנט אַלס איינער פון די „חכמי טיסמעניץ". זיין פאָטער שבח אלמוגין איז געווען באַקאַנט אַלס שבח מגיד. ער איז געווען אַ באַקאַנטער מגיד אין טיסמעניץ, טאַרנאָוו, טאַרנאָפּאָל און אויך אין אַנדערע

גאַליציאַנער שטעט. תורה האָט שמחה געלערנט ביי זיין פאָטער. אויך וועלטלעכע לימודים, און ספּעציעל מאַטעמאַטיק האָט ער געלערנט ביים טאַטן זיינעם. ווען ער איז אַלט געוואָרן 13 יאָר איז זיין טאַטע געשטאָרבן. צו 16 יאָר האָט ער חתונה געהאַט קיין טאַמאַשאָוו און זיך דאָרט באַזעצט. אין טאָמאַשאָוו האָט ער ממשיך געווען זיינע לימודים, ווי פאַרן פאָטערס לעבן אין טיסמעניץ. פּרנסה האָט ער פּרובירט זוכן אין האַנדל, אין וועלכן ער האָט נישט מצליח געווען.

אין יאָר 1824 האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין אַדעס, ווו ער איז געוואָרן אַ מזכיר ביים דאָרטיקן שטאָטישן רב. אין יאָר 1827 האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער גרינדונג פון אַ יידישער שול פאַר יינגלעך אין אַדעס. אין דער שול טאַקע איז ער אין שפּעטערדיקע יאָרן געוואָרן אַ לערער פון העברעאיש.

אין יאָר 1840 איז אים די פרוי אָפּגעשטאָרבן. ער האָט חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל. די צווייטע פרוי זיינע איז געווען אַ שוועסטער פון יהודה באַראַש פון טיסמעניץ, וואָס איז געוואָרן זיין געטרייע לעבנסבאַגלייטערין ביז זיין פּטירה, וואָס איז אויסגעפאַלן דעם 29־טן אָקטאָבער 1864.

שמחה פּינסקער האָט פאַריתומט צוויי זין פון זיין ערשטער פרוי. איינער פון זיינע זין איז געווען אַ וויסנשאַפטלער, וואָס האָט זיך נאָך אין זיינע גאָר יונגע יאָרן פאַראינטערעסירט מיט יידישער געשיכטע און יידישער ליטעראַטור.

די אלמנה, די געוועזענע צווייטע פרוי פון שמחה פּינסקער, ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון דערמאָנטן זון, וואָס האָט שוין געוווינט אין ווין, האָט אין עטלעכע יאָר נאָך שמחה׳ס טויט זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיטן אַרויסגעבן אין דרוק איר מאַנס שאַפונגען.

איינער פון די צוויי זין, ד״ר יהודה־לייב־ליאון, וואָס האָט פון יאָר 1858 געוווינט אין ווין און זיך פאַרנומען מיטן אַרויסגעבן, צוזאַמען מיט דער אלמנה, זיין פאָטערס ווערק, איז געווען דער פאַרפאַסער פון „אויטאָעמאַנציפּאַציע”. אַ געוויסער טייל פון פּינסקערס שאַפונגען זענען טאַקע דערשינען אין דרוק אין ווין, ווו דער זון האָט דעמאָלט געוווינט. אַזוי איז דערשינען דאָס בוך „ליקוטי קדמוניות” וועגן דעם גלויבן פון די „בני המקרא” און זייער ליטעראַטור, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער יידישער וועלט און איז אַפילו אויסגעצייכנט געוואָרן דורך דער עסטרייכישער רעגירונג.

שוין אין זיינע יונגע יאָרן האָט זיך פּינסקער פאַרנומען מיט פאָרשן די יידישע געשיכטע און די יידישע ליטעראַטור. ס׳זענען אויך באַקאַנט געווען זיינע פאָרשונגס־אַרבעטן וועגן לעבן און שאַפן פון די קאַראַימער. צו דעם צוועק האָט

ער אויך שטודירט די אַראַבישע שפּראַך. אין ווין זענען דערשינען נאָך אַנדערע ביכער, פון פינסקערס כתב־ידן, „מבוא אל הניקוד האשורי או הבבלי״, ״ספר אחד״, א גראמאטיק „מושלי הגזירה והבניה״ (1887), „ממחרת השבת״, וואָס האָט אָפּגעפרעגט די באַהויפּטונג פון די קאַראַימער וועגן יום־טוב שבועות. אלס אויסדרוק פון אַנערקענונג פאַר זיין גרינטלעכן פאָרשן דאָס לעבן און קולטור פון די קאַראַימער האָט אברהם אליהו הרכבי אַרויסגעגעבן אויסצוגן פון די אַלטע קאַראַימי־שע שריפטן און זיי אָנגערופן מיטן טיטול פון פינסקערס בוך „ליקוטי קדמוניות״, צווייטער טייל, מיט אַ ווידמונג צום אָנדענק און כבוד פון שמחה פינסקער, וואָס האָט דער ערשטער געעפנט דאָס טויער צו דער פאָרשונג פון דעם לעבן און שאַפן פון די „בני המקרא״.

שלמה פרענקעל

געבוירן אין יאָר 1816. געשטאָרבן אין טיסמעניץ, יאָר 1894.

פרענקעל האָט אַסך יאָרן געוווינט אין טיסמעניץ און דאָרט געשמט אַלס איינער פון די טיכטיקסטע משכילים אין שטאָט. זיין היונה האָט ער געצויגן פון האַנדל, אָבער מיט לייב און לעבן איז ער געווען פאַרטאָן אין דער השכלה־טעטיקייט. זיינע באַלערנדיקע אַרטיקלען זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „נשר״, ווי אויך אין אַנדערע יידיש־דייטשע צייטונגען. ער האָט געפירט א ברייטן בריוו־אויסטויש מיטן באַקאַנטן היסטאָריאָגראַף יצחק מרדכי יוסט, וואָס איז באקאנט מיט זיינע שריפטן איבער דער אַלטער יידישער געשיכטע. פרענקעל האָט זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט פאָרשן די דברי חז״ל, אין וועלכע ער האט זיך פארטיפט און אַרויסגעצויגן היסטאָרישע מסקנות. יוסט האָט זיך פיל געשטיצט, אין זיינע אייגענע היסטאָרישע פאָרשונגס־אַרבעטן, אויף פרענקעלס אויספירונגען. פרענקעל האָט געהערט צו די וויכטיקסטע קריטיקער פון „כוכבי־יצחק״. אַלס פאָרטרעטער פון די משכילים האָט פרענקעל אין יאר 1860 דערפירט צום גרינדן, מיט דער הילף פון דער רעגירונג, א יידישע שול אין סטאַניסלאַוו. די חסידים און פאַנאַטיש־פרומע יידן אין סטאַניסלאַוו האָבן די שול שטאַרק באַקעמפט און דערפירט צו איר אונטערגאַנג (ד״ר נ. מ. געלבער „ספר סטאַניסלאַוו״ ז. 33).

ר׳ שלמה יהודה הכהן מיזעס

געב. טיסמעניץ 1797. געשט. ליפסיע 1880.

ר׳ יהודה הכהן מיזעס איז געווען א גרויסער וויסנשאַפטס־מאַן און א שטאַרקער בקי אין תלמוד. זיין גאַנצע משפחה האָט יאָרן לאַנג פאַראייניקט אין זיך תורה און גדולה. זיינע עלטערן זענען אין גאַליציע פאַרעכנט געוואָרן צו די ערשטע השכלה־טוער. זיינע מאמרים האָט ער געשריבן אין דער העברעאישער און דייטשער שפראַך. מיזעס האָט זיך איבערגעצויגן פון טיסמעניץ קיין בראָד. דאָרט האָט ער געשמט אַלס גרויסער און פעאיקער סוחר. ער האָט געפירט אַ פאַרשפרייטן האַנדל אויך אויסער זיין ווינאַרט אזש ביז ליפסיא. אויף דער עלטער האט ער זיך איבער־געצויגן קיין ליפסיא, וווּ ער האָט אויסער מיט מסחר זיך אויך פאַרנומען מיט זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. אין ליפסיא איז מיזעס הכהן געשטאָרבן אין עלטער פון 83 יאָר.

יעקב פרויד (דער פאָטער פון זיגמונד)

יעקב פרויד איז געבוירן אין טיסמעניץ דעם 18.12.1815 אַלס זון פון הרב ר׳ שלמה בן הרב ר׳ אפרים פרויד פון טיסמעניץ. יעקב איז געווען אין טיסמעניץ איינער פון די רייכסטע שטאָטישע וואָל־סוחרים. נאָכן טויט פון זיין פרוי איז ער אַריבער וווינען קיין פרייבערג אין מעהרען און דאָרט 6.5.1856. האָט זיין צווייטע פרוי געבוירן זיין זון זיגמונד.

אַ אייניקל פון יעקב פרויד האָט איבערגעגעבן, אז דער זיידע פלעגט ליב האָבן צו פאַרברענגען די פרייע שעה׳ן אין טאָג אין קאַפעען, גערטנער און אין דער היים ביי א בלאַט גמרה.

ווען זיגמונד איז געוואָרן 3 יאָר האָבן זיך די עלטערן איבערגעצויגן קיין ווין.

רעליגיעזע יידישע לימודים האָט זיגמונד געלערנט ביים באַקאַנטן פּראָפעסאָר האַמערשלאַג. תנ״ך האָט דער פאָטער זיינער אים געלערנט אין אָריגינאַל.

אין ווין האָט די פאַמיליע פרויד געוווינט אויף לעאָפּאָלדשטאָדט, ווו זיגמונד האָט געהאַט דאָס געלעגנהייט זיך אָנטרעפן מיט אַ פרומער יידישער סביבה. די פאַמיליע פרויד איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט דער פאַמיליע פון הויפּט־רב פון האמבורג הרב יצחק ברייניס. יעקב פרויד איז געווען אריינגעצויגען אין דער השכלה־באַוועגונג, וואָס האָט אין יענער צייט אָפּגעפרעמדט אַ סך אירע אָנהענגער און פרעדיקער פון יידישקייט, יעקב אבער איז געבליבן א געטרייער ייד און אין זעלבן גייסט אויך דערצויגן זיין זון, זיגמונד.

וועגן דעם ווי יעקב פרויד האָט דערצויגן זיין זון זיגמונד וועט אונדז עדותן זיין בריוו אין העברעאיש וואָס העט געשריבן צו זיין זון אין יאָר 1891.

בן יקיר לי שלמה!
כשבע בימי שני חייך החל רוח ד׳ לפעמיך
וידבר בך לך קרא בספרי אשר כתבתי
ויבקעו מעינות בינה דעת והשכל
ספר הספרים הנהו באר חפרוה חכמים
ומחוקקים למדו דעת ומשפט
מחזה שדי חזית שמעת וניסית עשות
ותדא על כנפי הרוח
מן אז היה הספר כמוס כשברי לוחות
בארון עמדי
ליום נמלאו שנותיך לחמישה ושלושים
נתתי עליו מכסה עור כבש
וקראתי לו „עלי באר ענו לה״
ואקריבנו לפניך לזכרון
ולמזכרת אהבה

מאביך, אוהבך אהבת עולם
יעקב בר״ש פרויד
בעיר הבירה וויען, כ״ט ניסן תרנ״א
(6 מאי 1891)

האָט זיך טאַקע זיגמונד אין משך פון זיין גאַנץ לעבן געהאַלטן אַלס צוגעהעריקער צום יידישן פאָלק. אַלס באַשטעטיקונג פון מיין פעסטשטעלונג קאָנען דינען פאָלגנדיקע פאַקטן: „איך שיק מיין בוך אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג (צו ד״ר הערצל) פאַר אייך אַלס קעמפער פאַר די רעכט פון זיין פאָלק״.

אין יאָר 1917 שרייבט ער צו זיין פריינד, דעם פסיכאָאַנאַליסט, קאַרל אברהם, אין ענגלאַנד, אַז ער איז זייער צופרידן, וואָס ירושלים געפינט זיך אין די הענט פון ענגלאַנד, וואָס ווייזן אַרויס אַן אינטערעס מיטצואַרבעטן מיט די יידן (אַן אַנדייטונג אויף דער באַלפור-דעקלאַראַציע). ס׳איז אַלגעמיין באַקאַנט געוועזן, אַז שוין נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט זיך זיגמונד פרויד שטאַרק אינטערעסירט

מיטן פראָבלעם „ארץ ישראל״. א ספעציעלע פאַראינטערעסירונג האָט ער ארויס־געוויזען צו דער גרינדונג פון העברעאישען אוניווערסיטעט אין ירושלים.

שפּעטער איז ער אויך געוואָרן א מיטגליד פון פארטרויאונגס־קאָמיטעט (חבר הנאמנים).

ביזן אַנשלוס פון עסטרייך צו דייטשלאנד האָט זיגמונד פרויד געלעבט אין ווין. פון 1938 איז ער אלס ייד פאַרפאָלגט געוואָרן דורך די היטלעריסטן. מיט דער הילף פון זיינע פריינד און פארערער האָט זיך אים איינגעגעבן ארויסצובאַקומען פון ווין און זיך באזעצן אין לאָנדאָן, ווו ער האָט געוווינט ביזן סוף פון זיין לעבן. ער איז געשטארבן דעם 23.9.1939.



ר׳ שבח קנעבעל ז״ל

שבח קנעבעל ז״ל

שבח איז געווען אַ זון פון ר׳ אליעזר ליפּמאַן, וואָס איז געווען אב״ד אין בריזדאָוויץ. זיין מוטער רבקה טעמעריל איז געווען אַ טאָכטער פון באַקאַנטן רב הצדיק מו״ה מרדכי היילפּערן. ווען ער איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר איז זיין פאָטער נפטר געווארן. דאַן האט די מוטער באַשלאָסן זיך איינצואָרדנען אין בראָדי, ווו ס׳האט געוווינט איר גאנצע משפחה. דאָרט האָט ער עטלעכע יאָר געלערנט ביים באַרימטן גאון הרב אברהם בנימין קלוגער. ווען ער איז געוואָרן דער איידעם

פון טיסמעניצער רב ר׳ יעקב ליכטמאן ז״ל, האָט ער זיך באַזעצט אין טיסמעניץ, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין אַן אַנגעזעענער יידישער באַנק. ער איז געווען אַ טיף דענקענדיקער מענטש און אַנגעזען הן אין די תורה־קרייזן, הן אין די קרייזן פון דער השכלה־באַוועגונג. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך, אויף דער ווענדונג פון דער פּרעשבורגער קהילה, פאַרנומען מיט פאַרשן דאָס לעבן און שאַפן פון באַרימטן ר׳ משולם איגראַ, וועלכער איז אַסך יאָרן געווען אב״ד אין טיסמעניץ ביז ער האט די שטאָט פאַרלאָזט נאָכן פאַרנעמען דאָס כסא־הרבנות אין פּרעשבורג. אין יאָר תרע״ג (1913) איז דערשינען זיין ספר „גרם המעלות״, וואָס איז געווען אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון ר׳ משולם איגראַ (משולם טיסמעניצער) און זיין משפחה. אין יאר תרפ״א (1921) איז אין ווין אין הוצאת „מנורה״ דערשינען א צווייטע אויסגעבעסערטע אויפלאגע פונעם זעלבן ספר. אין דערמאָנטן פאַרלאג איז אויך אין יאר תרפ״ג (1923) דערשינען זיין „הגדה של פסח״ מיט וויסנשאַפטלעכע אויפקלערונגען. דאָס דאָזיקע ספר ווידער האָט אויך אויסגעהאַלטן א צווייטע אויפלאגע אין ניו יארק. ר׳ שבח האט אויך אַרויס־געגעבן אין יאָר תרפ״ז (1927) אַ בוך א. נ. „תולדות גדולי הוראה״ און אויך 141 קורצע ביאגראפיעס פון תלמידי חכמים. דער ספר האט באקומען א שטארקן אַפּקלאַנג נישט בלויז אין די תורה־קרייזן נאר אויך אין וועלטלעכע. דאס בוך האט געהאט צוויי אויפלאגעס. די צווייטע פאַרבעסערטע און אויסגעברייטערטע אויפלאַגע איז דערשינען אין יאָר תש״ל (1970) אין ישראל (הוצאת המהדירים, ירושלים), אדאנק דער איניציאטיוו פון זיין איידעם י. י. מילין.

זיינער צייט האָט ר׳ שבח אין טיסמעניץ אויך רעדאַגירט די צוויי־וואָכנשריפט „יודישעס פאַמיליען בלאַט״. ר׳ שבח איז געשטאַרבן אין ווין אין תרצ״ט (1939).

ר׳ שבח האָט געהאַט דריי זין און צוויי טעכטער. איין זון יעקב איז אין יאָר תשכ״ז (1967) געשטאַרבן אין ניו יארק, ווו ער האט געלעבט א לענגערע צייט.

דער צווייטער זון — יהודה לייב האָט געוווינט אין לאָנדאָן, ווו ער איז געשטאַרבן אין יאָר תשכ״ח (1968). וועגן די טעכטער איז באַוווּסט, אַז מרים איז אומגעקומען אין דער שואה־צייט, די צווייטע טאָכטער, ברכה, די פרוי פונם סופר י. י. מילין, איז אין יאָר תשל״ג (1973) געשטאַרבן אין ישראל. דער דריטער זון חיים איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און א ציוניסטישער עסקן. געשטאָרבן איז ער אין לאָנדאָן, דעם 7־טן יולי תשל״א (1971) אין עלטער פון 70 יאָר.

ס׳איז אויך באַוווּסט, אַז פונקט ווי דער פאָטער זייערער זענען אויך אַלע קינדער זיינע געווען צוגעבונדן צום יידישן קולטורעלן לעבן.

קוויטנער אברהם יצחק און קוויטנער נפתלי

ביידע ברידער קוויטנער זענען געבוירן געוואָרן אין טיסמעניץ. דאָ האָבן זיי זיך דערצויגן און באַקומען זייער בילדונג הן אין תורה הן אין אַלגעמיינער וויסנשאַפט. אין יאר 1898 איז אַדאַנק זייער איניציאַטיוו געגרינדעט געוואָרן די העברעאישע שול „שפה ברורה". דאָס איז געווען די ערשטע שול אין גאַנץ גאַליציע, אין וועלכער ס׳איז געלערנט געוואָרן „עברית בעברית" (שוין דעמאָלט מיט דער ספרדישער הברה). זיי האָבן אויך אָרגאַניזירט ספּעציעלע קורסן פאַר דערוואַקסענע ייִנגלעך צו שטודירן תנ״ך און דאס הברעאישע לשון. ביידע זענען געווען פאַרגעשריטענע מענטשן און האָבן דורכגעפירט, אז זייער שול „שפה ברורה" זאָל זיין פאַר ביידע געשלעכטער, וואָס איז אין יענער צייט ביי יידן געווען א זעלטנהייט. אברהם יצחק קוויטנער איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל מיט דער „צווייטער עליה", זיך איינגעאָרדנט אין פתח־תקוה, וו ער האט געשמט אלס איינער פון די אָנגעזעענסטע העברעאישע לערער. ער איז דאָ אויך געווען באַקאַנט אַלס אָנהענגער פון עספּעראַנטאָ, די שפּראַך, וואָס ער פערזענלעך האָט שטודירט און פּראָפּאַגירט. ער איז אויך געווען א אָנהענגער פון טבעונות. געשטאָרבן איז ער אין פ״ת אין יאָר 1944. דער ווייטערדיקער גורל פון זיין ברודער נפתלי איז מיר נישט באַקאַנט.

רבנים, דיינים, אדמו״רים אין טיסמעניץ

טיסמעניץ איז באַקאַנט נאָך פון די גאר אלטע צייטן אלס זיצארט פון בארימטע רבנים און גדולי תורה. צוליב מאַנגל אין מקורות בין איך נישט אימשטאַנד אַנצוגעבן כראָנאלאגיש וועגן רבנים, וואס האָבן געלעבט אין טיסמעניץ אין 16־טן און 17־טן יארהונדערט אויסער געציילטע, וועגן וועלכע איך האָב יא אויסגעפונען געוויסע מאַטעריאַלן. אַ גרעסערע צאָל מאַטעריאַלן האָב איך אויסגעפונען וועגן רבנים, וואס האבן געלעבט אין טיסמעניץ אין 18־טן יארהונדערט, ווי דער גאון רבנו משולם איגרא (ר׳ משולם טיסמעניצער, אָדער משולם פרעשבורגער), ר׳ אריה לייבוש האַראַוויץ ז״ל, ר׳ משולם האַראַוויץ ז״ל און אַנדערע, וועגן וועלכע איך וועל זיך באַמיען איבערצוגעבן בפרטיות אין הסכם מיט די געזאַמלטע מאַטעריאַלן.

ר׳ חיים צבי תאומים שרייבט אין זיין ספר „זכרון לראשונים״ אז אין טיסמעניץ האָט געלעבט און דאָרט נפטר געוואָרן אין יאָר תקמ״ז (1787) הרב ר׳ יעקב קאָפיל בר׳ נחמיה פיבל ז״ל, וועלכער איז געווען אַ הייליקער מאַן, וואָס האָט איינגעזאַפּט די קדושה פונם הייליגען בעל שם טובס בית המדרש. און מ׳האָט אים גערופן ר׳ קאָפיל חסיד. ער איז געווען דער פאָטער פון ר׳ ישראל הרה״ק מנחם מענדל פון קאָסאָוו. קיין טיסמעניץ איז ר׳ קאָפיל געקומען פון קאָלאָמיי. שלמה באָבער דערמאָנט אין זיין בוך „אנשי השם״ (קראָקע 1895) פאָלגנדע רבנים וואָס האבן געלעבט אין טיסמעניץ: הרב אברהם סג״ל פון טיסמעניץ, געווען ראב״ד און זיין אונטערשריפט האָט ער געפונען אין פנקס פון דער קהילה אויף דער זייט 98 אונטערן פסק־דין פון ר״ח אדר תצ״ט (1739), וועגן פאַריכטן דעם וועג צו דער גרויסער שול.

ה״ר אשר אנשיל בר׳ משה פון טיסמעניץ

ער איז געווען אב״ד אין גאָלאָגורע, און אַן איידעם פונעם גאון מוה״ר מאיר הלוי איש האַראַוויץ אב״ד אין באָלעכאָוו. זיין אונטערשריפט האָט ער געפונען אין פנקס פון דער קהילה אויף זייט 141 אונטער אַ פסק־דין וועגן פאַרקויפן באָדן.

ה״ר דוד ב״ר אליעזר פון טיסמעניץ

ה״ר דוד ב״ר אליעזר פון טיסמעניץ איז געווען אַ באַוווסטער מנהיג אין

לעמבערג און זיין אונטערשריפט האָט ער געפונען אין פּנקס פון דער קהילה אויף זייט 111 אויף אַ פּסק־דין פונעם יאָר תק״ל (1770).

אין זיין בוך „קריה נשגבה״ (די שטאָט זשאָלקאָוו) פון 1903 דערמאָנט שלמה באָבער אַז אין פּנקס פון דער קהילה פון די יאָרן שע״ג (1613) ביזן יאָר תקמ״ג (1783), אויף דער זייט 152 (כ״ב שנת ת״ן 1690) געפינט זיך צווישן די אונטער־שריפטן פון די ראשי המדינה פונם קרייז לעמבערג אויך די אונטערשריפט פון הרב **אברהם בר׳ יוספש** פון טיסמעניץ.

הרב ר׳ מאיר חיות זצ״ל

ר׳ מאיר חיות האָט געשטאַמט פון דער באַקאַנטער רבנים־משפחה חיות, וואָס איז געקומען קיין פוילן אין XVII יאָרהונדערט. ר׳ מאיר חיות — א זון פון באַוווסטן תלמיד חכם, הרב ר׳ יצחק חיות. לויט ווי מען פלעג דערציילן איז ער געווען איינער פון די אָנטיילנעמער אין „ועד ארבע ארצות״. ר׳ מאיר האָט חתונה געהאט מיט אַן אפשטאמיקע פון טיסמעניץ, מיט דער טאכטער פון הרב ר׳ מרדכי טיסמעניצער. ר׳ מאיר איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער טיסמעניצער קהילה אַלס רב. אין דער גאנצער טיסמעניצער סביבה און אין גאַליציע בכלל האט ר׳ מאיר חיות, פונקט ווי זיין שווער, געשמט אַלס גאון, צו וועלכן אַלע בני־תורה האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס יראת־הכבוד.

נאכן גירוש היהודים פון פּאַרטוגאַל אין XV יאָרהונדערט האָט זיך איין טייל פון דער משפחה חיות באַזעצט אין איטאַליע און אַ צווייטער טייל אין פּראָוואַנס, פון וועלכער עס האָט געשטאַמט ר׳ יצחק בן אברהם חיות (1538—1610), וועלכער האָט זיך באַזעצט אין פוילן אין יאָר 1568. ר׳ יצחק איז געוואָרן רב אין בוסק און שפּעטער אין פּראַג. ער איז אויך געווען ראש ישיבה אין פּראַסניץ (1584—1587). ר׳ יצחק איז געווען דער ערשטער פון דער משפחה חיות אין מיטל און מזרח אייראָפּע. זיין זון ר׳ מנחם־מאַנוש חיות איז געווען א גרויסער למדן און דער מחבר פון ספר בראדי „זמירות שבת״ (פּראַג 1621) „קינה לחורבן פּאזנא״ (קראקע 1590) „דרך תמימים״ (כתובים).

ר׳ מנחם איז געווען רב אין טשעבוניה און אין שידלאָוו (1617—1636). אין יאָר 1617 האט ער אָנטייל גענומען אין „ועד ארבע ארצות״ אין לובלין. ער האט געהאט 3 זין: ר׳ יעקב, ר׳ פּנחס און ר׳ שמשון, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין בעלגראַד אויפן וועג קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1655.

ר׳ יצחק חיות (1660—1726), דער זון פון ר׳ יעקב, איז געווען באַקאַנט אַלס

גרויסער גאון, אַ מקובל און אַ פאַרביסענער קעגנער פון שבתאי צבי. ער האָט איבערגעלאָזט 13 חיבורים און אַ פאַרשונג איבערן העברעאישן דקדוק. איינס פון זיינע באַרימטע ספרים איז פירוש למשנה „זרע יצחק" (פראַנקפורט 1732).

ר' יצחק איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם און, לויט דער מסורה פון דער משפחה, איז ער אויך געווען איינער פון „ועד ארבע ארצות". אויף די עלטערע יאָרן האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל און דאָ נפטר געוואָרן.

ר' יצחק'ס זון, הרב ר' מאיר חיות, איז געווען אַ באַקאַנטער גאון. ער האָט חתונה געהאַט מיט א טאָכטער פון הרב ר' מרדכי פון טיסמעניץ. אין טיסמעניץ איז ער שפעטער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב (קיין דאַטעס זענען נישט אָנגעגעבן).

ר' יצחק'ס שווער, הרב מרדכי פון טיסמעניץ איז געווען ראש מדינת רייסין. וועגן אים ווערן דערציילט אַסך וואונדערלעכע מעשיות און אגדות (ספר בראָדי, ד"ר נ. מ. געלבער וד"ר צבי חיות, „אנענסאאל שטימע", ווין 1928).

ר' יעקב (יענקל פון טיסמעניץ)

לויט ספר בראָדי (ז. 166) איז אין יאָר 1813—1815 געוואָרן רב אין בראָדי ר' אריה לייב תאומים, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ר' שמואל ביק — די גרושה פון ר' משולם איגרא. צווישן די דאָרט אויסגערעכנטע קינדער און אייניקלעך געפינט זיך אויך דער נאָמען פון ר' יעקב, וועלכן מען האט גערופן ר' יענקל פון טיסמעניץ. עס ווערט אָבער לײדער נישט אנגעגעבן די צייט פון זיין לעבן און אויך נישט דאס, אז ער איז געווען רב אין טיסמעניץ.

לויט ד"ר מאיר באלאבאן (די יודען פון לעמבערג צווישן 16־טן און 17־טן יאָרהונדערט) איז אין יאָר 1765 געווען רב אין טיסמעניץ **ר' בנימין האַליוועֶר** ז"ל, בן אליהו. ווי מיר לייענען אין דער ענציקלאָפּעדיע פון פעטערבורג (אין רוסיש) זייט 71, ב.15 (1850) האט אין טיסמעניץ געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון XVIII יאָרהונדערט **א רב מנחם מענדל**, וואס איז באַרימט געווען מיט זיינע צוויי דערשינענע אין דרוק, ספרים: „אלף אלפים" (לוואָוו 1876), וואָס הייבט זיך אָן מיט אות „א" און „תפארת מנחם".

הרב משולם איגרא

געבוירן אין יאָר 1751, געשטאָרבן אין יאָר 1801.

הרב משולם איגרא האָט מען אויך גערופן ר' משולם טיסמעניצער, אָדער משולם פרעשבורגער. ר' משולם איז געבוירן געוואָרן אין בוטשאַטש (גאַליציע). זיין פאָטער

ר׳ שמעון, איידעם פון הרב פישל ז״ל אב״ד פון קאָלאָמיי האָט גע׳שמט אין גאַליציע אלס גרויסער תלמיד חכם. ער איז געווען זער פרום און שטארק באַקעמפט יידן, וואָס האָבן מחלל שבת געווען. משולם האָט נאך אלס קינד ארויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן, וואָס דער פאָטער האָט באַמערקט, און אים טאַקע דערצויגן אין גייסט פון תורה און חכמה.

ווען ער איז אלט געוואָרן זעקס יאָר האָט זיך אויך דער בעל־שם־טוב דערקענט אויף אים און אים באצייכנט אַלס איינער פון די „נייע נשמות״. צו ניין יאָר האָט ער שוין אין א געוויסן שבת געהאַלטן א דרשה אין ז׳ער גרויסער שול אין בראָד, וואָס האָט געשמט מיט אירע גאונים, און האָט ארויסגערופן ביי אלע צוהערער גרויס אָנערקענונג. אפילו דער באַקאַנטער גאון, יצחק הלוי איש האָראָוויץ, האָט זיין וויכוח מיט אים נישט אויסגעהאַלטן. אין דער היים האָט ער געבענטשט זיין טעכ־טערל, זי זאָל זוכה זיין צו האָבן אַזאַ מאַן, ווי ס׳איז דער קליינער בעל־דרשן. צו 13 יאָר האָט ער חתונה געהאָט מיט שמואל ביקס טאכטער פון בראָדי. קורץ נאָך דער חתונה האָט ער אויפן פאַרלאַנג פון זיין פרוי מסכים געווען אויף א גט. אין א געוויסער צייט ארום האָט ער חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון ר׳ יצחק הלוי איש האָראָוויץ. אזוי איז מקוים געוואָרן די ברכה, מיט וועלכער ער האָט געבענטשט זיין טאכטער אין דעם אויבן דערמאָנטן שבת.

אין יאָר 1769, ווען ר׳ משולם איז אלט געווען 17 יאָר איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין טיסמעניץ, וואָס האָט שוין דעמאָלט געשמט אַלס שטאָט מיט רייכע סוחרים און מיט באַקאַנטע תלמידי חכמים. איינער פון די אָנגעזעענסטע שטאָט־בעלי־בתים, דער גאון ר׳ הערשל קאַנטשיגער (ר׳ הערצל וויינער), וואָס האָט געהאָט אין שטאָט אַ בראָנפן־ברענעריי, איז געווען פון די רייכסטע יידן אין שטאָט. פאַר אים האָט זיך טאַקע ר׳ משולם אויסגעדריקט, אַז אים איז כדאי געווען זיך באזעצן אין טיסמעניץ, ווו עס געפינט זיך אזא עדה יידן מיט אזויפיל תורה און חכמה. ר׳ משולם איז אויסער רב אין טיסמעניץ אויך געווען רב אין גאַנצן סטאַניסלאַווער קרייז. ר׳ משולם איז אויך געווען ראש־ישיבה אין טיסמעניץ. אין דער טיסמעניצער ישיבה האָבן געלערנט תלמידים פון גאנצן לאַנד. די טיסמעניצער ישיבה האָט ארויסגעגעבן גאונים, גרויסע רבנים און בכלל תלמידי חכמים. פון די דעמאלטיקע טיסמעניצער ישיבה־לייט זענען שפעטער באקאנט געוואָרן דער גאון הרב ר׳ מרדכי בענעט ז״ל, דער גאון און צדיק ר׳ נפתלי הירש פון ראָפּציץ, דער רב ר׳ יעקב פון קאַליש, הרב נחמי פון סאַסאָוו, הרב מאיר לאנדסבערג פון פעזינג ביי פרעשבורג, הרב יעקם הירש הכהן קאנער פון מאַהילאָוו, וואָס האָט געלערנט צוויי

יאָר אין טיסמעניץ, אויף דער עלטער איז ער עולה געווען קיין ארץ ישראל, זיך באַזעצט אין צפת און דאָרט געשטאָרבן. ער איז געווען דער פאָטער פון הרב החסיד מעכל קאָנער פון טיסמעניץ. פון דער טיסמעניצער ישיבה זענען אויך ארויס: הרב הגאון נטע קאָליצער ז״ל פון פאַדהייצע, הרב משה מינץ ז״ל פון אַלט־איבערן, הרב הצדיק ברוך פרענקעל תאומים ז״ל פון לייפציק און הרב הגאון יצחק משה פערלעס.

הרב הגאון יצחק משה פערלעס זצ״ל, איז, נאָכן איבערטראָגן זיך פון ר׳ משולמען קיין פרעשבורג (1794), אים נאָכגעפאָרן און זיך אויך דארט באזעצט, כדי ווייטער ממשיך זיין דאָס לערנען תורה ביי אים. ר׳ משולם איז געווען אַ שאַרפער קעגנער פון חסידיזם און שטאַרק קריטיקירט זיינע פירער און אנהענגער. ר׳ משולם איז געזעסן יום־ולילה און געלערנט תורה, נישט נהנה געווען, חוץ שבת און יום־טוב צום קידוש, פון קיינע משקאות. וועגן ר׳ משולמען האָבן קורסירט פארשידענע מעשיות.

איך וועל דאָ דערמאָנען אייניקע פון זיי: ר׳ משולם איז געהאַט אַרויס־גערופן געוואָרן צו א בית־המשפט אלס עדות קיין סטאַניסלאוו. צום משפט איז ער נישט געגאנגען, ווייל ער איז געווען אריינגעטאָן אין א תורה־וויכוח מיט תלמידי־חכמים אין סטאניסלאוו. ווען מ׳האט אים אויפמערקזאם געמאַכט, אז ער וועט פארשפעטיקן צום משפט, און קען באשטראפט ווערן האָט ער געענטפערט, אז די תורה היט אפּ פון יעדער צרה. צום משפט איז ער טאקע נישט געגאנגען, ווי ס׳האט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, איז דער משפט דאן בכלל נישט פאָרגעקומען, ווייל איינער פון די ריכטער, גייענדיק צום משפט, האט אויסגעלענקט א פוס און דער משפט איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אן אנדער טערמין. א צווייטע מעשה פלעג איבערגעגעבן ווערן, אז ר׳ משולם האט געזאָלט מסדר קדושין זיין האט ער ביים לייענען די כתובה זיך צוויי מאָל טועה געווען: אנשטאט „ארמלתאדא״ (אלמנה אויף אראמיש) האָט ער געליינט „מתרכתאדא״ (גרושה — אויף אראמיש). ער האָט איבערגעריסן דאָס לייענען און אָנגעהויבן פאָרשן די כלה. ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז זי איז פון ערשטן מאן א גרושה, פון צווייטן מאן — אן אלמנה און דער איצטיקער חתן איז א כהן. די חתונה איז נישט צושטאנד געקומען און אין שטאָט האָט מען איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, אז ס׳איז געשען א נס, ווייל גאָט דערלאָזט נישט, אז אַזאַ צדיק זאָל נכשל ווערן.

ביים פסקענען וועגן „כשרות״ אָדער „טרפות״ פלעגט ער זיך ריכטן מיט פאַרשידענע טעמים אויף איין און דער זעלבער „שאלה״. האט עמעץ באקומען א

תשובה „כשר״ איז ער תיכף אנטלאפן אהיים, האט מען ווידער באקומען א תשובה „טריף״ האט מען געוואָרט אפשר וועט ר׳ משולם נאך ענדערן דעם פסק. מען פלעג דערציילן, אז ערב פסח איז געקומען א יינגל (יעקב האט מען אים גערופן) פרעגן אַ שאלה וועגן „כשר לפסח״. ר׳ משולם האָט געפסקנט „כשר״. ווען ביים סדר האָבן זייַנע תלמידים זיך נאָכגעפרעגט, פאַרוואָס עד האָט געפסקנט „כשר״, ווען ער אליין קלערט נאָך צי דער פסק איז אַ ריכטיקער, איז געקומען זיין תשובה, איז דער בעל־שאלה איז אן אָרעמער שוסטער און א מטופל מיט 18 נפשות. איך האָלט, אז כ׳האָב ריכטיק געפסקנט און אין די הימלען וועט מען מיט מיר מסכים זיין. אָט די און אנדערע ענלעכע מעשיות, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל זענען אַ בולטער באַוויז אויף דער וווּנדערבאַרער באַציונג פון די יידן אין דער סביבה צו ר׳ משולמען, וואָס איז פון זיי געווען באַשאָנקען מיט ליבע און גרויס יראת הכבוד. גאַנצע 25 יאָר איז ר׳ משולם געווען רב אין טיסמעניץ. קהילות פלעגן זיך באמיען ער זאָל מסכים זיין איבערצונעמען ביי זיי אין שטאט דאָס כסא־רבנות, אָבער ר׳ משולם האָט טיסמעניץ, די שטאט פון בארימטע תלמידי־חכמים, נישט געוואָלט פאַרלאָזן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר ר׳ משולמען איז געווען זיין שטעלונג לגבי יידישע בחורים אין מיליטער־דינסט. ווען די עסטרייכישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן רופן יידישע יונגעלייט צו מיליטער־דינסט, האָבן די ראשי הקהילה אין טיסמעניץ צוגע־שטעלט די זין פון דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג אויפן אָרט פון די נגידישע קינדער. ר׳ משולם האָט פּרובירט ווירקן אויף די קהילה־פירער זיי זאָלן איבעררייסן מיט אזא פּראַקטיק. צוליב דעם, וואָס די ראשי הקהילה האָבן נישט געוואָלט מסכים זיין מיט אים, האָט ר׳ משולם באַשלאָסן צו פאַרלאָזן טיסמעניץ און איבערגענומען דאָס כסא רבנות אין פּרעשבורג, ווו ער האָט געהאַט אַסך תלמידים. די דאָרטיקע תלמידי חכמים האָבן אים הויך געשעצט. דאָס איז געווען איין סיבה, וואָס האָט געווירקט, אז ר׳ משולם זאָל פאַרלאָזן טיסמעניץ. די צווייטע סיבה איז געווען א גרויסע מחלוקת, וואָס איז אויסגעבראָכן אין טיסמעניץ אין שייכות מיטן מבייש זיין ר׳ משולמען דורכן הרב הצדיק ר׳ פייוויש׳ל זבריזער (א געטלעכער מענטש און א תלמיד פון הייליקן רב יחיאל מיכל זצ״ל פון זלאָטשעוו), וואָס האט געהאט אין טיסמעניץ א קליינע צאָל אָנהענגער. ווען ער פלעג קומען קיין טיסמעניץ דרשענען פאַר זיינע חסידים, האָט ער געדאַוונט אין דער גרויסער שול, ווו עס פלעג אויך דאַוונען ר׳ משולם. ר׳ פייוויש פלעג אָפט דאַוונען פאַרן עמוד. נאָך דער „שמונה־עשרה״ פלעג ער תמיד וואַרטן ביז ר׳ משולם האָט געענדיקט די ש״ע. איין מאל

האָט ר׳ פּיוּוישל, צוליב אַ טעות, נישט געוואַרט און אָנגעהויבן ווייטער דאַוונען. די מתנגדים (אויך ר׳ משולם איז, ווי כ׳האָב שוין אויבן דערמאָנט, געווען אַ מתנגד), וואָס זענען אין טיסמעניץ געווען אַ גרויסע מערהייט, האָבן זיך אנגענומען פאַר ר׳ משולמס כבוד און ס׳איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקת צווישן די חסידים מיט די מתנגדים. דאס פאַרביטערטע מחלוקת האָט אפילו ר׳ משולם אליין נישט געקאָנט איינשטילן. אַלס גרויסער אוהב־שלום האָט ער דאָס נישט געקענט פאַרטראָגן. דאָס איז געווען די׳ צווייטע סיבה, פאַרוואָס ר׳ משולם האָט פאַרלאָזט די שטאָט און זיך איבערגעטראָגן קיין פרעשבורג, וווּהין מ׳האָט אים פאַרבעטן איבערצונעמען דאָס כסא הרבנות. ר׳ משולם איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקס״ב אין עלטער פון 50 יאָר. ער האָט פאַריתומט זיין בן־יחיד ר׳ יצחק אליהו ז״ל און טאָכטער, שרה׳לע. ר׳ יצחק אליהו האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון גאון הרב יששכר באַריש זצ״ל (רב אין האַנאָווער) און די טאָכטער — מיט ר׳ צבי הרש מענדלסבערג, (דער זון פון צדיק און גרויסן עושר אין פוילן ר׳ יוסף מענדלסבערג).

אין שייכות מיט אַ געשעעניש אויף דער חתונה פון ר׳ יצחק אליהו, וועגן וואָס מירן ווייטער איבערגעבן, איז געשען אַ גרויס אומגליק אין דער גאַנצער משפחה — אַזוי פלעגט מען דערציילן אין טיסמעניץ. ר׳ יצחק אליהו׳ס חתונה איז פאַרגעקומען אין דרעזדען. געוווינט האָט דעמלט אין דרעזדען אַ זון פון רבנו יונתן אייבעשיץ, ר׳ וואָלף, וואָס איז אין די יונגע יאָרן געווען אַן אַפּיקורס און אויף דער עלטער געוואָרן אַ בעל־תשובה. ער האָט געוואָלט האָבן דעם כבוד צו זיין מכניס־אורח פון אַזעלכע באַרימטע גאונים און לומדים, וואָס זענען געקומען צו דער חתונה פון ר׳ יצחק אליהו, און זיי פאַרבעטן צו זיך אויף כיבוד. זיי האָבן די איינלאַדונג נישט אָנגענומען. שפּעטער, ווען זיי זענען געוואָר געוואָרן, אַז ער איז געוואָרן אַ בעל־תשובה, האָבן זיי יאָ אָנגענומען זיין איינלאַדונג, אָבער, אויסער טיי, האָבן זיי פון גאָרנישט געוואָלט נהנה־זיין. אין אַ יאָר אַרום איז געשטאָרבן ר׳ משולם, קורץ נאָך זיין פּטירה — זיין מחותן, און צוויי יאָר נאָך דער חתונה איז אויך ר׳ יצחק אליהו נפטר געוואָרן. יידן האָבן גערעדט, אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט פאַרן פאַרשעמען אַ בעל־תשובה. אומקערנדיק זיך צוריק צו דעם לעבנסוועג פון ר׳ משולמען, האַלט איך פאַר נויטיק צו פאַרצייכענען אַז ר׳ משולם האָט אין זיין קורצן לעבן אַ סך געשריבן. אייניקע ספרים זענען דערשינען אין דרוק און אַ סך תקנות, וואָס ער האָט מתקן געווען זענען געבליבן אין כתב־יד. פון די דערשינענע כתבים זיינע איז וויכטיק צו דערמאָנען: „ס׳איגרא רמה, חלק ראשון״ חידושים און די מסכתא פון סדר מועד און סדר נשים, „ס׳ איגרא רמה, חלק שני״, חידושים

אין די מסכתות פון סדר נזיקין וקדשים און דאָס באַוווסטע ווערק „חיבור גדול על הרמב״ם״, וואָס איז פאַרבליבן אין רשות פון זיין אייניקל, ר׳ משולם מענדלסבערג אין וואַרשע, וועמענס יורשים האָבן עס פאַרקויפט צו זיין אייניקל — הרב הצדיק ר׳ אברהם פון קראשניאָוו. עס איז אויך דערשינען אין דרוק זיינס אַ באַרימט ווערק שו״ת „רבנו משולם איגרא״, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין טשערנאָוויץ.

געשטאָרבן איז ר׳ משולם אין יאָר 1891, אַלט זייענדיק אינגאַנצן 50 יאָר. ווי כ׳האָב שוין אויבן דערמאָנט האָבן יידן גערעדט, אַז זיין טויט איז געווען אַ שטראָף פון גאָט פאַר פאַרשעמען דעם בעל תשובה, ר׳ וואָלף אייבעשיץ. איך האַלט פאַר נויטיק אָנצוגעבן, אַז אויף דער מצבה פון זיין זון, ר׳ יצחק אליהו, איז פאַראַן אַ בפירושער רמז אויף דעם, וואָס דריקט זיך אויס אין: „כי חלף הלך לו עודו באבו כבן עשרים שנה ביום ש״ק ו׳ חשוון שנת והוא ר״ח״ו״ם י״כ״פ״ר לפ״ק תנצב״ה (דאָס איז דאָס יאָר 1804). זיין טויט האָט אַרויסגערופן שטאַרקן טרויער אין דער גאַנצער יידישער עדה, ווו ער האָט די לעצטע יאָרן פאַרנומען דאָס כסא רבנות און אויך צווישן די יידן אין אונדזער שטאָט, אין טיסמעניץ.

הרב ר׳ אריה ליבוש הלוי איש האָראָוויץ —
(דער בעל „הרי־בשמים״)

געבוירן אין יאָר 1760, געשטאָרבן אין יאָר 1844.

די געשיכטע פון דער משפחה האָראָוויץ האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן ערך 500

יאָר צוריק. אין דער שטאָט האָראָוויץ (באָהעמיע) האָט אין יענע צייטן געוווינט אַ יידישער עושר און ירא־שמים, ישעיהו בן משה הלוי, וועלכער האָט אָנגענומען דעם נאָמען פון דער שטאָט, ווו ער האָט געוווינט. געשטאָרבן איז ער אין יאָר 1517. פון אים שטאַמען די באַרימטע רבנים־משפחות האָראָוויץ, וואָס האָבן געשמט אין אַ סך שטעט און לענדער. דער ערשטער רב פון דער משפחה אין סטאַניסלאַוו איז געווען ר׳ אריה לייבוש דער ערשטער (אַזוי האָט מען אים דאָרט גערופן), אַ זון פון באַקאַנטן רב ר׳ אליעזר און אַן אייניקל פון ר׳ איציקל האַמבורגער. ר׳ אריה לייבוש איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין סטאַניסלאַוו אין יאָר 1784 און פאַר־נומען דאָס כסא הרבנות דאָרט ביזן יאָר 1844. פון דאַן אָן איז דאָס כסא הרבנות דאָרט איבערגעגאַנגען בירושה אין משך פון 155 יאָר. ר׳ אריה לייבוש איז נישט געווען רב בלויז אין סטאַניסלאַוו נאָר אויך אין אייניקע שטעט פון דער סביבה דאָרט. שוין אַלס גאָר יונגער האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע כשרונות. אַלט זייענדיק 20 יאָר האָט ער שוין באַקומען ביי ר׳ משולם איגרא היתר־הוראה. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך באַזעצט אין טיסמעניץ. געשטאָרבן איז ער אין טיסמעניץ אין יאָר 1844 אין עלטער פון 84 יאָר. ר׳ אריה לייבוש איז געווען אַ קעגנער פון חסידיזם, וואָס ער האָט באַקעמפט. דאַקעגן האָט ער זיך מיט טאָלעראַנץ באַצויגן צו דער השכלה־באַוועגונג. ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך ווערטפולע שריפטן און פירושים איוף דער תורה. פאַר זיין לעבן זענען קיינע פון זיינע שריפטן נישט דערשינען אין דרוק. אייניקע שריפטן זיינע זענען צוגעאייגנט געוואָרן דורך אַנדערע, וואָס האָבן זיי אָפּגעדרוקט אונטער זייער נאָמען. אַ סך יאָרן נאָך זיין פטירה האָט זיין אייניקל ר׳ אליעזר (רב פון מאַריאַמפּאָל) איבערגעשריבן אַ געוויסן טייל פון זיינע פירושים און אָפּגעדרוקט אין אַ ספר א.ב. „פני אריה״ (1876). ר׳ אריה איז געווען זייער אַ באַשיידענער מענטש און אין זיין צוואה פאַרצייכנט, אַז מ׳זאָל אויף זיין מצבה נישט שרייבן קיין שבחים. זיינע יורשים האָבן זיין פאַר־לאַנג דערפילט און בלויז אויפגעשריבן זיין נאָמען און אין וועלכע יאָרן ער איז געווען רב אין טיסמעניצער קרייז. נאָך זיין פטירה האָט דאָס כסא הרבנות אין טיסמעניץ איבערגענומען זיין זון ר׳ משולם יששכר ז״ל.

ר׳ משולם יששכר ז״ל

ר׳ משולם איז געבוירן געוואָרן אין סטאַניסלאַוו אין יאָר 1805, דאָרט זיך דערצויגן און געלערנט תורה. ווען ער איז אַלט געוואָרן 22 יאָר איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין זאַלוזשעץ, ווו ער האָט פאַרנומען דאָס כסא־הרבנות אַן ערך

13 יאָר. ווען זיין פאָטער ר׳ אריה לייבוש איז אין יאָר 1842 אַריבער קיין טיסמעניץ, איז ער אים נאָכגעגאַנגען און דאָרט געווען רב אין משך פון 2 יאָר.

נאָכן טויט פון זיין פאָטער האָט אים די סטאַניסלאַווער קהילה מיט כוח געבראַכט קיין סטאַניסלאַוו און אים נאָמינירט אַלס רב. די טיסמעניצער קהילה האָט אָבער פאַרלאַנגט אַז ער זאָל צוריקקומען קיין טיסמעניץ, פאַררופנדיק זיך אויף אַ כתב, אין וועלכן ער האָט זיך געהאָט מתחייב געווען צו זיין 10 יאָר רב אין טיסמעניץ. ער איז אָבער געבליבן אין סטאַניסלאַוו. אין יאָר 1883 איז ר׳ משולם יששכר געקומען קיין טיסמעניץ און געבעטן מ׳זאָל זיין זון ר׳ שאול אויפנעמען אַלס טיסמעניצער רב. די טיסמעניצער קהילה איז זיין בקשה אַנטקעגן געקומען און מבטל געמאַכט דעם כתב, וואָס האָט זיך ביי זיי געפונען אין משך פון יאָרן.

ר׳ משולם יששכר איז, ווי זיין פאָטער ר׳ אריה לייבוש, געווען אַ מתנגד און זיך באַצויגן צו דער השכלה־באַוועגונג מיט אַ געוויסער טאָלעראַנץ. עס איז אויך באַקאַנט, אַז ער אַליין האָט זיך אויך פאַרנומען מיט שטודירן וועלטלעכע וויסנשאַפט. (ג. קרעסל „בין שתי ערים״). זיינע קענטעניש האָבן אים געשאַפן גרויס אָנזען אין אַלע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג הן אין שטאָט גופא הן אין אַנדערע מקומות. נפטר געוואָרן איז ר׳ משולם אין יאָר 1889.

ר׳ שאול הלוי איש האָראָוויץ (1913—1832)

ר׳ שאול איז אין די יאָרן 1954—1883 געווען רב אין אוסטשע זיעלאָנע. נאָכדעם איז ער אַריבערגעפאָרן קיין טיסמעניץ, ווו ער איז געווען רב ביזן יאָר 1913. הגם ער איז שוין אַלס יונגער מענטש געווען אַ גרויסער תלמיד חכם, האָט ער נישט געקלערט פון ווערן רב. ער מיט זיין ברודער ר׳ יצחק ז״ל האָבן בשותפות געפאַכטעט אַ גוט און דערפון געצויגן חיונה פאַר זייערע משפחות. אין אַ געוויסער צייט אַרום איז ר׳ יצחק געוואָרן רב אין אָטיניע און דיין אין זשוראַוונע. ר׳ שאול ווידער איז געוואָרן רב אין אוסטשע זיעלאָנע (פון 1854 ביז 1883) און שפּעטער אין טיסמעניץ, ווו ער האָט פאַרנומען דאָס כסא הרבנות ביז זיין פטירה (1913).

ר׳ שאול האָט אין יאָר 1871 אַרויסגעגעבן אַ ספר שו״ת „בשמים ראש״ און אויך אָפּגעדרוקט זיין הספד לכבוד דעם פאָטער ר׳ משולם ז״ל א.נ. „עין דמעה״.

אין דער צייט ווען ר׳ שאול איז געווען רב אין טיסמעניץ האָט פּאַסירט פאָלגנדיקער פאַל: אין דער שטאָט לאַשקאָוויץ, וואָס האָט געהערט צום גראַף אָרלאָווסקי איז געווען אַ הייוון־פאַבריק, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ געשמדטן יידן. דער ייד האָט געהייסן נוימאַן און אַפילו נאָכן שמדן זיך האָט ער זיין נאָמען נישט

געענדערט. די הויפט־אַפּנעמער פון די הייוון זענען געווען סטאַניסלאַווער און טיסמעניצער יידן. אַ צווייטער באַאַמטער אין דער הייוון־פאַבריק איז געווען אַ וואַרשעווער ייד, עוזיאל מייזעלש. צום סטאַניסלאַווער רב איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז נוימאַן איז נישט בלויז דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק, נאָך אויך אַ שותף צום גראַפּס געשעפטן, און דעריבער דאַרף ער פאַר יעדן פסח שרייבן אַ „שטר מכירה״. דער רב האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַן איסור אויף צו קויפן די הייוון פון דער פאַבריק. אויך דער טיסמעניצער רב ר׳ שאול האָט אַזוי געהאַנדלט. נוימאַן מיט מייזעלשן האָבן איבערגעגעבן צום פּראָקוראָר, אַז די צוויי רבנים פון סטאַניסלאַוו און טיסמעניץ האָבן אַרויפגעלייגט אַ חרם אויף דער הייוון־פאַבריק פון גראַף אָרלאָווסקי, און דערביי צוגעגעבן, אַז דאָס איז אַן אינטריגע פון צוויי יידישע הייוון־פאַבריקאַנטן. — ליבערמאַן און גאָלדפעלד, צוליב קאָנקורענץ־טעמים. דער פּראָ־קוראָר האָט ביידע רבנים און אויך ביידע סוחרים צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר וואַרפן אַ חרם, פאַר וועלכן ס׳איז דעמאָלט געקומען אַ גרויסע שטראָף. דער משפט איז פאַרגעקומען פאַר אַ געשווירן געריכט. די געשווירענע ריכטער זענען געווען 12 פּויערן פון די אָרומיקע דערפער. די רבנים האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט דער הלכה, באַזונדערס האָבן די געשווירענע ריכטער אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די אויספירונגען פון טיסמעניצער רב, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף די דינים פון דער תורה. זיי האָבן אַרויסגעטראָגן אַ באַפרייונגס־אורטייל אויף די רבנים און אויף איינעם פון די סוחרים. בלויז ליבערמאַן איז באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ יאָר תפיסה, וואָס אַ העכערע געריכט־אינסטאַנץ האָט שפּעטער מבטל געמאַכט.

ר׳ שאול האָט געהאַט צוויי זין: ר׳ חיים אריה לייבוש, וואָס איז געווען רב אין קראָקע און מחבר פון ספר „תיקון עירובין״ און שו״ת „חיי אריה״, און ר׳ פּנחס, וואָס איז געווען ראש ישיבה אין ראַווע און אין בראָטשין.

הרב יוסף האַגער זצ״ל

ר׳ יוסף איז געבוירן געוואָרן אין זאַבלאָטאָוו (גאַליציע) אין יאָר 1878. ר׳ יוסף האָט געשטאַמט פון דער באַרימטער גאונים־משפחה האַגער אין גאַליציע און אין בוקאָווינע, וואָס איז אַרויסגעקומען פון גרויסן צדיק ר׳ מנחם מענדל פון קאָסאָוו, ווו ער האָט פאַרנומען דאָס כסא הרבנות. נאָך זיין פּטירה האָט דאָס כסא הרבנות אין קאָסאָוו איבערגענומען זיין זון ר׳ דוד (דודקע). נאָך דודס פּטירה האָט דאָס כסא רבנות דאָרט איבערגענומען דער בכור פון ר׳ דוד — ר׳ יעקב (יענקעלע),

הרב ר׳ יוסף האַגער ז״ל

פון וועלכן דאָס כסא הרבנות איז איבערגעגאַנגען צו זיין בן־יחיד ר׳ מנחם מענדל. איינער פון מנחם מענדלס 5 זין איז געווען ר׳ יוסף האַגער. ר׳ מנחם האָט אויך געהאַט 4 טעכטער.

ר׳ יוסף האָט געלערנט אין זיין פאָטערס הויז און שוין אַלס יונג בחורל געשמט מיט זיין למדנות. אַלט ווערנדיק 17 יאָר האָט ר׳ יוסף חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון טיסמעניצער אדמו״ר ר׳ יצחק קאָטען (באַקאַנט אַלס ר׳ יצחק פון טיסמעניץ), יוכבדל המשכלת. אין יאָר 1906 איז ר׳ יצחקל נפטר געוואָרן און זיינע חסידים האָבן אויסגערופן ר׳ יוספן אַלס זייער רבי. ר׳ יוספל איז געווען אַ ייד אַ הדרת־פנים, אַ גרויסער למדן. ער איז באַליבט געווען נישט בלויז ביי זיינע חסידים נאָר אויך ביי אַלע אנשי־טיסמעניץ. יעדער שבת פלעג ער פאַר זיינע חסידים זאָגן דברי־תורה, וואָס פלעגן אויסגעהערט ווערן מיט גרויס יראת־הכבוד.

אין יאָר 1914,ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער מיט זיין פרוי און צוויי קינדער איבערגעפאָרן קיין ווין און דאָרט פאַרבליבן ביז די רוסישע אַרמייען האָבן זיך צוריקגעצויגן. ווען ר׳ יוסף האָט זיך אומגעקערט קיין טיסמעניץ, האָט ער געטראָפן די שטאָט אָן אַ רב און אָן אַ דיין. דער דיין וואָס איז, נאָך דער פטירה פון טיסמעניצער רב ר׳ שאול הלוי איש האָראָוויץ, אויפגענומען געוואָרן אַלס רב האָט, מיטן אויסברוך פון ערשטן וועלט קריג (1914), פאַרלאָזט

די שטאָט און מער נישט צוריקגעקומען. די קהילה האָט ר׳ יוספן קודם אויפגענומען אַלס דיין אין שפּעטער, ווען דער זון פון ר׳ שאול האַראָוויץ האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער רבנים־חזקה (1926), איז ר׳ יוסף באַשטימט געוואָרן אַלס טיסמעניצער רב. ר׳ יוסף איז געווען אַן איש תמים ונלבב, ער איז אויך געווען אַ וווּנדערבאַרער בעל־מנגן און דאַריבער פלעגן טיסמעניצער בעלי בתים גערן מתפלל זיין אין זיין בית־המדרש, כדי צו הערן זיינע תפילות. ער פלעג מתפלל זיין מיטן ווישניצער נוסח, באַזונדערס האָט מען ליב געהאַט צו הערן זיין „נשמת כל חי״ און קריאת שמע. ר׳ יוסף האָט געהאַט צוויי זין — לייבוש און יצחק. זיי זענען געווען תלמידי חכמים אין תורה און אויך אין וועלטלעכער בילדונג. ביידע זענען געווען אַקטיווע חברים אין דער מזרחי־באַוועגונג און אָנגעפירט מיטן טיסמעניצער סניף. דעם רבס הויז איז געווען אַ געטרייע היים פאַר ציוניסטישע עסקנים און זייער טעטיקייט. די רבצין יוכבדל האָט זיך אָפּגעגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער הילפס־טעטיקייט פאַר אָרעמע משפחות און יתומים. ר׳ יוסף׳ס זון, לייבוש, האָט חתונה געהאַט קיין וואַרשע מיט אַ טאָכטער פון גראַזיסקער רבי שפירא און דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשישע רוצחים.

דער לעצטער טיסמעניצער רב, ר׳ יוסף זצ״ל, צוזאַמען מיט יוכבדלען און זייער יונגערן זון, יצחק׳ל, האָבן די דייטשישע מערדער אין יאָר 1942 פאַרטריבן קיין סטאַניסלאַוו און זיי דאָרט אומגעבראַכט.

וועגן טראַגישן גורל פון דעם לעצטן טיסמעניצער רב מיט זיינע נאָענטסטע האָט מיר איבערגעגעבן הירש פלעסער, דער זון פון טיסמעניצער שוחט ר׳ יוסף מאיר ז״ל. ער איז געווען אַ לעבעדיקער עד־ראיה, ווען די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט דעם רב פון זיין בית־המדרש אַן איינגעהילטן אין טלית, אויסגעריסן ביי אים די באָרד און אַ פאַרבלוטיקטן געפירט איבער די גאַסן פון טיסמעניץ אין תפיסה אַריין. פון דאָרט האָט מען אים מיט נאָך אַ גרופּע יידן אַוועקגעפירט קיין סטאַניסלאַוו, ווו ער איז צוזאַמען מיטן רוב יידן פון דאָרט אומגעקומען.

ר׳ יצחק קאָטען (ר׳ יצחק מטיסמעניץ)

האדמו״ר ר׳ יצחק מטיסמעניץ איז געבוירן געוואָרן אין בערדיטשעוו אין יאָר 1841 אין אַ רבנישער משפחה. זיין פאָטער רבי משה חיים זצ״ל, האָט געשטאַמט פון בעש״ט — פון ר׳ לייבוש פראָסקוראָווער און פון דעם גרויסן ר׳ ליבער פון בער־דיטשעוו (רוסלאַנד). ליבער איז געווען זיין פאַמיליען־נאָמען. אין יאָר 1858, ווען ער איז אַלט געווען 17 יאָר איז ער מיט זיינע צוויי ברידער, אַריבער די גרענעץ

קיין גאַליציע (עסטרייך) ביי בראָד, אין שטעטל לעשניאָוו. כדי אויסצומיידן די צאַרישע מיליטער־פּליכט. אין בראָד האָט ער זיך פאַרהאַלטן אוןביידע ברידער זיינע זענען געגאַנגען ווייטער. איינער האָט זיך פאַרהאַלטן אין בוקאָווינע און געטוישט זיין פאַמיליען־נאָמען אויף גאָטעסמאַן און דער צווייטער האָט זיך פאַרהאַלטן אין קאָלאָמיי, וווּ מען האָט אים גערופן „סאָלער רבי״. ר׳ יצחק האָט זיך געשטעלט פאָרן לעשניאָווער צדיק און אים דערציילט וועגן דער גאַנצער געשעעניש, מיטן שמוגלען די רוסיש־עסטרייכישע גרענעץ. דער צדיק האָט אים געעצה׳ט צו בלייבן אין לעשניאָוו. יצחק האָט מסכים געווען. דער צדיק האָט אים צוגעשריבן צו זיין מעטריקע און ר׳ יצחק האָט באַקומען דעם פאַמיליע־נאָמען „קאָטען״... מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיטן צדיקס טאָכטער. (די רביצין האָט געהייסן גאָלדע. זי איז געווען אַ גרויסע צדקית. זי איז נפטר געוואָרן אין טיסמעניץ אין יאָר 1925). זיין שווער און דער בעלזער רבי ר׳ יהושוע׳לע האָבן אים געגעבן סמיכות און ער האָט זיך אַריבערגעצויגן וווינען אין בראָד, פון וואַנעט ער איז, אין אַ געוויסער צייט אַרום געקומען קיין טיסמעניץ, וווּ מ׳האָט אים גערופן דער בראָדער רבי. דאָ האָט ער געקויפט אַ גרויס הויז מיט אַ גאָרטן, וווּ ער האָט אויפגעבויט אַ גרויס בית־המדרש, אין וועלכן ער האָט געלערנט דברי תורה. ער איז גאַנץ שנעל מפורסם געוואָרן אַלס טיסמעניצער רבי, אלס גרויסער תלמיד־חכם און גוטער קענער פון רמב״מס „ספר רפואה״. אין טיסמעניץ און אויך אין די אַרומיקע שטעט האָט ער געהאַט פיל חסידים. פאַר זיין הויז האָט מען טאָג־טעגלעך געזען שטיין פערד און וועגענער פון זיינע חסידים, וועלכע פלעגן קומען פון ווו ווייט, כדי צו הערן פון אים דברי־תורה, זיינע עצות, אָדער צו באַקומען פון אים עפּעס אַ רפואה.

אין די ימים נוראים און אויך אין אַנדערע יום־טובים פלעגן קומען דאַווענען אין זיין בית־המדרש, אויסער שטאָטישע, אויך צענדליקער חסידים פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, כדי צו הערן דעם „טאַפּאַראָווער חסיד״, וואָס איז געווען באַרימט מיט זיין שיינעם דאַווענען און זינגען. יעדער שמחת־תורה פלעג מען פון אַלע בתי־מדרשים גייען מיט די ספרי־תורה׳ס איבער דער שטאָט צום רבין, צו די הקפות. ר׳ יצחק האָט געהאַט 4 זין און 7 טעכטער: דער בכור ר׳ מתיסל זצ״ל איז געווען דער מאָנסטרישצער רבי. נאָכדעם ערשטן וועלט־קריג איז ער פאַרבליבן וווינען אין סטאַניסלאָוו. דאָ האָט ער אויך געהאַט אַן אייגענעם „מנין״ אויף דער העליצער־גאַס. ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און שטאַרק באַליבט און געשעצט, נישט בלויז ביי זיינע חסידים אין זיין וווין־שטאָט, נאָר אויך אין אַנדערע

שטעט, און באַזונדערס אין טיסמעניץ. דער צווייטער זון, שלמה חיים, האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון סאַלער רבין — אַ טאָכטער פון זיין פאָטערס ברודער אין קאָלאָמיי. ר׳ יצחקס דריטער זון ר׳ מעכיל איז געוואָרן אַ סוחר. זיין פערטער זון ר׳ אפרימל האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענעם סוחר אין ביעלעץ, און זיך דאָרט באַזעצט.

ר׳ יצחקלס עלטסטע טאָכטער, רבקה לאה, האָט חתונה געהאַט מיט אַ רבי פון מאַלי (רוסלאנד). די צווייטע טאָכטער סערל, האָט חתונה געהאַט מיטן דזשילינער רבי און געוווינט אין כשאַנאָוו. די דריטע טאָכטער, דבורה, האָט חתונה געהאַט מיט אַ רבי אין לאַנציט. די פערטע טאָכטער, יוכבד, האָט חתונה געהאַט מיט אַ זון פון ר׳ מנחם מענדל האגער, זאַבלאָטאָווער רב, ר׳ יוסף האַגער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן רב אין טיסמעניץ. יוכבד האָט געשמט אַלס געלערנטע הן אין תורה, הן אין וועלטלעכער וויסנשאַפט. די פינפטע טאָכטער, רחל, האָט חתונה געהאַט מיט אַ רבי פון פוילן, וואָס האָט געשטאַמט פון דער באַקאַנטער רבנישער משפחה פון מאַגלינעץ. די זעקסטע טאָכטער, האָדל, האָט חתונה געהאַט מיט אַ סוחר אין קראָקע און זיך דאָרט באַזעצט, די זיבעטע טאָכטער ווידער, יענטעלע, האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ מנחם מענדל האַגערס אַ זון — ר׳ חיים האַגער, דער אָטיניער רבי, וואָס האָט געגרינדעט דעם באַקאַנטן אָטינער רביישן הויף. ר׳ מנחם מענדל איז נפטר געוואָרן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָךביים פאָטערס לעבן, און פאַריתומט צוויי קינדער — אַ זון און אַ טאָכטער, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן ביים זיידן, דעם אָטינער רבי ר׳ חיים ז״ל. דער זון ר׳ יצחק איז געווען אַן איידעם פון ר׳ שלמה חיים פערלאָוו, אדמו״ר פון באָליכאָוו און העכער צען יאָר געווען מרא־דאתרא אין טלאָמאַץ. אין יאָר 1942 (אָקטאָבער) איז ער אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן אין בעלזשעץ. די טאָכטער האָט התונה געהאַט מיטן באַרימטן קראָקעווען מגיד, יודל מאַרקוס. (איבערגעגעבן פון ר׳ לייבוש האַגער).

ר׳ יצחק מטיסמעניץ איז נפטר געוואָרן אין טיסמעניץ און דאָרט געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל כ״ד חשוון תרס״ד (1904). צו זיין לוויה זענען געקומען פיל רבנים און חסידים פון דער נאָענטער געגענט און אויך פון ווייטע מקומות. די איינוווינער פון טיסמעניץ, סיי יידן און סיי קריסטן, האָט זיך באַטייליקט אין דער לוויה. אַלע געשעפטן און וואַרשטאַטן אין שטאָט זענען געווען געשלאָסן אַלס אויסדרוק פון אַלגעמיינעם טרויער. נאָך זיין טויט האָבן זיינע חסידים געקרוינט אַלס טיסמעניצער רבי זיין איידעם, ר׳ יוסף האַגער, וואָס איז נאָכן ערשטן וועלט־קריג אויך באַשטימט געוואָרן אַלס טיסמעניצער רב. פון דער גאַנצער גרויסער

משפחה לעבט נאָך בלויז איין אייניקל — אַ זון פון מאַתיסל, דער מאָנסטרישצער רבי.

הרב אהרון אריה לייב קאָטען

הרב אהרון אריה איז שוין אין זיין פריער עלטער געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געוווינט אין ביעליץ, וווּ ער האָט אָנגעפירט מיט אַ גרויסער ישיבה, וואָס האָט געשמט מיט אירע לערנער. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט ר׳ אהרון אריה איבערגעלעבט אויף סיביר, וווהין ער מיט זיין פרוי און דריי קינדער זענען פאַרשיקט געוואָרן. נאָכן קריג, ווי נאָר ער איז באַפרייט געוואָרן פון דער פאַרשיקונג, האָט ער פאַרלאָזט דעם ראַטנפאַרבאַנד, זיך פאַרהאַלטן אַ געוויסע צייט אין דאַכאַו (דייטשלאַנד), זיך אָפּגעגעבן מיטן לינדערן די נויט פון דער שארית־הפליטה. ער איז דעמאָלט אויך געווען אַן אַקטיווער טוער אין אגודת הרבנים אין דייטשלאַנד בכלל און אין מינכענער ראַבינאַט בפרט. אין יאָר 1949 האָט ער פאַרלאָזט דייטשלאַנד, זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק אַלס מאָנסטרישצער רבי ביים בית הכנסת „בני מתתיהו", וווּ ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד, אויף וועלכן ער האָט זיך פאַרדינט מיט זיין תורה און חכמה.

הרב ר׳ פנחס שלמה שאסהיים ז״ל (געב. 1854 אין פשעמישל)

ר׳ פנחס איז געווען אַ תלמיד פון רב ר׳ יצחק שמעלקיס ז״ל. נאָך אַלס יונגער בחור האָט ער אַרויסגעוויזן אַ פאַראינטערעסירונג צו לערנען תורה מיט יגיע־כפּימניקעס, וואָס ער פלעג יעדן שבת דורכפירן בשלימות אין זיין געבוירן־שטאָט — פשעמישל. חתונה געהאַט האָט ער קיין ראַדימנע, וווהין ער האָט זיך אַריבערגעצויגן און דאָרט ממשיך געווען דאָס לערנען תורה מיט „עמך" יעדן שבת. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט ער זיך באַזעצט אין לעמבערג און געוואָרן דאָרטיקער מגיד. זיינע דרשות האָט ער געהאַלטן אין פאַרשידענע בתי־מדרשים, וווהין ער פלעג פאַרבעטן ווערן, ווייל ער איז געווען זייער פּאָפּולער.

אין די יאָרן 1894—1897 איז ער געווען מגיד אין זאַבלאָטאָוו. פון זאַבלאָטאָוו האָט ער זיך אומגעקערט קיין טיסמעניץ, וווּ ער איז געווען מגיד ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. פון טיסמעניץ האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין סטאַניסלאַוו. דאָ האָט ער געדאַוונט און געדרשנט אין בית הכנסת „אגודת אחים" (דעם מגידס שול). אויך אין טיסמעניץ האָט ער נישט פאַרגעסן און פלעג אָפט אַראָפּקומען דרשנען. ער איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון ד״ר הערצלס

אידייע און דאַריבער זענען זיינע דרשות געווען שכלדיק דורכגעפלאָכטן מיט ציוניסטישע געדאַנקען.

ר׳ איציע דיין ז״ל

ר׳ איציע איז געווען דיין אין טיסמעניץ אין די יאָרן, ווען ר׳ שאול הלוי איש האָראָוויץ איז געווען רב אין טיסמעניץ (1883—1913). ר׳ **איציע איז געווען אַ** גרויסער למדן. זיין אויסערלעכער אויסזען שוין האָט אַרויסגערופן צו זיך דרך־ארץ. זיין הויכע פיגור, זיין שמאָלע לאַנגע גרייז־גראָע באָרד, זיינע שיינע לאַנגע פּיאות האָבן זיין הדרת־פנים געמאַכט נאָך חשובער. זיין הלבשה איז באַשטאַנען פון אַ גלאַנציקער זיידענער קאַפּאָטע, אַ ברייטן גאַרטל, קורצע הויזן, ווייסע הויכע זאָקן מיט שוואַרצע קאַמאַשן. יעדער פרימאָרגן פלעג ער גיין דאַווענען אין קלויז אַריין און לערנען תורה מיט עלטערע יידן און מיט יונגע בחורים, וואָס האָבן געגאַרט ביי אים זיך צו לערנען. לויט איך געדענק פלעג ער תמיד זיצן בראש פון זיינע תלמידים און הינטער אים איז געשטאַנען אַ הויכע שאַנק מיט ספרים, וואָס האָט זיך געצויגן ביזן סופיט און איבער דער גאַנצער ברייט פון דער וואַנט. אין קלויז פלעג ער ס׳רוב פאַרברענגען ביז 12 אזייגער, פסקנען שאלות און דורכפירן דין־תורה׳ס. פון זיין פסק־דין פלעגן תמיד ביידע צדדים זיין צופרידן, ווייל ער האָט געהאַט זייער אַ שאַרפן מוח און זיינע באַגרינדונגען זענען געווען מיט פיל חכמה.

ר׳ איציע דיין איז נפטר געוואָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל אין זיין באַליבטער שטאָט — טיסמעניץ, ווו די יידישע תושבים האָבן אים מאַסנווייז אָפּגעגעבן דעם לעצטן כבוד, אויף וועלכן ער האָט זיך כשר פאַרדינט ביים לעבן.

שוחטים און מלמדים אין טיסמעניץ

ר׳ דודיע שוחט (דוד וואהל)

ר׳ דודיע שוחט (דוד וואָהל) איז געווען דער עלטסטער שוחט אין טיסמעניץ. אַ ייד מיט אַ הדרת־פּנים, אַ הויכער, פעסטער, מיט אַ ברייטער ווייסער באָרד און שיינע לאַנגע פּיאות. מיט זיין אויסערלעכן אויסזען און הלבשה האָט ער אַרויס־גערופן צו זיך אַ געוויסן דרך־ארץ. ער האָט תמיד געטראָגן אַ שוואַרצן פלושענעם הוט מיט ברייטע ראַנדן, הויזן ביז די קני, ווייסע, לאַנגע זאָקן מיט האַלבע לאַטשן. איך האָב אים פּערזענלעך געקענט, ווייל מיר האָבן געוווינט בשכנות. מיט זיין אייניקל, פּסח ביקל, האָב איך אַפילו געלערנט אין איין שול.

עופות פלעג ער שעכטן אויפן הויף זיינעם, וווּ ער האָט געהאַט ספּעציעלע, צו דעם צוועק, איינריכטונגען. בדרך כלל אָבער האָט ער די שחיטה געפירט אין שטאָטישן שעכט־הויז. דודיע איז געווען אַ גרויסער בעל־מנגן און פלעג אָפט דאַווענען אין קלויז פאַרן עמוד, אויף וואָס די מתפללים האָבן גערן געוואַרט ביים דאַווענען. דאָס האָט פאַרגרעסערט זיין חשיבות אין שטאָט...

ר׳ פייוול שוחט

ר׳ פייוול שוחט ז״ל (פייוול שעכטער) איז געווען אַ סך יאָרן שוחט אין טיסמעניץ. ר׳ פייוול איז געווען אַ ייד אַ תלמיד־חכם, אַ משכיל און אַ גרויסער עניו. הגם ער איז נישט געווען קיין חסיד (חסידיזם איז אין זיינע צייטן געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין גאַליציע. אויך אין טיסמעניץ האָט דער חסידיזם געהאַט אַ סך אָנהענגער), איז ער שטאַרק באַליבט געווען אין שטאָט. אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס דרך־ארץ. ווען ער איז געווען אויף דער עלטער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון צו זיין שוחט און זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען די בחורים פון זיין שטאָט תורה. זיינע זין האָט ער געפירט בדרכי תורה און גלייכצייטיק זיי דערמעגלעכט צו לערנען וועלטלעכע לימודים. געשטאָרבן איז ער אין סטאַניסלאַוו, וווהין ער האָט זיך איבערגעצויגן, ווייל זיינע זין האָבן דאָרט געוווינט.

ר׳ חיים שוחט

ר׳ חיים שוחט ז״ל איז געווען שוחט אין טיסמעניץ אַ סך יאָרן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז גאָר יונג געשטאָרבן. נאָך זיין טויט האָט די אלמנה מיט אירע נאָך גאָר קליינע קינדער פאַרלאָזט טיסמעניץ. דאַריבער זענען קיין יורשים פון אים אין טיסמעניץ נישט געבליבן.

ר׳ יוסיע מאיר שוחט

ר׳ יוסיע מאיר שוחט ז״ל (יוסיע מאיר פלעסער) איז אויפגענומען געוואָרן אין טיסמעניץ אַלס שוחט אין די יאָרן 1925—1926. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די יידישע באַפעלקערונג אין טיסמעניץ געווען שטאַרק פאַראָרעמט און איז נישט געווען אימשטאַנד אויסצוהאַלטן מער ווי איין שוחט. קיין טיסמעניץ איז ער געקומען פון ליסעץ — אַ קליין שטעטל אין דער סביבה פון סטאַניסלאַוו. ר׳ יוסיע מאיר איז אפילו אין די עלטערע יאָרן געווען אַ קרעפטיקער ייד מיט אַ שוואַרץ־גרוילעכער באָרד און לאַנגע שיינע פאות. ער איז געווען אַ קלוגער און אַ גרויסער מתנגד. ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין טיסמעניץ, האָט ער זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ קאָנפליקט מיטן ראש־הקהילה, ר׳ שלמה לונענפעלד ז״ל, און אויך אַפילו מיטן טיסמעניצער רב, ר׳ יוסף האַגער ז״ל. געווען איז עס פונקט אין אַ צייט, ווען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די טיסמעניצער יידן האָט זיך געהאָט אַ ביסל פאַרבעסערט. די קהילה־פאַרשטייער האָבן דאַריבער געהאַלטן, אַז מען קען באַשעפטיקן צוויי שוחטים אין שטאָט און אַראָפּגעבראַכט נאָך אַ שוחט. אָט דער פאַל האָט דערפירט צו אַ גרויס מחלוקת צווישן אים און ראש־הקהל. דער צווייטער שוחט איז אויפגענומען געוואָרן אין טיסמעניץ אין די יאָרן 1930—1931. ר׳ יוסיע מאיר איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע טיסמעניצער יידן אין יאָר 1942.

ר׳ ישראל שוחט

ר׳ ישראל שוחט ז״ל האָט מען אין שטאָט גערופן דער זיידענער יונגערמאַן. ער איז געווען איידל און אָנגעזאַפּט מיט תורה. אין די יום־טובים פלעג ער זיין אין בית־המדרש דער שליח־ציבור און דאַוונען פאַרן עמוד. זיין נוסח און נגינה ביים דאַוונען האָט צוגעצויגן אַ סך מתפללים. ער איז געווען שטאַרק באַליבט ביי דער גאַנצער טיסמעניצער באַפעלקערונג. ער מיט זיין פרוי און קינדער זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים אין יאָר 1942.

ר׳ יאָסעלע שוחט

ר׳ יאָסעלע שוחט ז״ל (יוסף סאָלאָמאָן) איז אויפגענומען געוואָרן אין טיסמעניץ אַלס שוחט אין יאָר 1935, ווען יוסיע מאיר האָט אויפגעהערט שעכטן. ער איז געווען אַ טיסמעניצער אײדעם. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ר׳ הערשל גראַב — אַן אייניקל פון ר׳ פנחס גאַרטלמאַכער. דאָס איז געווען אַ באַקאַנטע חסידישע משפחה אין טיסמעניץ. ר׳ יאָסעלע איז געווען זייער אַ פּעאיקער מענטש. הגם ער איז נאָך געווען גענוג יונג איז ער שוין אויפגענומען געוואָרן אַלס שוחט. אומגעקומען איז ער צוזאַמען מיט זיין ווייב און קליינע קינדער אין דער שואה־צייט.

ר׳ פייוויש מלמד

ר׳ פייוויש מלמד (פייוויש פלאַפּלער, האָט מען אים גערופן) איז געווען אַן אָנגענומענער מלמד אין טיסמעניץ. ווען איך בין אַלט געוואָרן 3 יאָר האָבן מיך מיינע עלטערן אַריינגעגעבן אין חדר פון ר׳ פייוויש מלמד. דאָס איז געווען דאָס גרעסטע חדר אין שטאָט. דאָס חדר האָט ער געפירט אין זיין אייגן הויז, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער דער מיידל־שול מיטן גרויסן זייגער. די וווינונג, וואָס ר׳ פייוויש האָט פאַרנומען איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן מיט אַ קוך. דאָס גרעסערע צימער האָט געדינט פאַרן פירן דאָס חדר. אין חדר זענען געשטאַנען צוויי טישן. ביי איין טיש האָט געלערנט דער רבי אַליין מיט גרעסערע קינדער און ביים צווייטן טיש האָט געלערנט אַ בעלפער מיט קליינע קינדער.

צו פייוויש מלמד האָבן אַ סך עלטערן געשיקט זייערע קינדער און דאָס חדר איז געווען צו ענג אַריינצונעמען אַלע קינדער צוזאַמען. אַ געוויסער טייל קינדער האָט זיך דאַריבער תמיד געפונען אויפן הויף, ווו ס׳איז געווען גענוג פּלאַץ זיך צו שפּילן. האָט מען אַריינגערופן איין גרופּע קינדער פון הויף, פלעג מען אַרויסלאָזן פון חדר אַ צווייטע גרופּע. די תלמידים האָבן ביי ר׳ פייווישן געלערנט פון א״ב ביז חומש מיט רש״י. די עלטערע קינדער פלעגן אויך אַלע שבת לערנען „פּרקי אָבות״ און „ברכי נפשי״. ביי ר׳ פייווישן איז אויך געווען באַשעפטיקט אַ צווייטער בעלפער, וואָס פלעג ברענגען און אַהיימפירן די קלענערע קינדער. אין חדר פלעגן די קינדער האָבן פריילעכע טעג, ווען זיי זענען געפירט געוואָרן צו אַ ברית־מילה ביי אַ „שיינעם באַלעבאָס״ אין שטאָט צום לייענען „קריאת־שמע״, און דערפאַר באַקומען אַרבעט און זיסוואַרג, מ׳פלעגט פאַראווען אַ סעודה, ווען אַ יינגל פון חדר האָט אָנגעהויבן לערנען חומש און האַלטן דערביי אַ דרשה, וואָס איז באַשטאַנען

אין פירן אַ דיאַלאָג מיט אַ צוויט קינד. איין אַזאַ דיאַלאָג איז מיר געבליבן אין זכרון, וואָס איך וועל, אַלס ביישפּיל, דאָ איבערגעבן:

צוויי קינדער שטייען אויף אַ גרויסן טיש — דער בעל־שמחה אויסגעפּוצט אין נייע מלבושים מיט אַ שיינער קייט אויפן האַלדז, פון וועלכן עס הענגט אַראָפּ אַ טאַשנזייגער.

זיין חבר רופט אויס:

— קום אַהער, ייִנגעלע!

— איך בין שוין נישט קיין ייִנגעלע — קומט אַן ענטפער פון בעל־שמחה.

— וואָס־דען ביסטו?

— איך בין שוין אַ גאַנץ פיין בחורל.

— אויב דו ביסט שוין אַ פיין בחורל, קענסטו שוין לערנען?

— אוודאי קען איך שוין לערנען.

— וואָסזשע לערנסטו שוין?

— חומש, אין אַ גוטער, מזלדיקער שעה.

— וואָס איז די טייטש פון חומש?

— פינף.

— וואָס פינף? פינף בייגל פאַר אַ גרייצער?

— ניין, פינף ספרים, וואָס זענען אָנגעשריבן אין דער הייליקער תורה.

— וועלכן ספר לערנסטו איצט?

— ויקרא.

— וואָס איז די טייטש פון ויקרא?

— ער האָט גערופן.

— ווער האָט גערופן? ישראל דער שמש האָט גערופן אין שול אַריין?

— ניין, גאָט האָט גערופן משה׳ן אויפן באַרג סיני ער זאָל אים זאָגן דעם דין פון די קרבנות און אַזוויי דער קרבן איז הייליק, בין איך אויך הייליק.

אַזוי האָט זיך געפירט דער דיאַלאָג און די באַלעבאַטישע צוהערער, באַזונדערס דער מלמד און די עלטערן פון בעל־שמחה, זענען געשטאַנען אַרום דעם טיש און געקוואַלן פון נחת.

אַ גאַר גרויסע פרייד האָט באַהערשט די קינדער ווינטער־צייט, ווען די טעג זענען געווען קורצע און מ׳האָט געלערנט אין די אָוונטן. יעדעס קינד האָט, גייענדיק

אַהיים, געטראָגן אַ לאָמטערנדל אין דער האַנט (קיין עלעקטרישע באַלייכטונג איז אין שטאָט נישט געווען) און אַלע צוזאַמען האָבן געזונגען גייענדיק:

„האָפּ האָפּ, אַ גוטע נאַכט,
מיר הייבן אָן צו גיין בייַנאַכט
נישט אַזוי — יאָ אַזוי,
כי לעולם חסדו״.

ר׳ פּייוויש איז געשטאָרבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אין טיפער זקנה.

ר׳ אבא יהודה פליקער

אבא יהודה מלמד איז געווען דער צווייטער דרדקי־מלמד אין טיסמעניץ. ער איז געווען באַקאַנט אין שטאָט אַלס זייער שטרענגער מלמד. לערנען זענען די קינדער געגאַנגען צו אים אָן חשק, ווייל ער פלעג צו אָפט זיך באַנוצן מיט אַ קאַנטשיק. דאָך האָבן אַ סך עלטערן געשיקט זייערע קינדער צו אים אין חדר, ווייל מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַ פעאיקן מלמד. אַבאַ יהודה פליקער איז געשטאָרבן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ר׳ אייזיק מלמד

ר׳ אייזיק מלמד (אייזיק גאַראַנט) ז״ל איז געווען אַ גמרא־מלמד. איך געדענק אים אַלס ייִד אין טיפן עלטער, ווען אויך איך בין געווען זיין תלמיד (1905—1906) און שוין אויך געלערנט וועלטלעכע לימודים אין אַ שול. צו אים אין חדר זענען שוין געגאַנגען קינדער, וואָס האָבן געלערנט חומש מיט רש״י און גמרא. ער האָט געהאַט צוויי טעכטער. איינע האָט געהייסן אסתר דבורה און די צווייטע האָט געהייסן עלקע פעסל. ביידע פלעגן זיי זיך פאַרנעמען מיטן צוגרייטן די קינדער פון זייער טאַטנס חדר אין וועלטלעכע לימודים פאַר דער פאָלקסשול. ר׳ אייזיק מלמד איז געשטאָרבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ר׳ הירש מלמד

ר׳ הירש מלמד (הירש בראָטמאַן) ז״ל איז געווען אַ מלמד פון דער שטאָטישער תלמוד־תורה, אין וועלכער עס האָבן זיך געלערנט יתומים און קינדער פון אָרימע עלטערן, וואָס זענען נישט געווען אימשטאַנד צו צאָלן שכר־לימוד.

ר׳ הירש איז געווען דער איינציקער מלמד אין שטאָט, ביי וועלכן קינדער האָבן

געלערנט תנ״ך. אַזעלכע שיעורים פלעג ער אָבער געבן בלויז פּריוואַט פאַר אַ געהעריקן אָפּצאָל, אויף וואָס נישט אַלע עלטערן האָבן זיך געקענט דערלויבן. איך האָב געהערט צו די קינדער, וועלכע האָבן זיך יאָ געלערנט ביי אים פּריוואַט. ר׳ הירש איז געווען שטאַרק דורכגענומען מיטן תנ״ך. עס טויכט אויף אין מיין זכרון זיין התלהבות, מיט וועלכער ער האָט געפירט מיט אונדז דעם לימוד און אויסגעטייטשט די פּרקים פון די נביאים. אין אונדזערע מוחות און הערצער זענען אויף אייביק געבליבן אויסגעקריצט: „**אַל תיראי תולעת יעקב מתי ישראל, אני עזרתיך נאום־יהוה וגאלך קדוש ישראל**״ — דו זאָלסט זיך נישט שרעקן, הייפעלע ישראל, איך האָב דיר געהאָלפן — זאָגט גאָט — און דיין אויסלייזער איז דער הייליקער פון ישראל (ישעיה מ״א), ווי אויך „ולקחתי אתכם מן הגויים וקיבצתי אתכם מכל הארצות והבאתי אתכם אל אדמתכם״ — איך וועל אייך צוזאַמענגעמען פון צווישן די פעלקער און פון אַלע לענדער און צוריקברענגען אייך אין אייער לאַנד אַריין (יחזקאל ל״ו).

ר׳ הירש מלמד איז געשטאָרבן אין טיסמעניץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

גמרא מלמדים

אויסער די אויבן אויסגערעכנטע מלמדים זענען געווען נאָך אַנדערע מלמדים, צו וועלכע די עלטערן, וואָס האָבן געוואָלט פאַרטיפן ביי זייערע קינדער גמרא־קענטעניש, פלעגן שיקן די קינדער אין זייערע חדרים. אַזעלכע מלמדים, געדענק איך בלויז דריי, ווי: ר׳ שמריה, ר׳ יאָסל צדיק ז״ל, ווי אויך קלמן שאָסטאַק ז״ל.

פאַר דער מלחמה האָט שמריה מלמד׳ס איידעם, ר׳ יונה שטריק ז״ל, געפירט אַ בית־מסחר פון ספרים, סידורים, מחזורים, גמרות, טליתים און תפילין. נאָכן טויט פון זיין שווער האָט ער איבערגענומען זיין מלמדות. חוץ, וואָס קינדער האָבן געלערנט ביי גמרא־מלמדים, פלעגן קינדער אויך קומען אין קלויז אַריין און לערנען גמרא, צוזאַמען מיט דערוואַקסענע.

טיסמעניצער יידישע געשטאלטן

ר׳ קלמן שאַסטאַק ז״ל

זיין פאַמיליע־נאָמען האָט מען נישט געקענט, גערופן האָט מען אים קלמן שאַסטאַק, וואָרעם אויף ביידע הענט האָט ער געהאַט צו זעקס פינגער. ווער אין שטאָט האָט נישט געקענט ר׳ קלמנען ? אַ קליין, דיק יידל מיט אַ צעשויבערט בערדל, וואָס איז תמיד געווען פאַרברוינט פון טאַבאַק שמעקן. גאַנצע טעג פלעג ער זיצן אין קלויז איבער אַ גמרא און לערנען בקול רם. קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען, ווייל ער פלעג פאַנפען. געוווסט האָט מען אָבער, אַז ער איז אַ גרויסער קענער אין די קליינע אותיות. מ׳האָט אים אויך גערופן „לעבעדיקער לוח״, ווייל ער האָט געקענט אויסרעכענען, ווען אַלע יידישע יום־טובים וועלן אויספאַלן אויף אַ משך פון צענדליקער יאָרן. אויפן פאַרלאַנג פון פאַראינטערעסירטע פלעג ער אויך אויסצורעכענען יאָרצייטן. תמיד האָט ער געהאַט אייניקע תלמידים, וואָס האָבן דווקא ביי אים געוואָלט לערנען גמרא און משניות. עס איז באַקאַנט, אַז ער האָט נישט פיינט געהאַט דעם „ביטערן טראָפּן״ און האָט נישט דורכגעלאָזן קיין איין התונה און קיין איין ברית־מילה אין שטאָט.

ר׳ פייוול צודיק ז״ל

ר׳ פייוול האָט זיין גאַנץ לעבן געוווינט אין טיסמעניץ. ער איז געווען אַ שטאַרקער חסיד און אַ גרויסער פאַנאַטיקער. יעדן באַגינען פלעג ער זיך טובלען אין דער שטאָטישער מקוה און פון דאָרט איז ער גלייך געגאַנגען אין קלויז אַריין, וווּ ער פלעג דאַווענען און לערנען גמרא. די זאָרג וועגן פרנסה האָט ער געלאָזט פאַר זיין ווייב, וואָס האָט געהאַנדלט מיט לייוונט אין שטוב און אויף ירידים. ר׳ פייוול איז געווען אַ הויכער, שטאַלטנער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד און לאַנגע פיאות. ער האָט תמיד געטראָגן אויף זיך אַ זיידענע יופּעצע מיט אַ רויטער אַרויס־געשטרעקטער פאַטשיילע פון דער הינטערשטער קעשענע. ווען ער פלעג קומען פון קלויז און טרעפן אַ גויטע איינהאַנדלען ביי זיי ווייב לייוונט, האָט ער תיכף אַרויסגעצויגן די פאַטשיילע און זיך פאַרדעקט מיט איר זיין פּנים. ר׳ פייוול האָט אין קלויז געלערנט גמרא מיט קינדער פון עלטערן, וואָס האָבן אים געהאַלטן

פאַר אַ גרויסן גמרא־קענער. ר׳ פייוול איז געשטאָרבן אין טיסמעניץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ר׳ יאָסל צודיק ז״ל

ר׳ יאָסל איז געווען אַן איש תם וישר, און האָט געשמט אין שטאָט אַלס גרויסער תלמיד־חכם; ער האָט געהאַט סמיכות אויף דיין און דאָס נישט אויסגענוצט. ער פלעג אָבער זייַן אַ בייזיצער ביי שווערע דין־תורה׳ס. ר׳ יאָסל איז געווען אַ דאַר יידל מיט אַ קליין בערדל. אין די יונגע יאָרן האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט טעקסטיל־האַנדל. אין די שפּעטערע יאָרן האָט ער אויפגעגעבן דעם האַנדל און זיך פאַרנומען מיטן לערנען גמרא מיט קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן. אויך אַלגעמיינע וויסנשאַפט איז אים נישט געווען פרעמד. סוחרים און סתם באַלעבאַטים פלעגן גערן צו אים גיין אויף אַ דין־תורה, ווייל מ׳האָט פון אים געהאַלטן און געהאַט צו אים צוטרוי. זיין פסק פלעג מען מקיים זיין. געשטאָרבן איז ר׳ יאָסל נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ר׳ מאָטעלע סאַמואלי ז״ל

ר׳ מאָטעלע איז געווען אַ ייד אַ משכיל. איך געדענק אים — אַ הויכער ברייטער ייד מיט אַ גוט געפלעגטער ווייסער באָרד. געטראָגן האָט ער אַ געהאַקטן שלוס־ראָק (האַלב לאַנג) און אַ האַלב פלאַכן צילינדער. אין שטוב ביי אים האָט מען גערעדט דייטש. זיין הויז איז געפירט געוואָרן אין טראַדיציאָנעלן כשרן גייסט. זיינע קינדער זענען דערצויגן געוואָרן אין יידישער און וועלטלעכער קולטור. דאַריבער מאַקע האָבן זיי פאַרנומען אָנגעזעענע ערטער אינעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטאָט. ר׳ מאָטעלע איז אַלע זיינע יאָרן, פּיז זינט ער איז געוואָרן אַ דערוואַקסענער מענטש, געווען פלעני־פּאָטענט פון דער באַנק פון דער גבירישער משפחה „טעהנע״, וואָס האָט געפירט פאַרשפרייטע באַנק־ און טראַנספּאָרט־געשעפטן.

ר׳ מאָטעלע פלעג דאַווענען אין דער גרויסער שול, ווו ער האָט געהאַט אַ „שטאָט״ ביי דער מזרח־וואַנט. אין טיסמעניץ האָט ער געלעבט און געשטאָרבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ר׳ משה לערער ז״ל

ר׳ משה לערער (משה שלאָס) איז געווען אַ הויכער ייד מיט אַ שיינער

גוט־געפלעגטער לאַנגער באָרד און שיינע פאות. געווען איז ער קורצזיכטיק און האָט געטראָגן ברילן. אין שטוב האָט ער געטראָגן אויפן קאָפּ אַ שיין קאַפּעלע, און אין גאַס — אַ ווייכן פילצענעם הוט. ער איז געווען פון די אָנגעזעענע משכילים אין טיסמעניץ. אין זיין אייגן הויז האָט ער געפירט אַ פּריוואַטע שול פאַר יינגלעך און מיידלעך. אין שול האָט מען געלערנט יידיש און דייטש. ער האָט אויך געפירט קורסן פאַר האַנדלס־קאָרעספּאָנדענץ אין די זעלבע צוויי שפּראַכן. ער האָט געהאַט פיל אָנערקענונג אַלס לערער און דאַריבער האָט ער טאַקע געהאַט אַ סך תלמידים הן אין שול, הן אויף די קורסן. די שול און די קורסן האָט ער געפירט אין די נאָכמיטאָג־שעהן, ווייל אין די פאַרמיטאָג־שעהן האָט ער געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין דער באַנק פון דער שוין דערמאָנטער פירמע פון דער משפחה „טהענע". אַ סך יאָרן איז ער געווען גבאי אין בית־המדרש און אויך בעל־קורא, וועלכן די באַלעבאַטים האָבן ליב געהאַט צו הערן, ווייל ער האָט געהאַט אַ שיין קול־נגינה.

ר׳ משה לערער איז געשטאָרבן אין טיסמעניץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מאיר שניצער ז״ל

שניצער האָט געלעבט און געשטאָרבן אין טיסמעניץ נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אידייאיש האָט ער געהערט צו די משכילים. פון פאַך איז ער געווען אַ לערער און געלערנט רעליגיע אין אַלע פאָלקס־שולן. ביי זיך אין הויז האָט ער געפירט אַ פּריוואַטע שול פאַר קינדער, וואָס האָבן געוואָלט אָנקומען אין אַ מיטל־שול, און זיי צוגעגרייט צו די פּרווו־עקזאַמענס.

פרוי קראַוטהאַמער על״ה

פרוי קראַוטהאַמער האָט געוווינט אין טיסמעניץ און דאָרט געשטאָרבן אַ יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין טיסמעניץ איז זי געווען די איינציקע פּריוואַטע לערערין פאַר מיידלעך. ביי איר האָט מען געלערנט די דייטשישע שפּראַך און ליטעראַטור. נגידישע משפּחות פלעגן שיקן צו איר זייערע טעכטערלעך לערנען דייטש, פראַנצויזיש און אויך ווי זיך צו האַלטן אין אַ געזעלשאַפט. אירע שילערינס האָבן זיך געריימט מיט זייער שיין רעציטירטן שאַפונגען פון באַרימטע דייטשישע דיכטערס. נישט פיל מיידלעך האָבן ביי איר זוכה געווען אָנגענומען צו

ווערן, ווייל זי האָט אָנגענומען בלויז ספּעציעל פּעאיקע און דאָס אויך אין אַ באַשרענקטער צאָל.

לייבל מאָרגנשטערן

לייבל מאָרגנשטערן איז נאָך פיל יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען זייער אָנגעזען אין שטאָט. ער האָט זיך געפונען אין צענטער פון דער יידישער קהילה און אויך אין דער שטאָטישער קאָמונאַלער פאַרוואַלטונג, ווו ער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון וויצע־בירגערמייסטער און געהאַט אין זיינע הענט די יידישע מעטריקאַלע אָפּטיילונג. לייבעלע איז אויך געווען אַ פאָרשטייער פון דער גרעסטער איטאַליענישער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט „רעאוּניאָנע אַדריאַטיקה די סיקורטא". ער פלעג כמעט אויפצווינגען יידישע הויז־באַזיצער און סוחרים זיי זאָלן פאַרזיכערן זייערע פאַרמעגנס אין דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט. דאָס האָט אַרויסגערופן פאַרדרוס אין שטאָט. צוליב די, צו יענער צייט, אָפטע שריפות אין שטאָט, האָט ער אָבער געברענגט פיל נוצן, וואָס מען האָט אים שפּעטער אָנערקענט. לייבעלע איז געווען אַ מקורב ביי די שטאָטישע און אַפילו באַצירקס־אָנפירער און זיינע השפעות תמיד אויסגענוצט לטובת דער יידישער באַפעלקערונג פון טיסמעניץ. הגם ער איז געווען זייער אָנגעזען אין שטאָט, האָט ער אָבער אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן נישט גענומען קיין אָנטייל. ער איז געווען אַן אַסימילאַטאָר און זיינע קינדער דערצויגן ווייט פון דער יידישער טראַדיציע. זיינע קינדער האָבן באַקומען הויכע בילדונג, וואָס האָט זיי דערמעגלעכט צו פאַרנעמען הויכע מלוכה־אַמטן.

אין טיסמעניץ איז לייבעלע מאָרגנשטערן נישט געווען דער איינציקער ייד, וואָס האָט פאַרנומען אַ הויכן מלוכהשן אַמט. איך געדענק און ווייס אויך וועגן אַנדערע יידן, וואָס האָבן פאַרנומען הויכע אַמטן (אין דער קאָמונאַלער אָנפירונג און אין דער יידישער קהילה), וועלכע איך האַלט אַלס וויכטיק צו דערמאָנען, ווייל זיי האָבן געהאַט ספּעציעלע פאַרדינסטן פאַר זייער טעטיקייט לטובת דער יידישער געזעלשאַפט אין שטאָט. דאָס זענען געווען: עזריאל ליבליין עה"ש — וויצע־בירגערמייסטער; הירש זעמאַן עה"ש — וויצע־בירגערמייסטער און קהילה־פאָרשטייער; קלמן בערגנער עה"ש — קהילה־פאָרשטייער; יעקעלע פאַפּער עה"ש — נאָמינירטער פאָרשטייער פון דער פוילישער מאַכט; זלמן לאַדען עה"ש — קהילה־פאָרשטייער (ער איז געווען דער עלטסטער איידעם פון קלמן בערגנער); הירש קנאַלל עה"ש — קהילה־פאָרשטייער (אומגעבראכט דורך די דייטשן בעת

דער אָקופּאַציע); שלמה לונענפעלד — קהילה־פאַרשטייער (געשטאָרבן אין יאָר 1939), און שלמה פּישער עה"ש — אויך אַן אַנגעזעענער קהילה־פאַרשייער (אומגעקומען בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע).

ר׳ דוד שוואַך ז"ל

ר׳ דוד שוואַך ז"ל

ר׳ דוד (באַקאַנט אַלס דוד שניידער) איז געבוירן געוואָרן אין טיסמעניץ אין יאָר 1858. ער איז געווען אַן אויטאָדידאַקט און דאָך אַ בקי בכל חדרי תורה. נאָכן אַנטשטיין פון פּאָליטישן ציוניזם האָט ער זיך בלב ובנפש איבערגעגעבן דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַלס פּעאיקער פּראָפּאַגאַנדיסט האָט ער דעם ציוניסטישן געדאַנק פאַרשפּרייט צווישן די בעלי־מלאכות אין טיסמעניץ. שוין אין די יונגע יאָרן זיינע פלעג ער פיל צייט ווידמען אויף זיצן אין קלויז און זיך צוהערן צו די דברי־תורה פון מלמדים און פון אַלע לערנער דאָרטן. געזעלשאַפטלעך האָט ער זיך אויך געווידמעט דער טעטיקייט פון סאָציאַלער הילף און קודם־כל מיט העלפן די אָרעמעלייט, וואָס האָבן געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט. אויף זיין איניציאַטיוו האָט די יידישע קהילה־פאַרזאַמלונג איינגעאָרדנט אַ הכנסת־אורחים, וווּ אַזעלכע דורכוואַנדערנדיקע יידן האָבן געקאָנט איבערנעכטיקן בחינם איין נאַכט. אויף שטענדיק האָט דאָ באַקומען אַ וווינונג אַ שטאָטישער אביון, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו היטן דאָס יידישע בית־הקברות און דעם אינוועטאַר דאָרטן. בעת

דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער הכנסת־אורחים אַנשטאַלט צעשטערט געוואָרן. תיכף נאָך דער מלחמה האָט ער אויפסניי אָרגאַניזירט די דאָזיקע אינסטיטוציע און גלייכצייטיק געווידמעט אַ סך ענערגיע, אַז דאָס אַלטע בית־הקברות זאָל אַרומגעצוימט ווערן, ווייל די נישט־יידישע שכנים האָבן בעת די מלחמה־יאָרן דעם פּאַרקן צעשטערט און דאָס האָלץ פאַרנוצט אַלס הייץ־מאַטעריאַל. גלייכצייטיק האָבן די זעלבע, דאָס גאַנצע בית־הקברות פאַרוואַנדלט אין אַ פעלד צום פּאַשען זייערע בהמות. עס זענען אויך דעמאָלט צעשטערט געוואָרן אַ סך מצבות אויפן אָרט און אַ גאַנץ היפּשע צאָל איז אָוועקגעשלעפּט געוואָרן צום פאַרנוצן אויף פאַר־שידענע בוי־צוועקן. פון דער שענדלעכער נבלה האָבן אויך געליטן קברים פון גרויסע צדיקים, גאונים און רבנים, וואָס האָבן געהאָט געלעבט און נפטר געוואָרן אין טיסמעניץ.

ר׳ דוד האָט אָוועקגעגעבן פיל צייט און מי, אַז יעדער טיסמעניצער ייד זאָל זיך באַשטייערן לטובת דעם הייליקן צוועק און אויך, אַז די טיסמעניצער יידן אין אַמעריקע זאָלן אַנטייל נעמען אין דער אַקציע ביים אַרומצוימען דאָס אַלטע בית־הקברות. זיינע באַמיונגען זענען געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג.

ר׳ דוד שוואַך איז געווען אַן ערלעכער עוסק בצרכי־ציבור באמונה־שלימה, געשטאָרבן איז ר׳ דוד ז״ל אין טיסמעניץ אין יאָר 1927.

ר׳ יאַנציע פאָפּיק ז״ל

ר׳ יאנציע פאָפּיק (באַקאַנט אַלס יאַנציע בוימייסטער) איז געבוירן געוואָרן אין טיסמעניץ אין יאָר 1850. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע עסקנים אין שטאָט אויפן געביט פון סאָציאַלער טעטיקייט.

ער איז געווען דער איינציקער קאָנצעסיאָנירטער בוימייסטער אין טיסמעניץ, וואָס האָט געהאָט רעכט אונטערצושרייבן בויפּלענער, וואָס פלעגן פאַרגעשטעלט ווערן פאַרן מאַגיסטראַט. געזעלשאַפטלעך איז ער געווען טעטיק אין דעם פאַראיין „אהבת אחים", וואָס איז אין יענע צייטן געגרינדעט געוואָרן אין טיסמעניץ. דער „אהבת אחים" האָט געטראָגן אַ סאָציאַלן כאַראַקטער און צו אים האָבן געהערט אַלע יידישע משפּחות אין שטאָט — סיי אָרעם און סיי רייך. דער פאַראיין האָט זיך אויסגעהאַלטן פון חודשלעכן מיטגליד־אָפּצאָל, פּריוואַטע שפּענדונגען, סובווענצן פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג און פון דער קאָמונאַלער פאַרוואַלטונג, פון זאַמלונגען

אויף שמחות און פון נדרים אינעם שולעכל „אהבת אחים" בעתן אויפרופן צו קריאת התורה.

ד' אויפגאַבע פון פאַראיין „אהבת אחים", מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט ר' יאַנציע זענען געווען: ביקור־חולים און הכנסת־כלה. די טעטיקייט פון „ביקור־חולים" איז באַשטאַנען פון שיקן חברים באַזוכן קראַנקע און זאָרגן וועגן זייערע באַדערפעניש, ווי: באַזאָרגן זיי מיט מעדיצינישע הילף און נאַכט־דיזשורן אין די היימען פון קראַנקע, כדי די נאָענטסטע פון קראַנקן זאָלן זיך קענען אָפּרוען.

די טעטיקייט פון „הכנסת־כלה" איז באַשטאַנען אין געבן הלוואות פון דער גמילת־חסדים־קאַסע ביים פאַראיין פון „אהבת־אחים" פאַר נישט־פאַרמעגלעכע עלטערן, כדי זיי צו העלפן פינאַנסיעל חתונה צו מאַכן קינדער; די הלוואות זענען געווען אָנפּראָצענטיקע אויף וואָכנטלעכע ראַטעס. זיין טעטיקייט איז הויך געשאַצט געוואָרן דורך די טיסמעניצער יידישע תושבים, און מ'האָט זיך צו אים באַצויגן מיט ליבשאַפט און דרך־ארץ.

ר' יאַנציע איז געשטאָרבן אין יאָר 1935 און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין טיסמעניץ.

ר' לייזער טאָקער ז"ל

ר' לייזער טאָקער (גערופן האָט מען אים לייזער למד־וואָניק) איז נישט געבוירן געוואָרן אין טיסמעניץ. קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנעט ער איז געקומען קיין טיסמעניץ און בכלל פון וואַנעט ער שטאַמט. געוווּסט האָט מען אָבער יאָ, אַז ער האָט געשמוגלט די רוסיש־עסטרייכישע גרענעץ און זיך באַזעצט אין טיסמעניץ, נאָך אין זיינע יונגע יאָרן, אָן שום משפחה. געווען איז ער אַ קרעפטיקער ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד און פאות. פון פאַך איז ער געווען אַ טאָקער. זיין וואָרקשטעל האָט ער געהאַט ביים ר' משה לערער אין קעלער, ווו ער האָט געהאַט איין טאָקער־מאַשין, וואָס ער פלעגט באַוועגן מיטן רעכטן פוס דורך אַ פוס־ברעטל אונטערן וואָרקשטעל.

אויסגעטאָקט האָט ער פון האָלץ וואַלגער־העלצער, פיסלעך צו בענקלעך, עטאַזשערקעס, טישן און בעטן און שיינע געזימסלעך צו שאַפעס און סערוואַנטלעך. קיין סך אַרבעט האָט ער נישט געהאַט און ממילא איז ער געווען אַ קנאַפּער בעל־פרנסה. זיין פרייע צייט האָט ער פאַרבראַכט אין קלויז אין לערנען גמרא. לומדים אין קלויז האָבן געהאַלטן, אַז ער איז אָנגעזאַפּט מיט תורה.

ר' לייזער האָט געפירט אַן איינזאַם, באַשיידן לעבן. ער איז געווען אַ גרויסער

אביון און דאַך נישט געוואָלט געניסן פון קיינעמס הילף. צוליבן פירן אַזאַ אַרט לעבן, האָט מען אים גערופן „למד־וניק״. אין די מלחמה־יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג איז ער געוואָרן אַ יושב־בית און פלעג כמעט נישט אַרויסגיין פון זיינע ד׳ אמות. ער האָט זיך געהיט אי פאַר דער עסטרייכישער מאַכט, ווייל ער איז געווען אַ רוסישער בירגער, אי פאַר דער רוסישער (ווען די רוסן האָבן פאַרנומען די שטאָט), ווייל ער איז געווען אַ דעזערטיר, וואָס האָט אויסגעמיטן דאָס רוסישע מיליטער־דינסט. מיט דער הילף פון די טיסמעניצער יידן האָט ער איבערגעלעבט די מלחמה בשלום. נאָך דער מלחמה איז ער געוואָרן אַ האָלצהעקער און פון דעם געצויגן זיין אָרעמע חיונה. אויף די עלטערע יאָרן איז ער געוואָרן שמש אין קלויז, ווו ער פלעג, אין די פרייע שעהן פון אַרבעט זיצן און לערנען גמרא.

ר׳ לייזער איז געשטאָרבן אין טיסמעניץ און דאָרט געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל.

ר׳ הירש באָדער ז״ל

ר׳ הירש באָדער (הירש רופא) איז אין טיסמעניץ געווען אַ באַקאַנטער פעלדשער אי צווישן יידן, אי צווישן נישט־יידן. מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַן ערשטקלאַסיקן פאַכמאַן. אפילו די דאָקטוירים אין שטאָט, פאַר וועלכע ער איז געווען אַן ערנסטער קאָנקורענט, האָבן אים נישט געשטערט צו פּראַקטיצירן. גאַנץ אָפט האָבן דאָקטוירים אים פאַרבעטן צו הילף אין זייער פּראַקטיק. איך אַליין געדענק אַזאַ פאַל, ווען דער באַקאַנטער אין טיסמעניץ, ד״ר זאַקלער, וואָס האָט דאַ געוווינט אין מיין פאָטערס הויז, האָט מיך געשיקט אים פאַרבעטן צו קומען העלפן ביים צונויפשטעלן אַ צעבראָכענעם פוס ביי אַ גויישן פאַציענט. ער האָט אויך געפירט אַ פריזיר־אַנשטאַלט, פון וועלכן ער האָט געצויגן זיין הויפּט־חיונה. זיין פריזיר־שטיבל איז תמיד געווען פול מיט מענטשן, וואָס האָבן נישט נאָר געוואַרט אויפן אָפּשערן, נאָר קודם כל זענען דאָס געווען פאַציענטן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אַרויסרייסן אַ צאָן, שטעלן פּיאַווקעס, שטעלן באַנקעס און אַלע אנדערע נויטיקע מעדיציניש־פּראָפילאַקטישע הילף. ס׳רוב פאַציענטן זיינע זענען געווען אָרעמעלייט, נישט געהאַט צו באַצאָלן און ר׳ הירש האָט זיין הילף געגעבן בחינם. זיין פאַמיליע האָט ער דערצויגן אין נאַציאָנאַלן גייסט און דאָריבער האָבן זיינע קינער, שוין אַלס דערוואַקסענע, אָנטייל גענומען אין יידישן קולטורעלן לעבן אין זייער געבוירן־שטאָט — טיסמעניץ.

ר׳ הירש באָדער איז געבוירן געוואָרן אין טיסמעניץ און דאָרט געשטאָרבן.

ר׳ הירש בינעם פרידבערג ז״ל

ר׳ הירש בינעם איז געקומען קיין טיסמעניץ אין יאָר 1917. ער איז געווען אַן אַלמן און דאָ חתונה געהאַט מיט דער באַקאַנטער משכילה, פריידעלע בריל עה״ש, וואָס איז געווען אַ טאָכטער פון באַקאַנטן חסיד און תלמיד־חכם ר׳ סענדער בריל ז״ל. ר׳ הירש בינעם האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דער משפחה פון זיין צווייטער פרוי, ווייל אויך ער איז געווען אַ משכיל און אַ תלמיד־חכם. אין קלויז אַריין פלעג ער קומען בלויז אין די יידישע יום־טובים. ער פלעג אָפט פירן וויכוחים מיט אָרטיקע חסידים, וועלכע ער האָט באַזיגט מיט זיין פּלפּול און פּקחות. אַלע שבת פלעג ער זיצן אין דער אַלטאַנע פון זיין גאָרטן און לערנען גמרא מיט אַ ניגון בקול־רם, רויכערנדיק בעת־מעשה אַ פּאַפּיראָס. נאָכן טויט פון זיין פרוי האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן דער קהילה די געפאָדערטע סומע פאַר דער קבורה, צוליב וועלכן די קבורה איז ערשט פאָרגעקומען אויפן דריטן טאָג נאָך איר טויט. ער האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן דער קהילה פאַר אַ דערלויבניש אָוועקצושטעלן אַ מצבה אויף איר קבר. די קהילה האָט אין דעם פאַל אים נישט נאָכגעגעבן און ער האָט אָוועקגעשטעלט אַ מצבה ביי זיך אין גאָרטן צווישן צוויי רויזן־לאָרבער. אָט דער פאַקט איז צו יענער צייט באַשריבן געוואָרן אין די לעמבערגער יידישע צייטונגען. אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט ער פאַרבעטן צו זיך עטלעכע פרומע יידן און פאַר זיי אויסגעדריקט זיינע חרטה־געפילן פאַר זיין אויפפירונג, — נישט אין הסכם מיט די יידישע דינים און געזאָגט ווידוי בציבור. געשטאָרבן איז ער אין יאָר 1938.

ר׳ יעקב קאָרן ז״ל

ר׳ יעקב קאָרן איז געבוירן געוואָרן אין טיסמעניץ דעם 13־טן אַפּריל 1899. אין עלטער פון 8 יאָר איז ער פאַריתומט געוואָרן נאָכן טאַטן, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַן אַלמנה מיט עטלעכע קליינע קינדער. נאָכן ענדיקן די באַראָן־הירש־שולע, האָט אים די באַראָן־הירש־פונדאַציע דערמעגלעכט ער זאָל פאָרן קיין ווין זיך אויסלערנען אַ פאַך. געלערנט האָט ער זיך בוי־בלעכעריי און גלייכצייטיק באַזוכט אָוונט־קורסן, ווו ער האָט זיך פאַרפולקאָמט אין וועלטלעכע לימודים.. אין יאָר 1916 איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער עסטרייכישער אַרמיי און אָנטייל גענומען אין

דער רוסיש־עסטרייכישער מלחמה. נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1918, האָט ער זיך אומגעקערט קיין טיסמעניץ, גלייך צוגעטרעטן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און איינצייטיק זיך פאַרנומען מיט סאָציאַלער און קולטורעלער טעטיקייט.

יעקב קאָרן ז״ל

נאָך דער חתונה האָט ער זיך אָנגעהויבן גרייטן צו פאַרווירקלעכן זיינע אידייען — עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. פאַרווירקלעכט האָט ער זיין טרוים אין יאָר 1925, דאָ האָט ער אויסגעפירט פאַרשידענע אַרבעטן אין דער סוכנות און אין קיבוצים. אין יאָר 1925 האָט ער זיך פרייוויליק געמאָלדן אין די רייען פון די פאַרטיידיקער פון תל־אביב קעגן אַראַבישע איבערפאַלן. אין די שפּעטערע יאָרן איז ער אַריינגעטרעטן אין דער ,,הגנה״.

אין יאָר 1934, ווען די סוכנות האָט באַשלאָסן צו פאַראייביקן דעם נאָמען פון חיים ארלוזורוב, איז ער געוואָרן איינער פון די אַקטיוויסטע אין דעם מגבית צווישן די אַרבעטער פון תל־אביב. אין יאָר 1937 איז ער געווען אַן אַקטיווער אַרבעטער אין ,,סולל־בונה״ — אין דער אינסטיטוציע, וואָס האָט געבויט מיליטערישע לאַגערן אין סאַראַפענד—יבנה—עזה, תל־נוף, און טירה. אין יאָר 1939 איז ער אַריינגעטרעטן אין ,,משמר האזרחי״ און ווערבירט פון צווישן די אַרבעטער אין תל־אביב קאַנדידאַטן פאַר דער יידישער בריגאַדע. צוליב זיין טעטיקייט אויפן מיליטערישן געביט, האָט ער זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פאַר דער ענגלישער מאַכט. נאָכן אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אין משרד הבטחון. אַלס תושב

פון חולון האָט מען אים אָנפאַרטרויט דעם וויכטיקן אַמט אַלס יושב־ראש פון „ועדת הבקורת” ביי דער הסתדרות.

אין יאָר 1955 האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער געלט־זאַמלונג פאַרן „קרן המגן” און אויפגעזאַמלט צווישן פריינד זיינע, צווישן באַקאַנטע און אַרבעטער אַן ערך פון 200,000 ל״י, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען אַ קאָלאָסאַלע סומע. צו זיינע פאַרדינסטן דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן די פאַרווירקלעכונג פון פּלאַן צו באַזעצן יידן אין גליל, אויפבויען דעם ייִדישן „נצרת”, ווי אויך זיין אַקטיווער אָנטייל אינעם אויפבוי דעם מוזיי „בית אליהו” אין תל־אביב און דעם מוזיי פון דער „העפלה” אין חיפה. אַחוץ זיין אַזוי ברייטער טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן אין אונדזער מדינה, האָט ער אויך געדענקט אין זיין ווױן־שטאָט — חולון, ווו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט סאָציאַלער טעטיקייט. אַזוי האָט ער לאַנגע יאָרן דאָ פאַרנומען דעם אַמט אַלס פאַרזיצער פונעם סניף „אילן” און צוזאַמען מיט זיין געטרייען מיטהעלפער, אברהם האַרצפעלד, זיך געפונען אין צענטער פון דער אַרבעט ביים שאַפן פאַנדן אויפצובויען אַ היים פאַר אומגליקלעכע פאַראַליזירטע קינדער.

זיין הויז איז תמיד געווען אָפן פאַר יעדן, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין זיין הילף, און באַזונדערס פאַר זיינע געוועזענע לאַנדסלייט, וואָס זענען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל נאָכן „חורבן אייראָפּע”. יעדער האָט ביי אים געפונען אַן אָרט אויף די ערשטע טעג נאָכן אָנקומען אין לאַנד אַריין און אויך יעדע מעגלעכע הילף ביים איינאָרדענען זיך, אַפילו נאָך פאַרן אַנטשטיין פון אונדזער מדינה.

ר׳ יעקב קאָרן איז געשטאָרבן אין חולון (ישראל), דעם 4־טן יאַנואַר 1972. די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון נצרת עילית האָט אַלס אָנערקענונג פאַר זיין אַרבעט אָנגערופן אין שטאָט אַ פּלאַץ אויף זיין נאָמען — „כיכר יעקב”.

יידישע טיפּן אין טיסמעניץ

„איטלעכע שטאָט האָט זיך איר משוגענעם” — זאָגט אַ יידיש ווערטל. נישט געווען כמעט קיין איין יידישער ישוב ער זאָל נישט האָבן זיינע ספּעציפישע טיפּן, וואָס זענען געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער יידישער גאַס. זיי האָבן זיך גע־וואָרפן אין די אויגן מיט זייערע משונהדיקע מלבושים, מיט זייער האַלטונג, מיט זייערע מעשה׳לעך, מיט זייערע לידער, מיט זייער זינגען און אַנדערע משונה׳דיקע שטיק, וואָס זיי פלעגן פּראַווען אין די גאַסן.

אויך טיסמעניץ האָט געהאַט אַזעלכע טיפּן. איך וועל דאָ וועגן זיי דערציילן אַזוי ווי איך געדענק זיי.

בראָנציע, די משוגענע גבאיטע

בראָנציע האָט געלעבט אין טיסמעניץ, ווען איך בין נאָך געווען אַ חדר־יינגל. תמיד האָב איך זי געטראָפן זיצן אויף דער זעלבער פּריזבע ביים טויער פון דער גרויסער שול. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַן אַלטן צעריסענעם סידור, אָדער מחזור. אַוועקגעזעצט זיך דאָרט האָט זי כאור הבוקר, ווען מ'האָט ערשט אָנגעהויבן גיין צום דאַוונען. זי האָט נישט אָפּגעריסן די אויגן פונעם סידור און אויף קיינעם קיין בליק אפילו נישט געכאַפּט. זי האָט אויך צו קיינעם זיך נישט אָפּגערופן. אירע מלבושים און אויך די צעשויבערטע האָר אויפן קאָפּ, וואָס זענען נישט געווען באַדעקט, זענען געווען שמוציק. בעת אַ לוויה פלעג זי נאָכגיין מיט אַ טאָפּ אין האַנט און רופן: „צדקה תציל ממות!". שלאָפן און עסן פלעג זי אין פאַרשידענע ערטער פון שטאָט. גענוי פון וואַנעט זי איז געקומען קיין טיסמעניץ האָט קיינער נישט געוווּסט. ווי מ'האָט גערעדט אין שטאָט וועגן איר איז אויסגעקומען, אַז זי שטאַמט פון אַ דאָרף אין דער געגנט פון טיסמעניץ. געשטאָרבן איז זי אין טיסמעניץ נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

נאָטעלע קאַפּעליץ

נאָטעלע איז געבוירן געוואָרן אין טיסמעניץ. ער האָט געשטאַמט פון אַן אָרעמער און בכבודיקער משפחה אין שטאָט. געווען זענען זיי דריי ברידער. זיי זענען נאָך אַלס קליינע קינדער געבליבן קיילעכדיקע יתומים. נאָטעלע איז געווען דער מיטלסטער.

נאָטעלע פלעג אַרומלויפן אין די גאַסן, טראָגנדיק אויפן קאָפּ עטלעכע קאַ־פּעליושן, איינער אַרויפגעזעצט אויפן אַנדערן. מען האָט דערציילט, אַז דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון דעם, וואָס ער האָט געאַרבעט ביי אַ הוטנמאַכער און דעמאָלט קראַנק געוואָרן. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו דאַוונען שחרית און מנחה־מעריב אין בית־מדרש. יעדן טאָג, נאָכן שחרית־דאַוונען, איז ער גלייך אַרויס אין גאַס און מיט די היטן אויפן קאָפּ אַזוי אַרומגעלאָפן ביז צו מנחה־מעריב און דערנאָך ווייטער אַרומגעלאָפן אין גאַס ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. אָפט האָט ער, בעתן אַרומלויפן, געשריגן אויף אַ קול: „ס'ברענט! אַנטלויפט, ס'ברענט!" זיינע צוויי ברידער פלעגן אים אָפט אַרייננעמען בגוואַלט אין זייערע שטיבער,

אים אַרומוואַשן און איבערטאָן. דאָס האָט אָבער אויף אים אַ קנאַפּע ווירקונג געהאַט. עסן פלעג ער באַקומען פון אונדז — חדר־ייִנגלעך, ווען ער האָט זיך באַוויזן ביים פענצטער פון חדר, ווו מיר האָבן געלערנט. אויף דעם צוועק האָבן אונדז די מאַמעס מיטגעגעבן ספּעציעלע פּאַרציעס עסן.

אהרון לייביש (גרעפּצער)

אהרן־לייביש איז געווען דער איין־און־איינציקער זון פון פאַניעלע שניידער. פאַניעלע שניידער איז גאָכן טויט פון זיין ווייב אַוועק קיין אַמעריקע און דעם זון איבערגעלאָזט ביי זיין פאַרשטאָרבענער פרויס אַ שוועסטער, פייגע הודיע פּישביין. נאָך אַלס יונג בחורל איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און געזונגען פאַרשידענע לידער, וועלכע ער האָט זיך אויסגעלערנט אין די וואַרשטאַטן, ווו ער האָט געאַרבעט. ספּעציעל האָט ער ליב געהאַט צו זינגען דאָס, צו יענער צייט, פּאָפּולערע ליד צווישן די אַרבעטער אין דראַהאַביטש. אויב עמעץ האָט אים געזאָגט אַז ער זאָל דאָס ליד זינגען, האָט ער געפאָדערט מ׳זאָל אים דערפאַר באַצאָלן. לויט מיין זכרון דינט מיר, איז דער אינהאַלט פונעם ליד געווען פאָלגנד:

הנה׳לע איז פון דער אַרבעט געגאַנגען
און פון גאַרנישט געוויסט.
אַרויסגעקומען איז פייערשטיינס קאָמאַנדע
און הנה׳לען דערשאָסן אומזיסט...

געהופן האָט מען אים אהרן לייביש גרעפּצער, ווייל ער האָט אויפן פאַרלאַנג (אויב מען האָט אים געגעבן עטלעכע גרייצער) אויסגעגרעפּצט 20—30 מאָל. ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיטן איבערטראָגן פּעקלעך ווי אויך אַנדערע באַדינונגען פאַר אַן אָפּצאָל, כדי קיינעם נישט פאַלן צו לאַסט.

אהרן לייביש איז געשטאָרבן אין טיסמעניץ נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

בנימינציע (סוקאַטיוו)

בנימינציע איז געווען אַ באַקאַנטער טיפּ אין שטאָט. ער איז געווען אַ ייד מיט באָרד און פאות. שבת האָט ער געטראָגן אַ יופּעצע מיט אַ שטריימל (שטאַרק שוין אָפּגעטראָגן). אויף אים פלעג חל זיין דאָס ווערטל: „אַ סך מלאכות און

ווייניק ברכות". זיין הויפט־באַשעפטיקונג איז געווען פאַרבן פּאַדלאָגעס, טירן און פענצטער, ווי אויך אַנדערע ארבעטן פון דעם מין. סוקאַטיוו האָט מען אים גערופן לויט עפּעס אַ חומר, וואָס ער פלעג תמיד פאָדערן מ'זאָל אים קויפן צו די פאַרבן. אין די טעג צווישן פורים און פסח איז ער געווען שטאַרק באַשעפטיקט. אין אַט דער צייט פלעג ער אַרומגיין מיט אַ מצה־שטאַמפּ פון שטוב צו שטוב און צערייבן מצות אויף מצה־מעל. איז אים אָבער אָנגעקומען דאָס משוגעת האָט ער זיך גאַנצע טעג נישט באַוויזן אין גאַס. בעת דער כאָליערע־מגפה אין יאָר 1894 האָט מען אים חתונה געמאַכט מיט חיה'לען דער פּוטערקיס. (אַן ענלעכער טיפּ). די חופה איז געשטעלט געוואָרן אויפן בית־הקברות, ווי דער מנהג איז געווען, האָט אַזאַ חתונה באַדאַרפט זיין אַ סגולה קעגן אַ מגפה. דעמאָלט טאָקע האָט ער באַקומען אַלס דרשה־געשאַנק אַן אָפּגעטראָגענע יופּעצע און אַן אַלט שטריימל. דער זיווג האָט קיין אריכת־ימים נישט געהאַט און בנימינציע איז געבליבן ביי דער אָפּגעטראָגענער יופּעצע און אַלטן שטריימל, מיט וועלכע ער האָט זיך שוין נישט צעשיידט זיין גאַנץ לעבן. קורץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און געשטאָרבן אין זיין געבוירן־־שטאָט.

מאַקס „דער משוגענער טערק"

מאַקס' עלטערן האָבן פאַרלאָזט טיסמעניץ, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג יינגל. זיינע עלטערן האָבן זיך באַזעצט אין סטאַמבול (טערקיי) און זיך דאָרט איינגעאָרדנט. אין סטאַמבול איז זיין פאָטער געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע סוחרים. אין יאָר 1906 איז מאַקס, אונטער אַ פּאָליציי־אישער עקסקאָרטע, געבראַכט געוואָרן קיין טיסמעניץ, ווייל ער האָט פיגורירט אַלס עסטרייכישער בירגער. געווען איז ער שוין דעמאָלט אַ בחור אין עלטער פון צוועלעכע און צוואַנציק יאָר. געווען גוט דערצויגן, באַהערשט פּערפעקט דייטש און פראַנצויזיש. זיין משוגעת איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט קאָנסטרואירט עפּעס אַ מאַשינקע פון זייגער־טיילן, וואָס ער פלעג תמיד טראָגן מיט זיך; פון צייט צו צייט זי געוויזן פאַר מענטשן און פּרובירט אויפווייזן איר אויפגאַבע. זיין חיונה האָט ער גיצויגן פון טראָגן וואַסער אין די הייזער מיט אַ קראָמיסל אויף די אַקסלען. אָפט האָט ער מיטן קראָמיסל אויף די אַקסלען, אין מיטן דער גאַס אָנגעהויבן טאַנצן. געוווינט האָט ער אין דער שטאָטישער שוויצבאָד, ווו ער איז געשלאָפן אויף די טרעפּ. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער טאָקע דאָ פאַרגיפטעט געוואָרן פון די גאַזן, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך דער הייצקעסל.

טיסמעניץ אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1918—1914)

ווי נאָר די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז טיסמעניץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטערישן לאַגער פאַר דורכמאַשירנדיקע עסטרייכישע זעלנער צום רוסיש־עסטרייכישן פראָנט ביי הוסיאַטין.

דעם 3־טן סעפטעמבער 1914 האָבן די רוסן שוין אַריינמאַרשירט אין שטאָט. די רוסישע טרופן האָט מקבל פנים געווען אַ שטאָטישע דעלעגאַציע מיטן בירגער־מייסטער, וואָליאַסענקאָ בראש. אַלס „דאַנק" פאַרן פייערלעכן קבלת־פנים, האָבן די קאָזאַקן אַראָפּגעצויגן ביים בירגערמייסטער זיין גאָלדענעם זייגער מיטן קייטל... אָט דער פאַל איז געווען אַ מין סיגנאַל צום רויבן. דעם זעלבן טאָג נאָך האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין שטאָט הונדערטער פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, צו זיי זענען גלייך צוגעטרעטן אַרטיקע גויים און צוזאַמען האָט מען אָנגעהויבן רויבן יידיש האָב און גוטס אי פון די געשעפטן, אי פון די שטובן. אין די רויבערייען האָבן די קאָזאַקן מיט אייפער צוגעהאָלפן. דעם זעלבן טאָג נאָך האָבן די רויבער אונטערגעצונדן די הייזון־פאַבריק און די ספּירט־ברענעריי. פון די ריזיקע ציסטערנעס אין דער ברענעריי איז דער בראָנפן געפלאָסן אין טייך אַריין.

אַ סך יידן, און קודם־כל די מער פאַרמעגלעכע, האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, אַנטלאָפן קיין סטאַניסלאַוו. אַ געוויסער טייל איז אַפילו געלאָפן ביז פּראָג און ווין. אין שטאָט האָט געהערשט אַ גרויסע נויט און דערביי איז אַנטשטאַנען אַ גרויסער מאַנגל אין לעבנסמיטלען. דעם 20־טן פעברואַר 1915 זענען די רוסן אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון שטאָט און דאָס עסטרייכישע מיליטער האָט אַריינמאַרשירט אין שטאָט. אין די רייען פון עסטרייכישן מיליטער האָבן זיך אויך געפונען יידישע זעלנער. איינער פון די יידישע זעלנער האָט געשטאַמט פון טיסמעניץ. דאָס איז געווען בערעלע קניגסברג, וואָס האָט זיך דערדינט צו דער ראַנגע פון אונטעראָפיציר. דער דאָזיקער אונטעראָפיציר האָט זיך גלייך גענומען אינטענסיוו צום לינדערן די נויט פון זיינע טיסמעניצער יידן. ער אַליין פלעג ברענגען פון דער מיליטערישער פעלד־קיך עסן אין די היימען פון אָרעמע יידישע משפחות.

דאָס רוסישע מיליטער, וועמענס פּאָזיציעס האָבן זיך נאָך געפונען נאָענט

פון טיסמעניץ (אין די אַלטאַניצער וועלדער), האָט באַשאָסן די שטאָט מיט קאַנאָנען, און האָבן אָנגעמאַכט אַ גרויסן חורבן אין שטאָט. אויך פיל יידישע הייזער זענען חרוב געוואָרן. דאָס האָט אויפסניי דערפירט צו דעם, אַז אַ סך יידן זאָלן אַנטלויפן פון שטאָט קיין קאָלאָמיי, וווהין זיי האָבן נאָך געהאַט אַ פרייען וועג.

דעם 2־טן מערץ 1915 האָבן די רוסן ווידער אַרויסגעשטויסן די עסטרייכער אין טיסמעניץ איז אַריבער אין זייערע הענט. די יידן האָבן ווייטער דערפילט די „איידעלע" האַנט פון די קאָזאַקן. אין דערמאָנטן חודש האָט געטראָפן, אַז אַ רוסישער אָפיציר האָט דערשאָסן אַ קאָזאַק, וועלכן ער האָט געטראָפן רויבן אין אַ יידיש געשעפט. דאָס איז געווען אַ אויבסט־געוועלב, וואָס האָט געהערט צום הענדלער בערל עפלעס. דער פאַל האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אויפברויז און פּאָגראָם־שטימונג צווישן די קאָזאַקן. דער שטאָט־קאָמענדאַנט האָט באַפוילן די יידן צו פאַרלאָזן די שטאָט און גיין אין דער ריכטונג פון פראַנט, וואָס האָט זיך געפונען ביים דאָרף וואָלאָסאָוו, נעבן נאַדוואָרנע. דאָס עסטרייכישע מיליטער אָבער האָט זיי נאָענט נישט צוגעלאָזט. דריי טעג האָבן אַזוי די יידן געוואָנדערט אויפן צווישן־פראָנט־שטח און לסוף זיך געמוזט אומקערן קיין טיסמעניץ. איצט האָבן זיי שוין דאָ געטראָפן זייערע הייזער אויסגעפּלינדערט. צו דעם נאָך האָט די רוסישע מילי־טערישע מאַכט אין שטאָט אַרעסטירט 4 אָנגעזעענע יידישע איינוווינער און זיי פאַרשיקט קיין רוסלאַנד אַלס ערבניקעס. דאָס זענען געווען: שלמה אויערבאַך, מעכל גרייף, שלמה לונעפעלד און פיניע בערגער. אַוועקגעפירט האָט מען זיי קיין פּענזע און דאָרט איבערגעגעבן צו דער יידישער קהילה. זיי האָבן איבערגעלעבט די מלחמה און זיך דערנאָך אומגעקערט אַהיים.

דעם 27־טן אַפּריל 1915 האָט דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פאַראָרדנט, אַז אַלע יידן (מענער) אין עלטער פון 8 ביז 60 יאָר זאָלן זיך מעלדן ביים מאַ־גיסטראַט און זיי וועלן אַרויסגעשיקט ווערן פון שטאָט. עס האָבן זיך צוגעשטעלט 300 יידן און זיי זענען טאַקע אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין זלאָטשעוו, סאַסאָוו און זבאַראַוו. אין שטאָט זענען פאַרבליבן נאָר אַלטע מענער, פרויען און קליינע קינדער. ביי דער געלעגנהייט האַלט איך פאַר מיין חוב צו באַמערקן, אַז די יידישע זעלנער, וועלכע האָבן געדינט אין דער רוסישער אַרמיי, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין טיסמעניץ, האָבן אַ סך ענערגיע אַוועקגעגעבן צו פאַרהיטן די געבליבענע יידישע באַפעלקערונג פון שיקאַנעס און שענדלעכע האַנדלונגען קעגן זיי מצד די רוסישע זעלנער. צו זייער לויב דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, וואָס

אויסער דעם האָבן זיי געזאָרגט, אַז די איבערגעבליבענע זאָלן נישט אויסגיין פון הונגער.

דעם 12־טן יוני 1915 האָבן די עסטרייכישע מיליטערישע כוחות ווידער אַרויסגעשטויסן די רוסן פון שטאָט און אויפסניי זיך באַזעצט אין טיסמעניץ. דאָס האָט אָבער געדויערט בלויז ביזן 6־טן אויגוסט 1916, ווען דאָס רוסישע מיליטער האָט אָנגעהויבן אַ נייע אָפענסיווע און אויפסניי פאַרנומען די שטאָט. אויסערן אויסרויבן דאָס רעשטל פונעם יידישן האָב און גוטס האָט מען זיי נאָך געשלעפּט צו פאַרשידענע שווערע אַרבעטן, ווי: פלאַסטערן וועגן, גראָבן שאַנצן אַרום דער שטאָט א.א. עבודת־פרך. אויסנאַמסווייז האָט דאָס מאָל אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג געליטן, ווייל דאָס רוסישע מיליטער האָט ביי זיי קאָנפיסקירט פערד־און־וואָגן און אַוועקגעשיקט קיין רוסלאַנד. אין אויגוסט 1917 האָבן די עסטרייכער, נאָך פאַרביסענע קאַמפן, אויפסניי באַזעצט טיסמעניץ.

די פילמאָליקע און לאַנגדויערנדע שלאַכטן אַרום דער שטאָט און דאָס איי־בערגיין פון דער שטאָט פון האַנט צו האַנט, דערפירט טיסמעניץ צו אַ פולשטענדיקן חורבן. פון דער גרויסער שול זענען געבליבן בלויז די ווענט. אין דעם זעלבן צושטאַנד האָט זיך אויך געפונען דאָס גרויסע בית־המדרש, די קלויז און דעם בראָדער רבינס בית־המדרש. נאָך דער מלחמה האָבן זיך לאַנגזאַם אָנגעהויבן צוריקקערן רעשטלעך פון די אַנטלאָפענע און אַרויסגעטריבענע יידן. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ געוויסער טייל פון זיי, ווייל דער רעשט איז שוין פאַרבליבן ווינען אין סטאַניסלאַוו און אין אַנדערע עסטרייכישע שטעט, וווהין זיי זענען פאַרוואָלגערט געוואָרן אין די שוידערלעכע מלחמה־יאָרן.

טיסמעניץ אונטער דער הערשאַפט פון די אוקראַינער (1918—1919)

דעם 11־טן נאָוועמבער 1918 איז זיך צעפאַלן די עסטרייך־אונגאַרישע אימפעריע, די מאָנאַרכיע האָט זיך איינגעבראָכן און די מאַכט אין מזרח־גאַליציע האָבן איבערגענומען די אוקראַינער. איבערן רשות אויף דעם געביט איז תיכף אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן פּאָליאַקן און אוקראַינער. די שטאָט איז דעמאָלט געווען (נאָך פון די רוסיש־עסטרייכישע שלאַכטן) האַלב חרוב, די געשעפטן זענען געווען געשלאָסן צוליבן מאַנגל אין סחורות, פון די פריערדיקע יידישע תושבים

האָבן אַ סך געפעלט און ס'רוב פון די, וואָס זענען געבליבן האָבן נישט געהאַט פון וואָס זיך מפרנס צו זיין. צוליב דער אַלגעמיינער סיטואַציע אין שטאָט, איז אַנטשטאַנען אַ יידישער נאַציאָנאַלראַט, בראש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען חיים אויערבאַך. דער דערמאָנטער ראַט האָט זיך פאַרבונדן מיטן אוקראַינישן קאָמיטעט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין טיסמעניץ און מיטגעאַרבעט מיט אים אויפן געביט פון פאַרזיכערן די אָרדנונג אין שטאָט. מיטן הסכם פון דער אָרטיקער אוקראַינישער מאַכט איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע מיליץ, כדי צו זיכערן די רו, דאָס לעבן און די פאַרמעגנס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט. די מיליץ איז באַשטאַנען פון 20 יונגעלייט, וועלכע זענען געווען מיליטעריש אויסגעשולט. דער קאָמענדאַנט פון דער מיליץ איז געווען מענדל שפּרעכמאַן — אַן אויסגעדינטער אונטעראָפיציר פון דער עסטרייכישער אַרמיי. די אוקראַינישע מאַכטהאָבער האָבן באַגרענעצט די טעטיקייט פון דער מיליץ בלויז צום שטח, ווו יידן האָבן געוווינט, און צוגעטיילט זיי 10 ביקסן מיט הונדערט קוילן. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי די אוקראַינישע מאַכטהאָבער פאַר דער טעטיקייט פון דער מיליץ איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אַ געוועזענעם יידישן אָפיציר — מאיר שפּיגל. טאָג און נאַכט האָבן די יידישע פּאָליציאַנטן פּאַטראָלירט דעם יידישן ווינקוואַרטל. אין סטאַניסלאַוו האָט געהאַט זיין זיצאָרט אַ יידישער צענטראַלער ראַט, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די יידן פון מזרח־גאַליציע, לגבי דער אוקראַינישער מאַכט, וואָס האָט אויך געהאַט איר זיצאָרט אין סטאַניסלאַוו. ביי דער אוקראַינישער רעגירונג האָט די יידן רעפּרעזענטירט דער באַקאַנטער ציוניסטישער עסקן, ד"ר ישראל וואַלדמאַן פון טאַרנאָפּאָל.

אין דעצעמבער 1918 איז אין סטאַניסלאַוו פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע יידישע נאַציאָנאַלראַטן אין מזרח־גאַליציע, אויף וועלכן ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ צענטראַלער נאַציאָנאַלראַט מיטן פאָרזיץ פון ד"ר קאַרל האַלפּערן. די יידן האָבן באַקומען קולטורעלע אויטאָנאָמיע און יידיש איז אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן אַלס יידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך. די פּוילישע באַפעלקערונג האָט אונדזער פּאָליטישע איינשטעלונג לגבי די אָרטיקע פאַרהעלטענישן אָפּגעשאַצט אַלס נעגאַטיווע האַנדלונג. זיי האָבן אונדז פאָרגעוואָרפן קאָאָפּעראַציע מיט די אוקראַינער קעגן זיי. איך פערזענלעך האָב געהערט צו די, וואָס האָבן זיך באַמיט אויפצוקלערן די פּוילישע מיטבירגער, אַז מיר שטעלן זיך נישט קיינע פּאָליטישע צילן מיט אונדזער האַלטונג, נאָר מיר ווילן בלויז אָפּהיטן דאָס לעבן און פאַרמעגן פון די יידן אין שטאָט. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט די אוקראַינישע מיליטערישע מאַכט אויפגעפאָדערט, אַז די מיליץ זאָל אומקערן דאָס געווער און זיך אויפלייזן, ווייל (אַזוי האָט זי

דערקלערט) זיי אַליין נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער רו און אָרדנונג אין שטאָט. וואָס אָן אמת האָבן טאַקע די אוקראַאינישע צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען אַרויסגעגעבן אַנטשפּרעכנדע פאַראָרדנונגען אין דער ריכטונג פון אָפּהיטן די אָרדנונג אין דער גאַנצער שטאָט, זיי זענען אָבער נישט בכח געווען אָפּצוהאַלטן די פאַרשידענע אונטערגעאָרדנטע זייערע פון מיסברויכן לגבי יידן, ווייל יענע האָבן געהאַלטן, אַז זיי זענען די קאָמפּעטענטע אַרויסגעבער פון פאַראָרדנונגען און נישט די צענטראַלע. יעדער פון זיי האָט דעצידירנד דערקלערט: „דאָ בין איך מיניסטער!״

האָבן זיך טאַקע אָנגעהויבן איבערפאַלן אויף יידן אין גאַס און אויך רויבערייען אין די וווינונגען. עס זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע באַנדעס, וועלכע האָבן אין מיליטערישע מונדירן דורכגעפירט זייער רויב־מלאכה. אַלס אַזעלכע רויבער זענען באַקאַנט געווען די דריי ברידער „דובניאַקעס״, וועלכע האָבן געוווינט אויף דער פּישעניצעניגער גאַס, און אויך אַנדערע, וואָס מיר האָבן זיי נישט געקענט פּערזענלעך. די לאַגע האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרערגערט און יידן האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן פון שטאָט.

דעם 28־טן מאי 1919 האָט דאָס פּוילישע מיליטער פאַרנומען לעמבערג. די אוקראַאינער זענען באַזיגט געוואָרן און האָבן אויך פון טיסמעניץ זיך אַרויסגעצויגן.

טיסמעניץ אין די יאָרן 1919—1939

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט האָבן די אוקראַאינישע מאַכט־אָרגאַנען פאַרלאָזט די שטאָט דעם 28־טן מאי 1919. דעם זעלבן טאָג נאָך האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן פון טיסמעניץ באַוואָפנטע מיטגלידער פון דער געהיימער פּוילישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע (פּאָלסקאַ אָרגאַניזאַציאַ וואָיסקאָוואַ) און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַ קאַפּיטל פון פאַרפאָלגונגען לגבי די יידן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גוט־באַקאַנטע „הויז־זוכונגען״ און אַרעסטן. צווישן די ערשטע אַרעסטאַנטן איז געווען דער געוועזענער פאָרזיצער פון יידישן נאַציאָנאַלראַט, חיים אויערבאַך, וועלכן מ׳האָט אָבער, אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון דער פּוילישער אינטעליגענץ, באַלד באַפרייט. די הויז־זוכונגען, וואָס האָבן זיך אָפּט פאַרענדיקט מיט קאָנפיסקאַציעס, האָבן זיך אַזוי גיך נישט געענדיקט. אַזאַ הויז־רעוויזיע איז אויך דורכגעפירט געוואָרן ביי מיינע עלטערן. צווישן די קאָנפיסקירטע זאַכן ביי אונדז אין שטוב זענען אויך געווען מיינע פּערזענלעכע דאָקומענטן און פּערזענלעכע קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איך האָב

שוין קיינמאָל נישט צוריק באַקומען. איך פערזענלעך האָב זיך געמוזט אויס־באַהאַלטן אין משך פון עטלעכע טעג, ביז אין שטאָט איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ געוויסע, פראָבלעמאַטישע אָרדנונג. אַן ענלעכע רעוויזיע איז אין דער זעלבער צייט אויך דורכגעפירט געוואָרן ביים סעקרעטאַר און קאַסירער פונעם ציוניסטישן לאָקאַלן קאָמיטעט, שמואל העלד, ביי וועלכן ס'איז קאָנפיסקירט געוואָרן ביכער, זיגלען און געלט. אויך דאָס אַלץ איז פאַרפאַלן געוואָרן. אויסער די דערמאָנטע נגישות, האָט מען אָנגעהויבן כאַפּן יידן צו פאַרשידענע שווערע און שמוציקע אַרבעטן. אַפילו אין די שבתים זענען יידן אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון דאַוונען צו צוואַנגס־אַרבעט. דער יידישער נאַציאָנאַלראַט איז אויפגעלייזט געוואָרן און עס איז באַשטימט געוואָרן אַ רעגירונגס־קאָמיסאַר, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די קהילה־ענינים. די דאָזיקע נאָמינאַציע האָט באַקומען יעקב פּאָפּער, אַ ייד, וואָס האָט נישט געהאַט די מינדעסטע אַנונג אין אַדמיניסטראַטיווע און געזעלשאַפטלעכע ענינים, באַזונדערס אין אַזאַ שווערער און טראַגישער צייט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט. וואַרשיינלעך האָט פּאָפּער באַקומען די דאָזיקע נאָמינאַציע, ווייל ער האָט אונטערגעשריבן אַ דעקלאַראַציע, אַז ער איז אַ פּאָליאַק פון משה'ס גלויבן.

קיין ענלעכער מיט אַזאַ איינשטעלונג, האָט זיך אין שטאָט נישט געפונען, און ממילא האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו שאַפן אַן אַנטשפּרעכנדיקן קהילה־ראַט. די שטאָטישע געמיינדע־פאַרוואַלטונג האָט איבערגענומען אַ געוויסער יוזעף כיראָווסקי — אַ ליבעראַלער מענטש, וואָס האָט זיך באמת שטאַרק באַמיט צו פאַרהיטן די יידישע באַפעלקערונג פון שיקאַנעס און זיי געהאָלפן אין זייער נויט. צום באַדויערן האָט ער דעם אַמט פאַרנומען זייער אַ קורצע צייט (פון 28־טן מאַי ביזן 20־טן יולי 1919) און דער אָטעמצוג פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט האָט זיך פאַרענדיקט. זיין אָרט האָט פאַרנומען אַ רעגירונגס־קאָמיסאַר, אַ גרויסער אַנטיסעמיט, אַן ענדעק — אינזשיניער אַנטאָני האָלענדער. זיינע פאַראָרדנונגען האָבן באַשווערט דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג. צו זיינע פאַראָרדנונגען האָבן געהערט, ווי עס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַ פאַרבאָט אַרויסצוגעבן פאַר יידן פּאַסירשיינען אַרויסצופאָרן קיין סטאַניסלאַוו און אַפילו אין אַנדערע, קלענערע שטעט. דאַמיט האָט ער באַשרענקט די פרייע באַוועגונג פאַר יידן. ער האָט אויך איינגעשטעלט ספּעציעלע פּרייזן אויף סחורות, וואָס האָבן זיך געפונען אין די הענט פון יידישן האַנדל.

נאָך ערגער איז געוואָרן פאַר די יידן מיטן מאָמענט, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די פויליש־סאָוויעטישע מלחמה (זומער 1920). דאָס לעבן פון די יידן איז געוואָרן

הפקר, און דערצו האָט נאָך די אַנטיסעמיטישע שטאָט־פאַרוואַלטונג געדריקט די יידישע באַפעלקערונג מיט ספעציעלע פאַראָרדנונגען, מיט זינלאָזע שטראָפן און בכלל, מיט צוגעטראַכטע שיקאַנעס. פון נאָענטן סטאַניסלאַוו, ווו ס׳האָבן זיך געפונען פעטלוראָווצעס, פלעגן אַריינפאַלן סאָלדאַטן און רויבן יידיש פאַרמעגן, שענדן יידישע פרויען און אפילו דורכפירן הריגות. אַזוי זענען אין איין טאָג אומגעקומען רפאל פאַליאַק מיט זיין איידעם, חנא קריגעל און אַן אַלטע אַלמנה חנה שפיגעל. יידן האָבן גענומען אַנטלויפן פון שטאָט און געזוכט אַ מקום מקלט אין סטאַניסלאַוו. נאָכן שטורעם איז געקומען אַ געוויסע באַרויקונג און די יידן, וואָס זענען פריער אַנטלאָפן אין אַנדערע שטעט, האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן אַהיים. אין יאָר 1921, בעת דער פאָלקסציילונג, האָבן 98 פראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט אָנגעגעבן זייער נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק און יידיש אַלס זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך.

דעם 5־טן נאָוועמבער 1922 זענען פאָרגעקומען די ערשטע וואַלן צו די פוילישע געזעצגעבערישע אינסטאַנצן — צום סיים און סענאַט. די קאַנדידאַטן־ליסטעס, אויף וועלכע ס׳האָבן פיגורירט יידישע נאַציאָנאַלע פאַרשטייער (16 און 17) האָבן באַקומען אַלע 100 פראָצענט יידישע שטימען.

אין יאָר 1924 זענען פאָרגעקומען וואַלן צו דער אָרטיקער קהילה־פאַרוואַלטונג. טראָץ דער פאַרעלטערטער וואַל־אָרדינאַציע זענען אויסגעוויילט געוואָרן נאַציאָנאַלע פאַרשטייער. די העכערע מאַכט־אָרגאַנען פון באַצירק האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו צו פסלען די וואַלן, אָבער אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון אונדזער סיים־דעפּוטאַט ד״ר ראָזמאַרין ז״ל און דאָס זייער שאַרפע אַרטיקל פון ד״ר רייך וועגן דעם ענין אין דער „כווילאַ״, וואָס האָט שטאַרק אָנגעגריפן דעם באַצירקס־הויפּטמאַן, פאַפּיעל, איז די גזירה, פון בטל־מאַכן די וואַלן צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג, אָפּגעשאַפט געוואָרן. די אויסגעוויילטע פאַרוואַלטונג צו דער טיסמעניצער קהילה איז באַשטעטיקט געוואָרן און אַלס ראש־הקהל איז אויסגעוויילט געוואָרן ר׳ זלמן לאַדען ז״ל.

אין יאָר 1928, ווען ס׳זענען פאָרגעקומען וואַלן צום שטאָטראַט, איז אין טיסמעניץ, אונטער דער לייטונג פון ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט, געשאַפן געוואָרן אַן איינהייטלעכע ליסטע פון אַלע יידישע פאָליטישע גרופּירונגען אין שטאָט. די דאָזיקע ליסטע האָט באַקומען 7 פאַרשטייער אויף אַ צאָל פון 24. נאָך די וואַלן איז געקומען צו אַ פאַרשטענדניש מיט די אוקראַינישע און פוילישע קאָמיטעטן וועגן אַ געמיינזאַמער מיטאַרבעט. אַלס בירגערמייסטער איז דעמאָלט אויסגעוויילט געוואָרן דער געמיינזאַמער קאַנדידאַט דער נאָטאַר אַלפרעד בוגנאַ. אַלס זיין ערשטער

פּאַרטרעטער — דער אוקראַיִנישער קאַנדידאַט אולעקסאַ וואַלאַשטשוק (ביידע ליבעראַלע מענטשן) און צווייטער פּאַרטרעטער — ד״ר רייזלער. אַלס מיטגלידער אין דער שטאָט־פּאַרוואַלטונג זענען פון דער יידישער ליסטע געווײלט געוואָרן: ד״ר רייזלער, ד״ר שעפּס, דער אַפּטייקער גאָלדבערג, י. מערפעלד, ש. בלאַנד, ב. אוסטער און י. גראַף. די יידישע באַפעלקערונג איז פון די רעזולטאַטן געווען זייער צופרידן, ווייל מ׳איז פּטור געוואָרן פון אַן אַנטיסעמיט, וואָס האָט פּאַרוואַלטעט מיט דער שטאָט זינט יולי 1919.

פון 3־טן מאַי 1928 ביזן 22־טן פעברואַר 1934 איז בירגערמייסטער פון שטאָט געווען דער אויבן דערמאָנטער אַלפרעד בוגנאַ, פון 23־טן פברואַר 1934 ביזן 4־טן יוני 1934 האָט דעם אַמט פאַרנומען אולעקסאַ וואַלאַשטשוק, פון 5־טן יוני 1934 ביזן 30־טן נאָוועמבער 1934 — אַנטאָני דזשעדזשיניעוויטש און פון 1־טן דעצעמבער 1934 ביזן אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג — קאַזשימיעזש שרייבער.

לויט די שטאַטישע אַנגאַבן פון יאָר 1931 האָט טיסמעניץ דאַן געציילט, 7,257 איינוווינער, אין דעם — 4726 אוקראַינער, 1346 פּאָליאַקן און 1185 — יידן. לויט ענלעכע אַנגאַבן פון יאָר 1938, האָט אין דאָזיקן יאָר טיסמעניץ געציילט 7,830 איינוווינער. אין דעם אוקראַינער — 5,107, פּאָליאַקן — 1,430 און יידן — 1,293.

בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע צום פּוילישן סיים, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1928, איז די וואַל־פּראָפּאַגאַנדע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ביי אונדז אין שטאָט שטאַרק באַשווערט געוואָרן דורך די פּוילישע אַדמיניסטראַטיווע מאַכט־אָרגאַנען. נאָך מער באַשווערט איז געווען די וואַל־אַקציע צוליב דעם, וואָס דאָס מאָל האָבן די אוקראַינער אַנטייל גענומען אין די וואַלן און די וואַל־קרייזן זענען געווען קאָמבינירטע מיט די אַרומיקע דערפער. דאָס האָט נאָך מער באַשווערט די וואַל־אַקציע, וואָס די ציוניסטן האָבן געפירט. טראָץ דעם אַלעם האָבן די ציוניסטישע גרופּירונגען אין טיסמעניץ באַוויזן צו ברענגען צו די וואַל־אורנעס איבער 90 פּראָצענט פון די יידישע וואַל־באַרעכטיקטע, וועלכע האָבן אויך דאָס מאָל געשטימט פאַר דער ליסטע נר. 17 און ד״ר ראַזמאַרין איז אויפסניי אויסגעווײלט געוואָרן אַלס יידישער רעפּרעזענטאַנט פון אונדזער סטאַניסלאַווער קרייז.

שווער איז געוואָרן די יידישע לאַגע נאָך די וואַלן. די רעגירונגען זענען נישט געווען קיין סטאַבילע, ביז ס׳איז געקומען צום באַקאַנטן פּילסודסקי־מאַרש אויף וואַרשע מיטן טרויעריק־באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע. די דעמאָלט אַנטשטאַנענע פּוילישע רעגירונג האָט אויסגעשריבן נייע וואַלן צום

סיים, די וואַלן זענען פאַרגעקומען אין יאָר 1930. די לאַגע אויף דער יידישער גאַס אין טיסמעניץ איז געווען אַ פאַרנעפּלטע. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג צו שטימען פאַר דער ליסטע נר. 1, פאַר דער ליסטע פון „אומפּאַרטייאישן בלאָק פאַר מיטאַרבעט מיט דער רעגירונג״ (בעזפּאַרטיני בלאָק וספולפּראַצי ז׳זשאָנדעם). אויסער דעם האָבן אָנגעהויבן קומען פון סטאַניסלאַוו אַגיטאַטאָרן און גלאַט שליחים פון „אגודת ישראל״ צוזאַמען מיט שליחים פון „יד חרוצים״. אויף אַ פאַרזאַמלונג אין גרויסן בית־המדרש, וווהין אַ סך יידן זענען געגאַנגען אויס פחד, האָט מען אַגיטירט, אַז די טיסמעניצער יידן זאָלן שטימען פאַר דער רעגירונגס־ליסטע. אויך דער פאַקט האָט געשטעלט די טיסמעניצער ציוניסטישע פירער פאַר אַ שווערער דילעמע.

ד״ר ראָזמאַרין, וואָס איז אויך איצט געווען אונדזער קאַנדידאַט צום סיים, איז פאַרבעטן געוואָרן דורכן ציוניסטישן קאָמיטעט אונדזערן קיין טיסמעניץ, כדי אַרויסצוטרעטן וועגן ענין פון די וואַלן אויף די פאָלקס־פאַרזאַמלונג, וואָס איז געווען גלענצנד אָרגאַניזירט. די פאַרזאַמלונג איז אויסגעפאַלן אימפּאָזאַנט און, אַ דאַנק דער האַלטונג פון ד״ר ראָזמאַרין, אַדורך אָן שטערונגען מצד די קעגנער. די רעזולטאַטן זענען געווען פּאָזיטיוו, ווייל 96 פּראָצענט פון די יידישע וואַלבאַרעכטיקטע אין טיסמעניץ האָט אין טאָג פון די וואַלן געשטימט פאַר דער נאַציאָנאַלער ליסטע. ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען, אַז אונדזערע פאַרטרויונגס־מענער אין די אַלגעמיינע וואַל־קאָמיסיעס האָבן געהאַט גאָרנישט קיין לייכטע אויפגאַבע צו היטן עס זאָלן נישט פאָרקומען קיין עווענטועלע פעלשונגען. אונדזער ציל האָבן מיר מיט דערפאָלג דערגרייכט. ד״ר ראָזמאַרין איז ווידער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס יידישער רעפּרעזענטאַנט אין פּוילישן סיים, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין טיסמעניץ מיט גרויס סאַטיספאַקציע.

די ציוניסטישע באַוועגונג אין טיסמעניץ

אין יאָר 1894 האָט זיך אין „אחיאסף״ באַוויזן אַן אַרטיקל פון גרשום באַדער א.ב. „נאַציאָנאַלע אַרבעט ביי אחינו בני ישראל אין גאַליציע״. צווישן אַנדערן ווערט דאָרט געשריבן, אַז שוין אין יאָר 1883 האָט זיך אָנגעהויבן אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג צווישן די יידן אין גאַליציע, וואָס האָט אַרויסגעשטויסן די אַסימילאַציע־באַוועגונג. אין לעמבערג איז אין יאָר 1890 געגרינדעט געוואָרן די חברה „ציון״. אירע שליחים האָבן פאַרשפּרייט דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק אין אַלע יידישע ישובים אין גאַליציע און

דאַרט געגרינדעט אָפּטיילונגען פון דער חברה. אַזעלכע שליחים האָבן באַזוכט טיסמעניץ און אויך דאָ געגרינדעט זייערס אַן אָפּטיילונג. די באַוועגונג האָט דאָ געוווּנען אַ סך אָנהענגער און זיך שנעל פונאַנדערגעוואַקסן. דורך די פּוילישע קעגנער איז די באַוועגונג, מיט פּאַרדרוס, באַצייכנט געוואָרן אַלס גרעסטע יידישע באַוועגונג אין גאַליציע, דאַקעגן האָבן די רוטענער געקוקט אויף דער באַוועגונג מיט סימפּאַטיע, דרינגענדיק דערפון, אַז די יידן שטרעבן נישט זיך צו אַסימילירן אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. דאָס רוב פון די דעמאָלט דערשינענע יידישע צייטונגען האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. בלויז אַ נישטיקע צאָל צייטונגען האָבן געוואַגט אַרויסצוטרעטן קעגן.

אין טיסמעניץ איז אין יענע יאָרן דערשינען אַ צייטונג א.נ. „טיסמעניצער פאָלקסבלאַט״, וואָס האָט געהערט צום קעגנערישן לאַגער. לויט די סטאַטיסטישע ציפערן פון ד״ר קורקס האָבן אין יענער צייט עקזיסטירט אין גאַליציע 75 ציוניסטישע פאַראיינען, צווישן וועלכע עס איז אַריינגערעכנט דער ציוניסטישער פאַראיין אין טיסמעניץ. לויט ד״ר נ. מ. געלבער (דף 214) האָט די ציוניסטישע פּרעסע אין יאָר 1895 דורכגעמאַכט אַ קריזיס. עס האָבן, צוליב פינאַנסיעלע שוועריקייטן אויפגעהערט דערשיינען די צייטונגען „השרון״ (אין העברעאיש) און „דאָס יידישע וואָכנבלאַט״ (אין יידיש). דאָס רוב צייטונגען און צייטשריפטן האָבן דאָך דעם פינאַנסיעלן קריזיס דורכגעהאַלטן. צו די דאַרף פאַררעכנט ווערן די צווייוואָכנדיקע צייטשריפט „יידישעס פאַמיליענבלאַט״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך ר׳ שבח קנעבעל ז״ל.

אין טיסמעניץ איז דער געדאַנק וועגן „ציון״ געווען שטאַרק פאַרשפּרייט, באַזונדערס אין די היימען, ווו ס׳האָט געהערשט אַ טראַדיציאָנעלער גייסט. איך געדענק, אַז אויך ביי אונדז אין שטוב איז געהאַנגען אַ בלויע קרן־קימת־פּושקע נעבן מאיר־בעל־נס־פּושקע און מיין מאַמע ע״ה פלעג, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, און באַזונדערס יעדן פרייטיק פאַרן ליכט־בענטשן, אַריינוואַרפן געלט איןביידע פּושקעס. וועגן דער ציוניסטישער טעטיקייט אין יענע יאָרן, ווען איך בין נאָך אַ קליין קינד געווען, זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון איינציקע מאָמענטן: אין טיסמעניץ האָט מאַטיע פייער ז״ל געפירט אַ פּריוואַטע ביבליאָטעק, אין וועלכער עס זענען געווען פּוילישע און יידישע ביכער מיט אַ שטאַרק נאַציאָנאַלן אינהאַלט (אגב, געדענק איך, אַז מיין טאַטע ז״ל פלעג מיך שיקן אהין טוישן פאַר אים ביכלעך) און, אַז יעדן שבת בייטאָג פלעגן זיך יידן פאַרזאַמלען אין גרויסן בית־המדרש, ווו ס׳זענען פאָרגעקומען פאָרלעזונגען.

איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווען איך האָב שוין געלערנט אין גימנאַזיע. געווען איז דאָס אין יאָר 1910. עלטערע גימנאַזיסטן און סטודענטן, וועלכע האָבן שטודירט אין די גרויסע שטעט, מיטגלידער פון „חוג הציונים״ פלעגן קומען אַהיים אויף שבת און אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען אין שטוב פון מאיר שפּיגעל, וואָס איז געווען דער אָנפירער פון דערמאָנטן „חוג״. צו די אַקטיוויסטע טוער׳ האָבן דאָ געהערט די ברידער אברהם־יצחק און נפתלי קוויטנער (זע זייט 17), וואָס זענען געווען שטאַרקע אָנהענגער פון העברעאיש און האָבן שפּעטער געגרינדעט די „שפה ברורה״־שול אין סטאַניסלאַוו. זיי טאַקע האָבן שטאַרק מיטגעהאָלפן צום פאַרשפּרייטן די העברעאישע שפּראַך אין טיסמעניץ.

אין יאָר 1908 איז אין טיסמעניץ געגרינדעט געוואָרן אַ העברעאישע שול, אין וועלכער ס׳האָבן געלערנט ביי אַ 40 שילער. איר ערשטער לערער איז געווען יעקב ראָזענבוים. קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין טיסמעניץ געגרינדעט געוואָרן „אחוה״, אַן אַקטיווע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע. די „אחוה״, האָט אָנגעפירט מיט אַ ביבליאָטעק, אַ לייען־זאַל און האָט איינגעאָרדנט פאַרלעזונגען. די רעפערענטן זענען געווען אָרטיקע און אויך פון אַנדערע, גרעסערע שטעט.

מיטן אויסברוך פון קריג האָט זיך די טעטיקייט פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע איבערגעריסן. באַלד נאָכן קריג האָט זיך די ציוניסטישע טעטיקייט באַנייט מיטן גרינדן די אָרגאַניזאַציע „ד״ר טעאָדאָר הערצל״, וואָס האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו פירן אַ ברייטערע טעטיקייט צוליב די פויליש־אוקראַינישע (אין ערשטן פעריאָד) און פויליש־סאָוויעטישע (אין שפּעטערדיקן פעריאָד) מיליטערישע קאַמפן. אַן אינטענסיווע טעטיקייט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אין יאָר 1921.

אין דערמאָנטן יאָר זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע ציוניסטישע אָנהענגער, וועלכע האָבן, פון צווישן זיך, אויסגעוויילט אַ פאַרוואַלטונג, אין באַשטאַנד פון וועלכער ס׳זענען אַריין די חברים: בערל קאָרן, נונעק זעעמאַן (שפּעטער אַריבער־געצויגן קיין לעמבערג און געוואָרן פּערזענלעכער סעקרעטאַר פון ד״ר לעאָן רייך), יענקל קאָרן, יעקב זאַמער, (אַלס סעקרעטאַר), יעקב לונענפעלד, מאַקס שטים. (קאַסירער), ראובן שטענגעל, פּרץ שפּרעכמאַן, און שלמה בלאַנד אלס פאַרזיצער.

צום דאָזיקן ציוניסטישן פאַראיין האָבן געהערט העכער הונדערט חברים און חברטעס. די מיטגלידער פלעגן זיך אין די אָוונטן פאַרזאַמלען, כדי אָנטייל צו נעמען אין די עברית־קורסן און אויסהערן רעפעראַטן וועגן ציוניזם און יידישער

געשיכטע. דאָס אַלץ איז געווען אַ מין פאָרזעצונג פון דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „אחוה".

אין טיסמעניץ איז אין דער זעלבער צייט באַנייט געוואָרן די טעטיקייט פון די עלטערע ציוניסטן, וועלכע פלעגן זיך אויך אינטערעסירן מיט אַנדערע שטאָטישע אַקטועלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום יידישן לעבן אין שטאָט גופא, ווי: קולטור און פּאָליטישע פּראָבלעמען. צ.ב. וואַלן צום שטאָטראַט און יידישער קהילה, וואַלן צום פּויליש סיים און סענאַט און אויך אָנטייל אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

צו די אַקטיוויסטע ציוניסטישע עסקנים האָבן, ווי איך געדענק, געהערט:

1. ברוך אוסטער;
2. איציק בוכהאָלטער;
3. גאָלדבערג (דער אַפּטייקער);
4. הירש האָראָוויץ;
5. ברוך זעעמאַן;
6. מיכאל מאַרקמאַן;
7. יוסף מערפעלד;
8. שלמה פּישער;
9. שמעון פעדער;
10. יעקב ציגלער.

אין שפּעטערן פעריאָד איז אויך אַנטשטאַנען אַ רעליגיעז־ציוניסטישע גרופּע „מזרחי". די „מזרחי"־גרופּע — עלטערע מענער און פרויען, האָבן געפירט אַן אַקטיווע ציוניסטישע טעטיקייט. בראש פון דער גרופּע איז געשטאַנען ר' לייבוש האָגער ז"ל. צו די אַקטיוויסטע פון דער גרופּע האָבן געהערט די חברים: לייבוש האָגער, יצחק האָגער, יודל פליקער, לושע ערליך, די צוויי ברידער ברעכער און דוד באַראָן. נאָך אין זעלבן יאָר האָט פרוי חיה עטל פּאַפּיק (היינט אין אַמעריקע — פרוי ראָזנבוים) אָרגאַניזירט אַ גרופּע מיידלעך, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט לערנען העברעאיש און איינגעאָרדנט ספּעציעלע געמיינזאַמע אויספלוגן. בעת די אויספלוגן האָבן זיי זיך אויך מער באַקענט מיט די ציוניסטישע אידעאַלן, פירנדיק געמיינזאַמע שמועסן אויף דער טעמע. אין יאָר 1923, ווען די לאַנד־קאָנפערענץ פון די מזרח־גאַליציאַנער ציונים האָט באַשלאָסן דעם „התאחדות" אויסצושליסן פון זייערע רייען, האָט מען געגרינדעט אין אונדזער שטאָט דעם א.ג. „גורדון"־פאַראיין אונטער דער לייטונג פון נתן אודעלסמאַן. אַ באַדייטנדיקער טייל חברים פון דער אָרגאַניזאַציע „ד"ר טעאָדאָר הערצל", ס'רוב אַרבעטער יוגנט, איז איבערגעגאַנגען אין „גורדון"־פאַראיין, אין וועלכן די הויפּט אַרבעט האָט זיך געפונען אין די הענט פון די שוועסטער: ברכה האָדע, זיסל אודעלסמאַן און זייערע צוויי ברידער ישראל און נתן. ביי זיי אין הויז

פלעגן פאַרקומען די פאַרזאַמלונגען פון פאַרטיי־אַקטיוו, אויף וועלכע מ׳האָט באַשלאָסן ווער ס׳דאַרף געשיקט ווערן אויף הכשרה־אַרבעט און ווער אַלס עולה קיין ארץ־ישראל.



אַ גרופּע חלוצים־עולים קיין ארץ ישראל
פון רעכטס: מרדכי געלערט (מאָטיע גראַב), שלמה גאָטעסמאַן, לאַנצ׳יע לערנער, זיסיע לייסטער, און אַן אומבאַקאַנטער

ביי דער געלעגנהייט האָלט איך פאַר מיין חוב צו דערמאָנען נאָך אייניקע חברים, וואָס האָבן זיך אין „גורדוניה" אויסגעצייכנט מיט זייער איבערגעגעבנהייט און טעטיקייט: מאָטיע גראַב, דוד האַגער, שלמה עבענשטיין, פּיניע גוטענפּלאַן, חיים אונגער (טוטקע), הירש לוסטיק און שערף. כדי צו קאָאָרדינירן די ציוניסטישע אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט און קודם די טעטיקייט ארום „קרן קימת", „קרן היסוד" און אויך די קולטור־אַרבעט צווישן דער יוגנט און בכלל צווישן די יידישע מענטשן, איז אין טיסמעניץ אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ציוניסטישער קאָמיטעט, אין וועלכן עס זענען געווען פאַרטראָטן פאַר־שטייער פון אַלע דריי ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט (אַלגעמיינע ציוניסטן, התאחדות און מזרחי), וועלכן עס דאַרף צוגעשריבן ווערן דאָס אָרגאַ־ניזירן די וואַלן צו די פּוילישע געזעצגעבערישע אינסטאַנצן, — צו די שטאָט־ראַטן און קהילה־פאַרוואַלטונגען. באַזונדער אימפּאָזאַנט זענען אויסגעפאַלן די

פייערונגען, וואָס דער געמיינזאַמער קאָמיטעט האָט אָרגאַניזירט לכבוד דער אַנטשטייונג פון העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים אין יאָר 1925. כדי אין די פייערלעכקייטן זאָל זיך באַטייליקן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז, לויט דער איניציאַטיוו פונעם ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט, אַנטשטאַנען אַן אַלגעמיינער בירגערלעכער קאָמיטעט צום פייערן די דאָזיקע היסטאָרישע דאַטע. אין קאָמיטעט זענען אַריין פאָרשטייער פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט און אויך אַלע קהילה־פּרנסים. ס׳איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ספּעציעלע תפילה־שעה אין דער גרויסער שול, צו וועלכער עס זענען געקומען קינד־און־קייט. נאָך דער תפילה האָט מען מיט ציוניסטישע פענער אַרויסמאַרשירט אין געשלאָסענע רייען איבער די גאַסן פון שטאָט. אַלע יידישע געשעפטן זענען געווען, פונקט ווי שבת און יום־טוב, געשלאָסן. צענדליקער הייזער זענען געווען דעקאָרירט מיט ציוניסטישע פענער. די יום־טובדיקייט האָט זיך שטאַרק אָנגעזען אין דער גאַנצער שטאָט.

קרן־קימת קאָמיסיע אין יאָר 1932
לינקס ערשטע ריי: נ. פישער, ג. זאַמער, ב. קאָרן, ל. בלאַנד, מ. שטים
לינקס צווייטע ריי: פ. גרייף, ב. פישער, א. רונדער, ג. זעעמאַן, ה. קנאָפף, ס. רונדער, י. בלאַנד, פ. הורוויץ, ה. ל. פלינקער

די אַרבעט פונעם בשותפותדיקן קאָמיטעט איז, לויט אַ פריערדיקן הסכם, געווען איינגעשטעלט אַזוי: דעם פאָרזיץ אויף די באַראַטונגען האָט, לויט דער ריי, געפירט אַ פאָרשטייער פון יעדער גרופּע באַזונדער. די אַרבעט פאַרן „קרן קימת" האָט געפירט אַ ספּעציעלע גרופּע בראש מיטן חבר בערל קאַרן. די רעשט מיטגלידער פון דער קאָמיסיע זענען געווען: גיזע (זעעמאַן), ביר (איצט אין ישׂראל), באַסיע גראַב, פּייוול גרייף, אליהו שוואַך, רחל אודעלסמאַן־שוואַך, דוד האַגער, לושע ערליך, יוסיע בלאַנד, שׂרה רונדער, פייגע האַראָוויץ און לאַטקע בלאַנד. מיט דער אַרבעט פאַרן „קרן היסוד" האָבן זיך פאַרנומען שליחים, וואָס פלעגן אַראָפּקומען קיין טיסמעניץ אויף אַ ספּעציעלער אַקציע אין נאָמען פון דער צענטראַלע אין לעמבערג. מיט דער הילף פון אָרטיקע חברים פלעגן זיי זאַמלען געלט ביי סטאַבילע צאָלער אויף דעם צוועק און אויך ווערבירן נייע שפּענדער.

יידישע שולן אין טיסמעניץ

דעם 20־טן מערץ 1785 האָט דער קייזער יוזעף דער צווייטער אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, וואָס האָט, צווישן אַנדערע, אויך פאַרפּליכטעט צו גרינדן אין גאַליציע שולן פאַר יידישע קינדער. די יידן האָבן דאָס אויפגענומען אַלס גזרה, פּונקט ווי די גזרה צו דינען אין מיליטער, וואָס איז הל געווען אויך אויף יידן. אָבער די פאַראָרדנונג וועגן שולן איז אַריין אין קראַפט און די יידן האָבן זיך געמוזט צופּאַסן. אין טיסמעניץ איז די ערשטע יידישע שול געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1788. אַלס לערער אין דער שול איז באַשטימט געוואָרן הירשל שולמאַן. בכלל האָבן אין טיסמעניץ עקזיסטירט 5 פאָלקסשולן: איין שול מיט אַ 6־יאָריקער לערנצייט פאַר יינגלעך, אַ צווייטע, ענלעכע שול פאַר מיידלעך. צוויי שולן זענען געווען אויף די פּעריפעריעס פון דער שטאָט אויף דער באַן־גאַס און אויף דער סלאָבאָדע. ביידע זענען געווען קאָעדוקאַציע־שולן מיט אַ 4־יאָריקער לערנצייט. די 5־טע איז געווען אַ באַראָן־הירש־שול פאַר יידישע יינגלעך מיט אַ 4־יאָריקער לערנצייט. די גרויסע שול פאַר יינגלעך איז געווען צעשפּרייט אין עטלעכע ערטער ביזן יאָר 1908, ווען עס איז אויפגעבויט געוואָרן אַ ספּעציעל גרויסער בנין פאַר איר. די אַנדערע אויבן־אָנגעגעבענע שולן און אויך די באַראָן־הירש־שול, האָבן די גאַנצע צייט פון זייער עקזיסטענץ זיך געפונען אין צוגעפּאַסטע פאַר זיי אויפגעבויטע בנינים. אין די פיר פאָלקסשולן האָבן זיך געלערנט יידישע און קריסטלעכע קינדער צוזאַמען, דאַקעגן אין דער באַראָן־הירש־שול האָבן זיך געלערנט נאָר יידישע קינדער. אויף דער געביידע פון דער מיידל־שול, וואָס האָט

זיך געפונען אויף דער באַן־גאַס איז געהאַנגען אַ גרויסער זייגער, וואָס האָט אויסגעקלינגען יעדעס פערטל שעה.

אין די אַלגעמיינע שולן האָט מען באַשעפטיקט אויך ייִדישע לערער און לערערינס, ווי: בלומענבלאַט, האַראָוויץ, בער א.א. ייִדישע רעליגיע אין די אַל־געמיינע שולן האָבן געלערנט שניצער און שינדלער.

די באַראָן־הירש־שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ניינצטן יאָרהונדערט האָט געהאַט אַ ספּעציפישן כאַראַקטער. די דיסציפּלין איז געווען אַ שטרענגע און די לימודים זענען געווען אויף אַ הויכן ניוואָ. ס'איז אַלגעמיין באַקאַנט געווען, אַז די קינדער, וואָס האָבן אין דער שול געענדיקט 4 קלאַסן, האָבן געהאַט מער וויסן, ווי די קינדער, וואָס האָבן געענדיקט 6 קלאַסן פון אַן אַנדער שול. אין דער באַראָן־הירש־שול האָבן אָרעמע שילער באַקומען בחינם עסן, באַקליידונג און לערביכער. די קינדער, וואָס האָבן נאָכן ענדיקן די שול, געוואָלט זיך אויסלערנען אַ פאַך, זענען דורכן באַראָן־הירש־פאָנד אויסגעהאַלטן געוואָרן אין ווין אָדער אין קראָקע ביז זיי האָבן זיך אין פאַך פאַרפולקאָמט.

אין די צייטן, וואָס איך געדענק (ביזן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג) זענען לערער דאָרט געווען: עלוואר (דירעקטאָר) און נאָך זיין טויט האָט דעם אַמט באַנומען מוזלער. אַלס לערער געדענק איך: באַלטאַך, שולמאַן, שינדלער און בער. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך די שול געשלאָסן און איז מער שוין נישט געעפנט געוואָרן. אין טיסמעניץ איז אין יענע יאָרן קיין מיטלשול נישט געווען און די עלטערן, וואָס האָבן געוואָלט געבן זייערע קינדער מיטלשול־בילדונג, האָבן זיי געשיקט קיין סטאַניסלאַוו אָדער טלאָמאַץ. אין יאָר 1910 האָט אַן אַרמענישער גלח, מויזעשאַוויטש, מיט נאָך צוויי לערערס, געגרינדעט אַ פּריוואַטע גימנאַזיע, אין וועלכער עס האָבן געלערנט אי ייִדישע אי קריסטלעכע קינדער. צוליב דעם, וואָס די גימנאַזיע האָט נישט געהאַט קיין מלוכה־רעכט, האָבן די קינדער זיך געמוזט שטעלן צו מאַטורע־עקזאַמענעס אין טלאָמאַץ.

אין יאָר 1903 איז אין טיסמעניץ געגרינדעט געוואָרן אַ העברעאישע שול, וואָס האָט עקזיסטירט ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. לויט דער סטאַטיסטיק פון העברעאישע שולן אין גאַליציע, האָט די טיסמעניצער העברעאישע שול געהאַט, אין יאָר 1911 — 35 שילער. דער לערער איז געווען ר' עקיבא ראָזנבוים. די שול איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פון אָרטיקן ועד. אין יאָר 1914 האָט זיך די שול געשלאָסן צוליב אָביעקטיווע סיבות.

קולטור־קלוב אין טיסמעניץ

אין טיסמעניץ האָט אויך עקזיסטירט אַ קלוב פאַר יידישער קולטור־טעטיקייט. דער קלוב איז אַנטשטאַנען באַלד נאָכן ערשטן וועלט־קריג. דאָ איז טעטיק געווען אַ דראַמאַטישער קרייז, וועלכער פלעגט אָרגאַניזירן עפנטלעכע אימפּרעזעס און דאָס איינגעפלאָסענע געלט פאַרווענדן אויף סאָציאַלער הילף, פאַר אָרעמע משפחות. מיט דער צייט איז דער קלוב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער פאַר יידישער קולטור־אַרבעט בכלל. אין משך פון אַ יאָר פלעגן אויפגעפירט ווערן דריי—פיר פיעסן פון פּאָפּולערע יידישע שרייבער, ווי: „גאָט, מענטש און טייוול” פון גאָרדין, „שווער צו זיין אַ ייד” פון שלום עליכם, „גאָט פון נקמה” פון שלום אַש, „דער דיבוק” פון ש. אַנסקי א. א.

סטאַבילע אַנפירער מיטן קלוב זענען געווען: נתן אודעלסמאַן (מוזיקאַלישער לייטער), פייוול גרייף (באַקאַנט מיט זיינע קאָמישע ראָלן, וועלכע ער פלעג מיט דערפאָלג אויספירן), מאַקס שטים, נונע זעעמאַן, מנשה פישביין, יעקב קאָרן, אברהם בלאַנד, פעפציע שפּרעכמאַן (בלאַנד), מינציע צוקערקאַנדל, פריידע הוט, אסתר שיינער, גוזע זעעמאַן, רחל שוואַך, לאַטקע בלאַנד, יוסיע בלאַנד און אויך איך אַלס רעזשיסער. איך האַלט פאַר מיין חוב דאָ צו דערמאָנען אַ באַקאַנטן אַקטיוויסט פונעם דראַמאַטישן קרייז, דעם חבר איציע קנאָפּ (באַקאַנט אַלס איציע טאָפּ), וואָס האָט מיט זיין איבערגעגעבענער אַרבעט אַ סך מיטגעהאָלפן צום דערפאָלג פונעם קלוב, אָן וועלכער דער דראַמאַטישער קרייז וואָלט נישט אימשטאַנד געווען אויספירן די געשטעלטע פאַר זיך אויפגאַבן.

די פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען אין „נאַראָדני דאָם” — אין אַ זאַל, וואָס האָט נישט געהאַט קיין איינריכטונגען, וועלכע זענען נויטיק געווען אין זאַל און אויף דער בינע. שטולן און בענק פאַר די צושויער פלעג מען ברענגען פון פאַרשידענע ערטער ווי צ. ב. פון דער ווייבער־שול און פון די ציוניסטישע לאָקאַלן. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט לאָמפּן צום באַלייכטן דעם זאַל און די בינע. אויסערן פאַרהאַנג האָט דער לאָקאַל נישט געהאַט קיין שום רעקוויזיטן, דאַריבער האָט מען אויך וועגן דעם געדאַרפט זאָרגן. וועגן דעם אַלעם האָט טאַקע געזאָרגט אונדזער חבר איציע קנאָפּ, ער האָט גענומען אויף זיך די פליכט אַלץ צו באַזאָרגן און זיין אויפגאַבע אויסגעפירט פּינקטלעך און מיט דער געהעריקער אחריות.

יידישע אינדוסטריע, האנדל און מלאכה אין טיסמעניץ, ביז 1914

וועגן יידישן האַנדל אין טיסמעניץ געפינען מיר נאָר אין דער פאַרשאַרבעט פון ד״ר י. שיפּער א.נ. „יידישער האַנדל אין פּוילן״ (ז׳ 255). דאָרט לייענען מיר, צווישן אַנדערן, אַז גרויסע סוחרים פון טיסמעניץ פלעגן שוין אין אַכצענטן יאָרהונדערט קומען קיין ווראַצלאַוו אויף ירידים, וואָס פלעגן דאָרט אָפּגעהאַלטן ווערן. ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז בלויז פון דעם אַליין קען מען נישט האָבן קיין קלאָר בילד וועגן פאַרנעם פון יידישן האַנדל אין יענעם פעריאָד. מירן זיך דעריבער מוזן באַגרענעצן מיטן איבערגעבן וועגן יידישן האַנדל אין טיסמעניץ אין אַ סך שפּעטערדיקן פעריאָד, וואָס איז גענויער באַקאַנט.

לויט דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1910 האָבן אין טיסמעניץ געלעבט 2,305 יידן. דאָס איז געווען 23,8 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער אין שטאָט וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל און מלאכה. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אין טיסמעניץ, אויסער אַ קליינער צאָל לאחדים־סוחרים, אַ געוויסע צאָל סוחרים זיך פאַרנומען מיט הורט־האַנדל: אין דער טעקסטיל־בראַנזשע — שמערל קאַנפער און וואָלף יונגערמאַן; אין דער גאַלאַנטעריע־בראַנזשע — שרה פישער און ראַפּאַפּאָרט; אין דער אייזן־בראַנזשע — שלמה לווענפעלד, מיכאל גרייף און הירש קאַנפער; אין האַנדל מיט שפּייז־פּראָדוקטן — זלמן בערנפעלד; אַ גרויסער מעל־לאַגער האָט זיך געפונען אין באַזיץ פון זלמן שטים און דער גרויסער האַנדל מיט לאָם־פעל האָט זיך געפונען אין די הענט פון ד׳ שותפים: ישראל מאיר שיין (באַקאַנט א.נ. ישראל מאיר לאַלקע), משה קאָרן, פייוול קאָרן, משה אַדלער, שמואל און יעקב פּאַפּער, שלמה אויערבאַך און שלמה לייב ראָזענרויך. ביי זיי זענען געווען באַשעפטיקט אי יידישע, אי קריסט־לעכע אַרבעטער. עס האָט אויך עקזיסטירט אין שטאָט אַ גרויסע עקספּאָרט־פירמע פון לייבוש פייער און זון יענקל. גרויסע מאַגאַזינען פון בוי־מאַטעריאַל (באַ־זונדערס פון ברעטער) האָבן געהערט צו בנימין אַנטלער, אברהם העלד און יאַנציע פופיק. הירש אייזנער האָט געהאַט אין די גרויסע קעלערן ביי דער שול ציסטערנעס מיט נאַפט, וואָס האָט געהאַט אַ זייער וויכטיקע באַדייטונג אין

שטאָט, ווייל אין יענע צייטן איז דאָס געווען דער עיקרדיקער באַלייכטונגס־מאַטעריאַל. אַ גאַר וויכטיקע פּאָזיציע אינעם האַנדל האָט פאַרנומען די אויס־אַרבעטונג פון סיראַקעס (סערמענגעס — אַזאַ מין אויבער־מלבוש פון גראָבע וואָלענע האַנט־וועבעריי) פאַר דער שטאָטישער און קודם־כל פאַר דער דאָרפישער באַפעלקערונג. דער מסחר האָט זיך געפונען אין די הענט פון משה אודעלסמאַן ז״ל. ער איז געווען כמעט דער איינציקער פּראָדוצענט פון אַזעלכע אויבער־מאַנטלען, אויף וועלכע ס׳איז געווען אַ גרויסע נאָכפראַגע.

אין יענע יאָרן איז טיסמעניץ אויך באַרימט געוואָרן מיט צווייווירטשאַפטלעכע צווייגן: קירזשנער און שניידער־קאָנפעקציע, פון וועלכע אַ סך יידישע משפחות האָבן זיך מפרנס געווען. די פוטערנע קוטשמעס און פעלצן, וואָס זענען אויס־געאַרבעט געוואָרן אין טיסמעניץ, האָבן באַקומען אַן אַפּזאַצמאַרק נישט בלויז אין די שטעט און דערפער פון דער נאָענטער סביבה, נאָר אין גאַנץ גאַליציע און אפילו אין רומעניע און אין בולגאַריע. באַזונדערס זענען באַקאַנט געווען די קירזשנער־וואַרשטאַטן פון דער פאַרצווייגטער משפחה פליקער: וואָלף פליקער, בערל פליקער, לייב יואל פליקער, יצחק פליקער, ישראל פליקער (די „קרוליקעס״ האָט מען זיי גערופן), ווי אויך די וואַרשטאַטן פון זלמן יוסי ראַטמאַן און אברהם שיסעל. דאָס זענען געווען גרויסע וואַרשטאַטן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אַ זייער שיינע פּראָדוקציע און דערביי באַשעפטיקט אויך יידישע לוינאַרבעטער.

יידישע לוינאַרבעטער זענען אויך געווען באַשעפטיקט אין דער קירזשנער־בראַנזשע פון דער גרויסער קירזשנער־פאַבריק אין טיסמעניץ ,וואָס איז אויפ־געשטעלט געוואָרן איייניקע יאָר פאַרן ערשטן וועלט־קריג. אין דער דאָזיקער פאַבריק, וואָס האָט געהערט צו אַ לעמבערגער רייכער געזעלשאַפט, זענען געווען באַשעפטיקט העכער 250 אַרבעטער, צווישן וועלכע ס׳זענען געווען אַ סך יידישע לוינאַרבעטער. די זעלבע פאַבריק האָט אויך געליפערט פעלצן באַצויגענע מיט שטאָף פאַרן באַן־פּערסאָנאַל. ביי דער אַרבעט זענען באַשעפטיקט געווען אַן ערך 150 אַרבעטער, אין דעם אַ באַדייטנדע צאָל יידן. די שטאָפענע אויבערמאַנטלען פאַר די פעלצן זענען פּראָדוצירט געוואָרן אין יידישע שניידער־וואַרשטאַטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אונטערנעמונגס־פעיקייט. אַ גאַנץ באַזונדערן גוטן שם האָבן געהאַט צוויי יידישע שניידער: מיט איינעם אַזאַ וואַרשטאַט האָט אָנגעפירט מיין פאָטער, מרדכי שמואל בלאַנד עה״ש און מיטן צווייטן וואַרשטאַט — יאָסל צייכנער עה״ש. אָט די צוויי שניידער־וואַרשטאַטן זענען טאַקע געווען די הויפּט־פּראָדוצירער פון די אויבערמאַנטלען

פאַר די פעלצן, וואָס די דערמאָנטע קירזשנער־פאַבריק האָט צוגעשטעלט פאַר דער באַן־דירעקציע. די צוויי וואַרשטאַטן האָבן אויסגעאַרבעט אַן ערך 6000 (זעקס טויזנט) אַזעלכע מאַנטלען, פון װעלכע דער וואַרשטאַט פון מיין פאָטער און זיין ברודער אברהם בלאַנד, האָט אַרויסגעגעבן 70 פּראָצענט און דער וואַרשטאַט פון יאָסל צייכנער — 30 פּראָצענט. ביי מיין פאָטער אין וואַרשטאַט זענען אויך אויסגעאַרבעט געוואָרן עטלעכע הונדערט קורצע און לאַנגע פעלצן איבערגעצויגענע מיט שטאָף, וואָס פלעגן געפירט ווערן קיין אוניאָוו (נעבן לעמבערג) אויף די גרויסע יערלעכע ירידים. די ירידים פלעגן פאָרקומען אין חודש אויגוסט פון יעדן יאָר. ביי מיין פאָטער אין וואַרשטאַט זענען אויך אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַר דער שול־יוגנט און סטודענטן מונדירן, וואָס האָבן פאַרפליכטעט אַלע גימנאַזיסטן אין גאַליציע. לויטן פאַרנעם פון די קאָנפעקציע־אַסאָרטימענטן, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין מיין פאָטערס שניידער־וואַרשטאַט איז מיין פאָטער פאַרעכנט געוואָרן אַלס דער גרינדער פון דער קאָנפעקציע־אינדוסטריע אין טיסמעניץ.

אין די אויבן דערמאָנטע צוויי שניידער־וואַרשטאַטן, דער עיקר ביי מיין פאָטער, זענען געווען באַשעפטיקט אַ סך יידישע שניידער. אויסער דעם האָבן זיך ביי מיין פאָטער געלערנט עטלעכע יידישע טערמינאַטאָרן, וועלכע פלעגן, נאָך 3 יאָר לערנען דאָס שניידער־פאַך, באַקומען צייגענישן אַלס קוואַליפיצירטע פאַכלייט. די צייגענישן זענען האָנאָרירט געווען דורכן אַלגעמיינעם שניידער־צעך, ווייל מיין פאָטערס וואַרשטאַט איז געווען קאָנצעסיאָנירט.

איצט וועגן אַנדערע פרנסה־קוואַלן: אין טיסמעניץ איז געווען אַ גרויסע הייוון־און ספירט־פאַבריק. גראַף פּאָטאָצקי איז געווען דער אייגנטימער פון דער פאַבריק. ער האָט זי פאַרפאַכטעט צו אַ אַ געוויסן יידישן פאַכטער פון פריצישע גיטער — זיגמונד רעגענשטרייף. ער האָט באַשעפטיקט אין דער פאַבריק אַ געוויסע צאָל יידן אַלס טעכנישע און אַדמיניסטראַטיווע באַאַמטע. אַן ענלעכע לאַגע פאַר יידן איז געווען אין די פיר וואַסערמילן אין טיסמעניץ. די מילן זענען אויך געווען דאָס אייגנטום פונעם גראַף פּאָטאָצקי. אויך ביים אייער־עקספּאָרט, וואָס איז געווען אין יידישע הענט: איציק גראָס, מירל זינגער און היים לייבוש זינגער, האָבן געאַרבעט יידן אַלס סאָרטירער, פּאַקער און קאָנ־סערווירער. דער האַנדל מיט אייער האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּזאַצמאַרק, נישט נאָר אין גאַליציע, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער פון דער עסטרייכישער אימפּעריע.

אין יידישע הענט האָט זיך אויך געפונען דער פערד־האַנדל. מיטן דאַזיקן

מסחר האָט זיך בעיקר באַשעפטיקט די משפחה רייטער, אַ פאָטער מיט דריי זין. זיי האָבן געהאַט אַ קאָנצעסיע אויף ליפערן פערד פאַרן עסטרייכישן מיליטער. אויסער דער דערמאָנטער משפחה האָבן געפירט אַ פאַרצווייגטן האַנדל מיט פערד די „כאַנציוקעס" — יאַנציע און חיים זילבער און די משפחה קוק (אַנשל, אהרן, הירש און פישל) מיט זייערע זין.ביידע משפחות זענען געווען באַקאַנט מיט זייער מסחר אין דער גאַנצער געגנט. די דאָזיקע צוויי משפחות האָבן פאַקטיש באַהערשט דעם גאַנצן פערד־האַנדל אויף אַלע ירידים אין טיסמעניץ און אין אַנדערע שטעט פון גאַליציע.

אין טיסמעניץ פלעגן פאָרקומען 12 גרויסע חודש־ירידים אַ יאָר (לויט אַ דעקרעט פון יאָר 1806). דער גרעסטער יריד, וואָס האָט געדויערט עטלעכע טעג, איז געווען דער יערלעכער „פעדראָביץ". אויף דעם יריד זענען געקומען סוחרים פון נאָענטע און ווייטע געגנטן מיט זייערע סחורות אויף גרויסע בוידן. זיי פלעגן איינשטיין אין ידישע איינפאָרהייזער און געניסן פון ידישע רעסטאָראַנען. באַקאַנט זענען דאָן געווען: זאַמערס איינפאַרהויז מיט אַ רעסטאָראַן, טענענס איינפאַרהויז און יאָסל קערקערס איינפאַרהויז. אויסער די אויסגערעכנטע, זענען אויך געווען אַנדערע קלענערע ידישע איינפאַרהייזער.

אין שטאָט זענען אויך געווען 9 ידישע אָליאַרניעס, וואָס פלעגן פרעסן קאָנאָפּליע־אייל, סימיעאייל, מאָנאייל און קימלאייל. עטלעכע ידישע משפחות האָבן זיך אויך באַשעפטיקט מיט גאַרבעריי, סטאָלעריי און אַנדערע פאַכן.

פון די באַקאַנטע סטאָליאַרעס אין שטאָט, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן שיינע אַרבעט, זענען געווען: זלמן אוסטער, יעקב הירש סטאָליער, שנער און חיים אוסטער, אַלס פאַכמענישע זייגער־מאַכער זענען באַקאַנט געווען מאיר פישער זייגער־מאַכער און חאַסקל זייגער־מאַכער. דער איינציקער ידישער קאָם־מאַכער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן גוטע פּראָדוקציע איז געווען יעקב דובעסטער.

ס'איז אויך געווען אַ גרופּע ידישע משא־טרעגער. די טרעגער פלעגן שטיין פאַר טעהנעס הויז, יעדער פון זיי אונטערגעגאַרטלט מיט אַ שטריק און מיט גרויסע לעדערנע שטיוול אויף די פיס, וואַרטנדיק אויף אַ ביסל אַרבעט. אינטערע־סאַנט, אַז אַזוי האָט אויסגעזען זייער הלבשה אין די וואָכנטעג, אין אַ שבתדיקן אָדער יום־טובדיקן טאָג האָט מען זיי נישט דערקענט. דאָן איז דער ידישער טרעגער געווען אָנגעטאָן אין אַ קאַפּאָטע מיט אַ שטריימל, אויסגעפוצט באָרד און פאות און אַזוי ווי אַנדערע ידישע בעלי־בתים, געקומען צום דאַוונען אין שול אַריין. געווען זענען אויך בעלי־עגלה'ס און דראָזשקאַזשעס. די בעלי־עגלה'ס

האָבן געפֿירט מיט זייערע גרויסע פערד־און־וואגן סחורות פון טיסמעניץ אין אַנדערע שטעט און פון יענע שטעט קיין טיסמעניץ, אָדער פון דער באַן און צו דער באַן. די דראָזשקאָזשעס ווידער האָבן געפירט פּאַסאַזשירן און אויפגעהאַלטן דעם צווישנשטאָטישן פאַרקער: טיסמעניץ—סטאַניסלאַוו. פון די בעלי־עגלה׳ס און דראָזשקאָזשעס זענען באַקאַנט געווען: מרדכי טעפער, יודל צוקערקאַנדל, אהרן טעפּער, משה זיפלינגער, חיים פישביין, ישראל פישביין, פישל ראָטער, עליע ראָטער, שימעלע גאָלדבערג און אהרון דוצעק. פונקט ווי די טרעגערס האָבן אויך די בעלי־עגלה׳ס און דראָזשקאָזשעס אין די שבתים און ימים טובים געענדערט זייער הלבשה.

צווי בעלי־עגלה׳ס זענען געווען באַקאַנט מיט זייער אויסטערלישן אויפפירן זיך: שימעלע בעל־עגלה, למשל, האָט אַלע שבת נאָכן דאַוונען אַרויסגעפירט זיינע פערד צום וואַסער נאָך איידער ער האָט אויסגעטאָן די קאַפּאָטע און דאָס שטריימל. אהרן דער קרומער איז נישט אַרויסגעפאָרן מיט דער דראָזשקע פאַר צען אַזייגער, ווייל ער האָט געדאַוונט ביים רבין, וווּ מ׳האָט שחרית פאַרענדיקט שפּעטלעך. צו די דראָזשקאָזשעס האָט מען געהאַט גרויס צוטרוי און מיט זיי פלעג מען איבערוויזן גרויסע סומעס געלט קיין סטאַניסלאַוו.

אייניקע משפחות אין טיסמעניץ האָבן זיך באַשעפטיקט מיט קרעלן־האַנדל. קיין טיסמעניץ פלעגן די קרעלן־סוחרים, יונה שטענגעל און יאָסי שטום, אַראָפּ־ברענגען די קרעלן אין אַ רויען צושטאַנד. דאָ זענען זיי געשליפן און סאָרטירט געוואָרן. דערנאָך זענען זיי אַרויסגעשיקט געוואָרן אין פאַרשידענע ערטער אויסער טיסמעניץ. דער קרעלן־האַנדל איז געווען זייער פאַרשפּרייט, ווייל ס׳איז געווען אַ גאַנגבאַר אַרטיקל פאַר דער דאָרפישער באַפעלקערונג.

דער בראָנפן־מאָנאָפּאָל אין שטאָט האָט זיך געפונען אין די הענט פון ר׳ קאַפל שפינדעל און דער טאַבאַק־מאָנאָפּאָל — אין די הענט פון ר׳ קלמן בערגנער.

אין טיסמעניץ זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן טליתים, בתים צו תפילין און גאַרטלען. די טיסמעניצער בתים צו תפילין האָבן געשמט ביי דער יידישער אָרטאָ־דאָקסיע אין דער וועלט. די גאַרטלען זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן ביי ר׳ פנחס גאַרטלמאַכער און די בתים צו תפילין האָבן געמאַכט פרומע גאָטספאַרכטיקע יידן, ווי ר׳ ישראל און ר׳ פנחס, וועלכע זענען געווען גוט באַקאַנט אין שטאָט. אויך אַנדערע פרומע יידן האָבן אויסגעאַרבעט בתים. אָט דאָס אַלץ זענען געווען קוואַלן פון וועלכע טיסמעניצער יידן האָבן געשעפּט זייער חיונה.

און איצט עפּעס וועגן די קרעדיט־אַנשטאַלטן, אין וועלכע די טיסמעניצער

סוחרים און האַנטווערקער האָבן זיך גענויטיקט, כדי זיך צו האַלטן אויף דער אויבערפלאַך. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אין טיסמעניץ עקזיסטירט דריי קרעדיט־בענק: טעהנענס פריוואַטע באַנק, אַן אוקראַאינישע „קאַסאַ וויעראַ" און אַ פוילישע: „יעדנאַשטש". טעהנענס פריוואַט־באַנק האָט געהערט צו אַ רייכער יידישער משפחה, וואָס האָט אויך אין ווין געהאַט אַן אייגענע באַנק. די דאָזיקע משפחה איז געווען אַ שותף צו אַ גרויסער שיפס־געזעלשאַפט. דאָס גרעסטע דריי־שטאָקיקע הויז אין טיסמעניץ האָט געהערט צו דער משפחה טעהנענס. רייזעלע טעהנענס איז געווען באַרימט אין טיסמעניץ מיט איר צדקה, וואָס זי פלעג געבן ביד רחבה פאַר אָרעמע כלות און פאַר אָרעמע יידישע משפחות בכלל. אויסער טעהנענס פריוואַטע באַנק האָבן אין טיסמעניץ עקזיסטירט אַ גמילת־חסדים־קאַסע און אַ ליי־קאַסעביים פאַראיין פון „אהבת חסד", וואָס פלעגן צוטיילן אַנפּראָצענטיקע קלענערע הלוואות פאַר די נישט־פאַרמעגלעכע סוחרים און פאַר די האַנטווערקער.

דאָס בילד פון די יידישע פּרנסות אין טיסמעניץ ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה וועט נישט זיין גאַנץ אויב איך וועל נישט דערמאָנען אויף די צוויי וואַסער־טרעגערס: ברוך דער רויטער און ברוך דער שוואַרצער. אָט די צוויי יידן האָבן אַרומגעפירט וואַסער אין אַ פאַס אויף אַ פערד־און־וואָגן און געטיילט עמערס וואַסער אין יידישע שטובן פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל. דאָס זענען געווען יידן מיט באָרד־און־פאות, די הלבשה זייערע בעתן פירן דאָס וואַסער איז געווען: ברייטע, לאַנגע הויזן, אַריינגעלאָזט אין גרויסע שטיוול אויף זייערע פיס, אַ קורצער, גראָבער שפּענצער און אַ קאַשקעט אויפן קאָפּ. זייער שווער איז געווען זייער אַרבעט אין די ווינטער־חדשים. די הענט זענען געשוואָלן געוואָרן ביי זיי פון קעלט, די הויט פון די הענט רויט און געפּלאַצט פון פראָסט, פון באָרד און פאות זענען אַראָפּגעהאָנגען אייז־צעפּלעך. — אַ שווער לעבן, אָבער אַן ערלעכס...

האנדל און מלאכה אין טיסמעניץ
נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה (1918—1939)

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען כמעט אַלע יידישע געשעפטן און וואַרשטאַטן געווען פאַרברענט און אויסגערויבט. אַ גרויסער טייל פון די סוחרים, באַזונדערס די רייכערע, וואָס זענען געהאַט אַוועק פון שטאָט, האָבן זיך נישט צוריקגעקערט. כמעט די גאַנצע ווירטשאַפט איז געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. די בעלי־מלאכות האָבן נישט געהאַט קיין רוישטאָפן און אויך נישט קיין אַרבעט. די סוחרים האָבן נישט געהאַט קיין קאַפּיטאַל און אויך נישט קיין סחורות. אַזוי האָט זיך די לאַגע געשטאַלטעט אין משך פון די ערשטע עטלעכע יאָרן. ווען די ווירטשאַפטלעכע לאַגע האָט זיך אויפסנייַ אַ באַוועג־געטאָן צו אַ געוויסער סטאַביליטעט, ווען אי די סוחרים, אי די האַנטווערקער האָבן שוין אָנגעהויבן ווירקן לטובת דער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע אין שטאָט, האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּפילן די שווערע שטייער־לאַסטן. ווי: פּאַטענטן־אָפּצאָל, אומזאַץ־שטייערן, הכנסה־שטייערן א.אַ. דאָס האָט שטאַרק באַלעסטיקט די יידישע באַפעלקערונג. צו דעם איז נאָך צוגעקומען די קאָנקורענץ פון די האַנדלס־קאָאָפּעראַטיוון אין די דערפער, וועלכע האָבן אויפגעקויפט ביי די פויערים זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן און גלייכצייטיק פאַרקויפט אַלץ, וואָס איז די פויערים נויטיק געווען פאַר זייער דאָרפישער ווירטשאַפט. דאָס איז געווען אַ זייער פילבאַרע קאָנקורענץ לגבי די יידישע סוחרים און האַנטווערקער אין שטאָט. מיט דער צייט האָט זיך דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט דאָך סטאַביליזירט. דער מסחר מיט לאָם־פעל האָט זיך אויפסנייַ אָנגעהויבן. קיין טיסמעניץ איז אָנגעקומען די משפחה קרייניס, וואָס האָט אָפּגעקויפט די געביידעס פון דער געוועזענער לעדער־גאַרבעריי, צוגעבויט נייע געביידעס פאַר דער גאַרבעריי, אַראָפּגעבראַכט נייע מאָדערנע מאַשינען און אָנגעהויבן די פּראָדוקציע. די גאַרבעריי האָט באַשעפטיקט אַן ערך 70 מענטשן, דאַרונטער אַ גאַנץ באַדייטנדיקע, אין יענע באַדינגונגען, צאָל יידן. אויך משה קאָרן מיט זיין זון בערל ז״ל, וועלכע זענען געווען גוט באַקאַנט אין דער דאַזיקער בראַנזשע, האָבן אין ביעליץ אָנגעהויבן פּראָדוצירן די זעלבע אויסאַרבעטונגען און דערביי באַשעפטיקט אַ סך יידן פון טיסמעניץ. טאָג־טעגלעך

זענען קיין טיסמעניץ אַראָפּגעקומען סוחרים פון פיל שטעט אין פוילן און אויפ־געקויפט אויסגעאַרבעטע און פאַראײדלטע לאָם־פעל. אויסער דעם האָבן די צוויי גרויסע יידישע פירמעס אַרויסגעשיקט פיל פון זייער פּראָדוקציע קיין וואַרשע, ווו זיי האָבן געהאַט פאַרקויף־לאַגערן פון לאָם־פעל. די רויע פעל פלעגן די סוחרים אַראָפּברענגען פון רומעניע און בולגאַריע.

משה קאָרן איז אויך באַקאַנט געווען אין גאַנץ פוילן מיט זיין פּראָדוצירן די א.ג. זאַקאָפּאַנע־פעלצלעך, אויף וועלכע ס'איז געווען אַ גרויסע נאָכפראַגע אין גאַנץ פוילן. אויסער דעם גרויסן האַנדל פון די דערמאָנטע צוויי פירמעס, האָבן אַלע יידישע קירזשנער געשאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט פּראָדוצירט „זאַקאָפּאַנע־פעלצלעך" און קוטשמעס, ווי אויך אויסגעאַיידלטע לאָם־פעל. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט געזוכט באַקוועמע איינקויף־ און אָפּזאַץ־מערק, ווו מ'קען גוט פאַרדינען, כדי צו קענען זיין קאָנקורענץ־פעיק לגבי די צוויי גרויסע יידישע פירמעס. ס'רוב רוי־מאַטעריאַל האָט דער קאָאָפּעראַטיוו איינגעקויפט אין רומעניע.

פון די גרעסערע אַרטיקע פּריוואַטע פירמעס אין דער בראַנזשע האָט זיך אַרויסגערוקט ישראל פליקער, וואָס האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן אין קאָאָפּעראַטיוו. ער האָט בעאַרבעט לאָם־פעל אויף דעמבענע קאָרע. אַ דאַנק דער מעטאָדע איז דאָס לעדער געווען ברוין און איידעלער. פון אַזאַ לעדער האָט ער אויסגעאַרבעט הויזן, הענטשקעס און רייזע־פעלצן, מיטן לעדער פון אויסערן. אויף זיין פּראָ־דוקציע איז געווען א גרויסע נאָכפראַגע. ער האָט אָבער זיין וואַרשטאַט נישט פאַרגרעסערט, נישט אָנגענומען קיין פרעמדע אַרבעטער, כדי מ'זאָל זיך ביי אים נישט דערוויסן דעם סוד פון זיין לעדער־אויסאַרבעטונג. אין דער קאָנפעקציע־בראַנזשע האָט מיין פאָטער מיט זיינע צוויי זין, בערל און אברהם, ווייטער אויס־געאַרבעט די פעלץ־מאַנטלען פאַרן פערסאָנאַל פון דער באַן־דירעקציע און אויך די מונדירן פאַר דער שטודירנדיקער יוגנט. אויסער דעם האָבן זיי אויך פּראָדוצירט קינדער־מלבושים. אין דער פּראָדוקציע פון די מאַנטלען פאַר דער באַן־דירעקציע האָבן מיט מיין פאָטער אויך מיטגעאַרבעט די וואַרשטאַטן פון מיין פעטער, לייב בלאָנד און דער שוין אונדז באַקאַנטער — יענקל צייכנער.

אין יאָר 1928 האָט די גרויסע פאַבריק, וואָס איז געווען דער הויפּט־קאָנ־טראַקטער מיט דער באַן־דירעקציע, באַנקראָטירט. די אַרבעט פאַר דער באַן־דירעקציע אין טיסמעניץ איז איבערגעריסן געוואָרן דעפיניטיוו. אַ סך טיסמעניצער יידן האָבן פאַרלוירן די אַרבעט און ממילא אויך די פרנסה.

אין יאָר 1928 איז, מיט דער הילף פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון די

ציונים כלליים געגרינדעט געוואָרן אַן אַלגעמיינער סוחרים־פאַראיין, בראש פון וועלכן ס׳איז געשטאַנען יוסף מערפעלד (פאַרזיצער) און דער שרייבער פון די שורות, שלמה בלאַנד (סעקרעטאַר). די פאַרוואַלטונג פונעם פאַראיין האָט געהאַט די אויפגאַבע צו שיצן די אינטערעסן פון די פאַראיינס־מיטגלידער ביי די באַרופענע קאָמונאַלע און רעגירונגס־אָרגאַנען און זאָרגן פאַר זייער קיום. אין זעלבן יאָר איז דורכן סוחרים־פאַראיין געגרינדעט געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיווע באַנק, וואָס האָט דורכגעפירט אַלערליי באַנק־אָפּעראַציעס פאַר זיינע מיטגלידער און אויך צוגעטיילט, פאַר די מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך געוניטיקט, הלוואות ביז 1000 זלאָטעס, וואָס איז, אין יענע צייטן, געווען אַ גאַנץ אַנגעזעענע סומע. די באַנק איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון דער צענטראַלער באַנק אין לעמבערג, בראש פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען ד״ר פישל ראַטענשטרייך. אין דער לייטונג פון דער באַנק אין טיסמעניץ זענען געווען: מערפעלד, ד״ר רייזלער, ברוך אוסטער און שלמה בלאַנד. אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע זענען אריין: שלמה פישער, אַלס פאַרזיצער; יעקב ציגלער; קאָפּל רובין און מנשה פישביין.

אין יאָר 1935 האָט זיך אויך געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיווע באַנק פאַר האַנט־ווערקער. אין טיסמעניץ האָט אויך עקזיסטירט אַ גמילות־חסדים־קאַסע, וואָס פלעג געבן הלוואות פאַר אָרעמע הענדלער און האַנטווערקער ביז 200 זלאָטעס. צו דער פאַרוואַלטונג האָבן געהערט: בערל קאָרן, אַלס פאַרזיצער; מיכאל מאַרקמאַן, וויצע־פאַרזיצער און די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער: ברוך זעעמאַן, שלמה בלאַנד און מנשה פישביין.

יד חרוצים

אין יאָר 1928 איז אין אונדזער שטאָט געגרינדעט געוואָרן אַ „יד חרוצים״־פאַראיין. די גרינדער זענען געווען: יצחק בוכהאָלטער; לייב שלום אונגער; אברהם צווירן און יעקב צייכנער. אַלס פאַרזיצער איז אויסגעוויילט געוואָרן אברהמ׳טשע צווירן. דער פאַראיין האָט זיך פאַרנומען מיט די ענינים פון די יידישע בעלי־מלאכות אין טיסמעניץ סיי אין דער שטאָטישער געמיינדע, סיי אין דער קהילה, און געפירט אויך אַ געוויסע סאָציאַלע טעטיקייט. אין קאָנטאַקט מיט „יד חרוצים״ איז געווען דינר „התאחדות״ און געווירקט אַז די מיטגלידער פון „יד חרוצים״ זאָלן צוגעצויגן ווערן צו ציוניסטישער טעטיקייט.

די שאפער פון א מעמד פרנסה פאר יידן אין טיסמעניץ

איך האַלט פאַר מיין חוב צו פאַראייביקן די נעמען פון יידן, וואָס האָבן מיט זייער אונטערנעמונגס־גייסט געשאַפן חיונה־מעגלעכקייטן פאַר אַ באַדייטנדיקער צאָל יידן אין טיסמעניץ. די אַלע, וואָס האָבן מיט זייער ענערגיע פיל בייגעטראָגן צו דערווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט בכלל און געווען די פרנסה־געבער פאַר זייערע אייגענע משפחות און אין אַ געוויסער מאָס אויך פאַר אַנדערע יידישע משפחות ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און לסוף געטיילט דעם גורל פונעם פאַרשניטענעם 6־מיליאָניקן יידישן פאָלק, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציישע מערדער.

1. **טעקסטיל־בראַנזשע:**

לעאָן בלאַנד און זון יאָסע
מנשה שטענגעל
דוד באַראָן
פנחס גאַטעסמאַן
שמואל שאַפער
אברהמ׳טשע שטריק
און זיין שוואָגער
מאָטל קוק
מרים גאַטעסמאַן־האָראָוויץ
מוניע פייער
גרשון קאַרגער
שרה זאַמלער און איידעם
יוסף און חיה׳קע לוסטיג
יאָסל לוסטיג

2. **לעדער־בראַנזשע:**

שמעון פעדער און גיטל לוסטיג
מונדזשע פראָוויזאָר
דוד פעדער
לייזער פעדער
מענדל קערן

3. **לאָם־פעל־בראַנזשע:**

בנימין קריינים
חיים קריינים
משה און בערל קאָרן
מלכה קריינים,
(אלמנה פון יצחק קריינים)
יוזע זאָמער

4. **שפייז־הענדלער:**

יענקל שטום
ישראל משה שטום
רחל שטום (אלמנה)
יהושע איוואַניער
פיניע שטום
שלמה, יאָסיע פישער
יוזעף מענדעל

ט י ס מ נ י ץ

רויזע שראַגער

(אלמנה פון בראַטמאַן)

אורציע פליקער

פייוויש סטרעטינער

אלי בער בוכהאַלטער

ראובן ברויט מיט אַ שוואָגער

הירש בינעם פרידבערג

שלום בראַון

הירש בראַון

פייוול ליבערמאַן

5. **גאַלאַנטעריע :**

מענדל קערען

אריה ערליך

מיכאל מאַרקמאַן

איציק שיינער

מוניע שפיגעל

6. **אייזן־בראַנזשע :**

ברוך אוסטער

מיכאל־פייוול און יענקל גרייף

יענקל וואַקס

שלמה לונענפעלד

7. **פאַרבן און כעמישע אַרטיקלען :**

זיגמונד פישער

8. **ברעטער און הייץ־מאַטעריאַל :**

יעקב ציגלער

הירש קנאַל

משה פיסטרייך

יעקב פוסטרייך

9. **פאַרצעליי־געשיר :**

נעכע קנאָפּ

באָבע בערגער — (באָבע גאַניעס)

10. **וואַל־עקספּאָרט — וואַל־רייניקן :**

לייזער מאַרגוליעס

ישראל מאַרגוליעס

וועלוול מאַרגוליעס

11. **קצבים :**

איציק קוק

עזריאל קוק

משה פסח צווירן

בוזיע צווירן

זישע מאיר פראַוויזאָר

יאָסל לוסטגאַרטן

משה היבשמאַן

12. **געפליגל, אייער־מסחר**
און מילך־פּראָדוקטן

חנה בענצער

איטשע הוט

הירש זינגער

חיים לייבוש זינגער

לעאָן האַלפּערן

הירש האַראַוויץ

נחום פישמאַן

אברהם שינדלער

(חייצקעס איידעם)

דבורה שנער

13. **קאַלך און גיפּס־מסחר :**

אברהמ׳טשע צוקערקאַנדל

14. **תבואה־סוחרים:**
מענדל בערגער
משה שערף (די משפחה שערף)
אברהמ'טשע צוקערקאַנדל

15. **פערד־סוחרים:**
אַלי קוק
שמואל קוק
אברהמ'טשע וויינער
חיים זילבער און זון
לייב פישביין
הירש קוק
ברוך צווירן

16. **פיהענדלער און מעקלער:**
איציק קוק
יענקל קוק
מעכעל ראַט
לייב יוסף אוסטער
הירש האַראַוויץ
זכריה קנאָפּ
לייבוש קאָדער
איציק שיינער
יענקל דירינגער

17. **סאָדע־וואַסער פאַבריקלער:**
פידזשע קריגעל
ברידער אברהמט'שע
און וואַלטשע גאַסטער

18. **אַליאַרניעס:**
אברהמ'ל קאַדיש
איטשע קנאָפּ
מאיר זיסע פראַוויזער
גיטיל הוט
ניסען

19. **דאָקטוירים און דענטיסטן:**
ד"ר ...(שעפס איידעם)
מאַקס אַללווייל (דענטיסט)
העסי פישביין (דענטיסטין)

20. **אַדוואָקאַטן:**
ד"ר פיכמאַן
ד"ר וויירויך
ד"ר מאַן (געוועזענער ריכטער)

21. **אַפּטייקערס:**
די פרוי פון ה' גאָלדבערג (אלמנה)

22. **לערער און דערציער:**
וויינפריינד
פרוי העפּטער
ישראל אודעלסמאַן

23. **רעסטאָראַטאָרן**
דאָרע זאַמער — פליקער שמואל
צוקערבערג
יענקל שיינער
שאַכנע שטענגעל
שרה זאַנד־שטענגעל
יאָסיע און שיע סאַפראַן
באָבטשע שפּונד־צוויבאַק
אנצעל רונדער
איציק־לייב און יאָסיע ריצער
טייכבערג

24. **שניידערס:**
לייב בלאַנד
לייב שלום אונגער
חיים (טוטקע) אונגער
דוד האַגער
קיווע ליכטנשטראַל
יענקל צייכנער
אַשר זיפּלינגער
מיילעך אונגער
לייב רובין
שלמה עבענשטיין
פּיניע גוטענפּלאַן
בערל קעלער
שמואל פּאַפּיק
יונה קערן
אייזיק מייזעלעס (ציפּצאַק)
לוזער שטענגעל
בעל־שם מייזעלס
צווי שוועסטער — דירינגער
יאָסל בעל־שם —מייזעלס

25. **שוסטערס:**
אברהמ׳טשע צווירן
אהרן גאָלדבערג
אליעזר (לייזער) גאָלדבערג
לייב גאָלדבערג
אופער (בוטשעווער שוסטער)
דוד ווייסבערג

26. **סטאָליאַרעס:**
חיים אוסטער
אליעזר (לייזער) אדלער

27. **פּריזיערס:**
מנשה שטענגעל
מנשה פישביין
פּאַויל קערנער
בוני מעסער
זיסיע קעלער
יענקל זילבער

28. **קירזשנערס:**
הירש לייב פליקער
איציק פליקער (דיבעק)
בערל פליקער
וואָלף פליקער
לייב יואל פליקער
חיים פליקער
יצחק פליקער
ישראל פליקער
נתן פליקער
גדליה ווערבאַטע
זלמן יאָסי ראָטמאַן
מרדכי איציק קערען
איציק בוכהאָלטער
חיים בוכהאָלטער
יורציע דעמערער
ישראל ראָטמאַן
אהרן שטענגעל
לייבוש קערען
הירש גלאָצער
קאָפּל רובין
לייב אייכלער (דער לאַנגער)
בנימין אייכלער

29. **בלעכערס:**
יענקל שראַטער
לייב עלענבערג
נוטע סאַפראַן
שמואל עבענשטיין
בצלאל (צלאל) שטענגעל

30. **שלאָסערס:**
ישראל זאַנד
שלמה פליקער
אפרים סטראַטינער
מאיר רונדער

31. **זייגערמאַכערס:**
הירש פלעסער

32. **גלעזערס:**
אריה ערליך
לושע ערליך
מענדל ערליך
פייוול ברעכער

33. **פאַפירענע בייטלען:**
לוביצקע

34. **בעקערס:**
יענקל גראַך
ישריל דאַלבערג

35. **שטריקמאַכערס:**
לייב שאַמעש

36. **בעל־עגלות און דראָזשקאַזשעס:**
ישראל פישביין
פישל ראַטער
אהרן דער קרומער
בערל העניגסבערג
לייב קוק (פומע)
לייב קעלער
זיסיע קעלער
יאָסל קוטשער
חיים פישביין

37. **באַמטע און אַנגעשטעלטע:**
דוד אורמאַן
בעבע פאַפער
יאָנאַס פאַפער
עליע שוואַך
יאָסיע לערנער
עלזע קנאַל
הודיע אודעלסמאַן
ווייזענפריינד (נאָטאַר)
נתן אודעלסמאַן
חיה קנאָפּ
מעסיע קאָדער
שמואל קעלער (געמיינדע)
דוד פעטלורע
אויערבאַך (לאַנדווירט)
בערייש (לאַפּטאַש)
מאיר קאַמערלינג
הירש לוסטיג
פייסיע לוסטגאַרטען
מייזעלעס שלמה (ציפּצאַק)

38. **אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס:**

משה אודעלסמאַן
חנה שיסעל
ברוך זעעמאַן (רענטיסט)
העפּטער (רענטיסט)
גיטל לוסטגאַרטן
שיינדל עבענשטיין
רויזע קוק
רחל פריידע פליקער
נחמה גראָב
איציע זעליג פינקעלשטיין
ווייזענפריינד
דבורה מאָרדער

מיין מאַרטירער וועג אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (1939—1944)

ביים אויסברוך פון קריג, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, האָב איך, מיט מיין פרוי און קינדער, געלעבט אין טאַרנאָוו. דעם 5־טן סעפּטעמבער, ווען די דייטשן האָבן שטאַרק באָמבאַרדירט די שטאָט, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע פּאַניק צווישן דער באַפעלקערונג און טויזנטער מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן פון שטאָט. פאַרשטייט זיך, אַז וועגן עפּעס אַ לאָקאַמאָציע איז קיין רייד נישט געווען. דער שאָסיי קיין דעמביץ אין דער ריכטונג פון לעמבערג איז געווען פאַרשטאָפּט פון מענטשן און פון אַנטלויפנדיקן פּוילישן מיליטער. איך, מיט מיין פרוי און צוויי קינדער (בוניו 16 יאָר אַלט און יוסף 10 יאָר אַלט) זענען אויך אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון דער זעלבער פּאַניק. מיר האָבן איבערגעלאָזט אונדזער באַשיידן האָב־און־גוטס און מיט אַ ביסל וועש און מלבושים און צוויי רוקזעק אויף די פּלייצעס (דעם גרעסערן רוקזאַק האָב איך געטראָגן, דעם קלענערן — אונדזער עלטערער זון), האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ וואַנדערונג. נאָכן שלעפּן זיך אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין דעמביץ, וואָס איז שוין געלעגן אין חורבות. די דייטשע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען זענען געווען פלינקער פון אונדז. מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שטאָט אָן איינוווינער און אויף געוועזענע גאַסן פול שטיינער פון די איינגעפאַלענע ווענט און גלאָז פון די פענצטער. מיר זענען דאַריבער אַוועק אויף די פעלדער אויסער דער שטאָט און דאָרט געזוכט אַ באַהעלטעניש. אַזוי האָבן מיר זיך שוין אויפגעפירט אַלע טעג פון אונדזער וואַנדערונג — בייטאָג זיך אויסבאַהאַלטן פון די דייטשע עראָפּלאַנען און ביינאַכט געוואַנדערט. מ׳האָט געמוזט אונטערהונגערן, וואָרעם בלויז אין דאָרף האָט מען אַמאָל, פאַר אַ טייערן פּרייז געקאָנט עפּעס באַקומען צום עסן. מיר האָבן זיך דאָך דערשלאָגן קיין פּשעמישל, וואָס האָט זיך שוין אויך געפונען אונטערן האַגל פון באָמבעס, מיט וועלכע די דייטשע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען האָבן באַשאָטן די שטאָט. אויף פון דאָנען זענען די מענטשן אַנטלאָפן און מיר צוזאַמען מיט זיי. געלאָפן איז מען אין דער ריכטונג פון דער בריק אויפן טייך סאַן. די בריק אָבער איז שוין געווען דעמאָלט צעשטערט. אויף דער צווייטער זייט פון סאַן האָבן זיך פּוסגייער אַריבערבאַקומען אויף אַ פּאָנטאָן־בריק. דאָ האָבן

פוילישע מיליטערישע קאָנוואָיען צונויפגעזאַמלט אַלע ציווילע מענער און זיי אַוועקגעפירט אויף אַ זאַמלפונקט, וווהין אויך איך בין פאַרשלעפּט געוואָרן. מיט מיין פרוי און קינדער האָב איך געהאַט פריער אָפּגערעדט, אַז זיי דאַרפן וואַרטן אויף מיר ביז ביינאַכט, אויפן זעלבן אָרט פון וואַנען מ׳האָט מיך גענומען. אויב ביז דאַן וועל איך נישט זיין צוריק, דאַרפן זיי זיך לאָזן קיין לעמבערג, ווו זיי וועלן זיכער באַקומען הילף פון נאָענטע חברים, כדי צו גרייכן ביז סטאַניסלאַוו און פון דאָרט קיין טיסמעניץ צו אונדזער משפחה.

פון דעם דערמאָנטן זאַמלפונקט האָט מען מיך נאָך דעם זעלבן טאָג אָפּגעלאָזט, ווייל לויט מיין עלטער בין איך שוין נישט אַרונטערגעפאַלן דער מיליטער־פליכט. מיין פרוי און קינדער האָב איך נאָך טאַקע געטראָפן אויפן זעלבן אָרט ווי מיר האָבן עס פריער אָפּגערעדט. מיר האָבן אויפסניי אָנגעהויבן וואַנדערן, און לסוף זיך דערשלאָגן קיין לעמבערג. דאָ האָבן מיר זיך דערשלעפּט צו דער דירה פון מיין חבר יעקב לונענפעלד. אויפגענומען האָט אונדז זיין פרוי ווייל ער איז געווען מאָביליזירט. ערשט דאָ האָבן מיר זיך אַרומגעוואַשן, געטוישט דאָס וועש, אָפּגערוט אונדזערע אויסגעמאַטערטע פיס, מידע פון צוויי־טאָגיקן וואַנדערן. די שטאָט איז געווען באַלאַגערט מיט פויליש מיליטער, וואָס האָט געפירט אַן אַרטי־לעריע־קאַמף מיט די דייטשע מיליטערישע קאָלאָנעס, וואָס האָבן זיך געפונען נאָענט פון שטאָט. שווער איז געווען און אויך געפערלעך זיך אַרויסצובאַקומען פון שטאָט. מיר האָבן זיך דאָך אַדורכגעשלאָגן די גרענעצן פון שטאָט און אָנגעקומען אין עפּעס אַ נאָענט דאָרף, וווהין דער וועג איז געווען אַ פרייער. ביז כאַדאַראָוו האָבן מיר זיך דערשלאָגן צופוס און פון דאָרט — מיט אַ משא־צוג קיין סטאַניסלאַוו. דאָס איז געווען שוין דער צווייטער טאָג פון ראש־השנה. די ערשטע טיר וואָס האָט זיך פאַר אונדז דאָ געעפנט איז געווען אין שטוב פון מיין פעטער פנחס פיסטרייך, ווו מיר האָבן זיך אָפּגערוט, אין משך פון גאַנצן טאָג. קיין טלומאַץ האָבן מיר שוין פּרובירט זיך אַריינבאַקומען מיט דער באַן. ביים איבערשטייגן פון צוג אויף צוג, וואָס זענען געווען איבערפולט מיט פאַרשידענע פּליטים, האָט מיין עלטערער זון פאַרלוירן דעם רוקזאַק, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיינע יונגע פּלייצעס אין משך פון 2 וואָכן, דורכוואַנדערנדיק דערמיט העכער 400 קילאָמעטער. אָפּגעפינען די אבידה אין דעם שרעקלעכן מענטשן געדראַנג אין די וואַגאָנען, איז געווען אויסגעשלאָסן. מיר האָבן דעמאָלט פאַרלוירן סיי אונדזערע פּערזענלעכע דאָקומענטן, סיי די ווערטפולע חפצים. מיר זענען געבליבן אָן שום מיטלען צום לעבן און אָן שום געלט. מר האָבן אָבער זיך דאָך דערשלאָגן צום דאָרף יאַקאָווקאַ, ווו מיין

פרויס מוטער מיט אירע זין האָבן געהאַט אַן אייגענע לאַנדווירטשאַפט. דאָ האָבן מיר געהאַט אַ שטיקל מקום מנוחה אויף אייניקע טעג, ביז ס'האָט אַריינמאַרשירט די רויטע אַרמיי. די געפילן ביי די איינוווינער דאָ זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע. די קאָמוניסטן האָבן זיך געפרייט און אַלע איבעריקע יידן און נישט־יידן זענען באַהערשט געוואָרן פון אַ פחד־געפיל. איך מיט מיין פרוי און קינדער זענען אַוועק אין שטעטל טלאָמאַץ, ווו איך האָב געהאַט אַ סך פריינד און גוטע חברים נאָך פון די יאָרן, ווען איך האָב דאָרט געלערנט אין גימנאַזיע. דאָרט, האָב איך געגלויבט, וועל איך האָבן די געהעריקע הילף ביים איינאָרדנען זיך. מיינע האָפנונגען האָבן מיך נישט פאַרפירט. דאָ האָב איך טאַקע שנעל באַקומען אַרבעט אין אַ שטאַטישן קאָאָפּעראַטיוו אַלס בוכהאַלטער. דאָס איז געווען אַ האַנדלס־קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט איבערגענומען דעם גאַנצן האַנדל פון אַלע פאַכן אין שטאָט. דאָס לעבן אין טלאָמאַץ האָט זיך אָנגעהויבן סטאַביליזירן. צוליב דער נאַציאָנאַליזאַציע פון די געשעפטן און אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, זענען אַ סך יידישע משפחות פאַרבליבן אָן פרנסה. מיינע זין האָבן, ווי נאָר די שולן זענען געעפנט געוואָרן, אָנגעהויבן ממשיך זיין זייער לערנען אין אַ מיטלשול און איך האָב אָנגעבונדן אַ בריוו־קאָנטאַקט מיט מיין מוטער און ברודער, וועלכע האָבן דעמאָלט געוווינט אין טאַרנאָוו, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. גענוי, ווי עס לעבט זיך זיי דאָרט האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט שרייבן. פון זייער בקשה, אַז מיר זאָלן זיי שיקן לעבנסמיטלען, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע זייערע איז אַ שווערע. בייקומענדיק די ערנסטע שוועריקייטן האָבן מיר זייער בקשה דערפילט.

אָנהויב זומער 1940 בין איך אויפגעפאָדערט געוואָרן זיך צו מעלדן אין נ.ק.וו.ד. געווען איז דאָס אין אַ צייט, ווען פוילישע קאָלאָניסטן, נאַציאָנאַליזירטע יידן, און בכלל פליטים, וואָס האָבן זיך געמאָלדן צוריקצופאָרן קיין פוילן, זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין רוסלאַנד. הגם איך בין געווען באַהערשט פון פחד, האָב איך זיך דאָך צוגעשטעלט אין באַשטימטן טערמין. געווען איז דאָס (דעם טאָג געדענק איך נישט) 8 אַזייגער אין אָוונט. אויפגענומען האָט מיך אַ פאָליציי־אָפיציר, וואָס האָט מיר באַפוילן זיך זעצן קעגנאיבער אים ביים טיש. איך, פאַרשטענדלעך, האָב זיין באַפעל אויסגעפירט. ער האָט תיכף אַרויסגעצויגן פון שופלאָד אַ טעקע און אָנגעהויבן לייענען מיין ביאָגראַפיע. מיט אַ ספּעציעלער באַטאָנונג האָט ער אַרויסגעלייענט, אַז מיין פאָטער איז געווען אַ פאַבריקאַנט, אויסגענוצט פרעמדע אַרבעט און עקספּלואַטירט מענטשן. נאָכדעם האָט ער אָנגע־

הויבן מיטן זעלבן אייפער לייענען וועגן מיין ציוניסטישער פאַרגאַנגענהייט אין טיסמעניץ, ווי אויך מיין „חשיבות" אין פריצישן פוילן, ווו איך האָב אַפילו געהאַט דאָס רעכט צו טראָגן הייס געווער (אַזאַ רעכט האָב איך פאַקטיש געהאַט, אָבער אַלס לייטער פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַנק אין טיסמעניץ). צוויי מאָל האָט ער מיך געלאָזט זיצן אַליין אין זיין צימער, איבערלאָזנדיק די אַקטן ליגן אויפן טיש. איך האָב זיי אַפילו נישט פרובירט אָנרירן. געהאַלטן האָט מען מיך ביז איינס אַזייגער ביינאַכט. אין משך פון די עטלעכע שעה האָב איך געמוזט צוויי מאָל אייגנהענטיק אָנשרייבן מיין ביאָגראַפיע. אין אַ געוויסן מאָמענט איז ער אַריינגעקומען מיט נאָך עפּעס אַן אָפיציר פון דער נ.ק.וו.ד. און אים הויך געפרעגט אויף רוסיש: „וואָס זאָל איך מאַכן מיט אָט דעם ,סוואָלאָטש'"? — „ראַזסטרעליאַט!" איז געווען יענעמס ענטפער. איך האָב באַקומען מוט און נאָך אַ לענגער שווייגן האָב איך געזאָגט: איך בין זיכער, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד דערשיסט מען נישט קיין מענטש אָן אַ געריכטס־אורטייל און איך האָב פולן צוטרוי צום געריכט אין ראַנטפאַרבאַנד, אַז עס וועט קיין אומשולדיקן מענטשן נישט פאַרמשפּטן. נאָך מיינע רייד האָב איך אויסגעהערט פאָלגענדיקע דערקלערונג (אין רוסיש, איך גיב זי איבער אין ייִדיש): „מיר, ווי דו האָסט שוין געהערט, ווייסן אַלץ וועגן דיין פאַרגאַנגענהייט. דיין פאַר־וואַלטער אָבער האָט געגעבן אַ גוטע מיינונג וועגן דיין אַרבעט אין קאָאָפּעראַטיוו און וועגן דיין אויפפירונג בכלל. מיר באַפרייען דיך און גיבן דיר אַ שאַנס. וועסטו ווייטער אַרבעטן געטריי און ערלעך אויספירן דיינע אויפגאַבן, וועסטו קענען אויך ווייטער זיצן רואיק און אַרבעטן". אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט בין איך אַהיים געקומען, טרעפנדיק מיין פאַמיליע וואַך און פאַרוויינט. איך האָב, נאַטירלעך, נישט דערציילט וואָס מיט מיר איז געשען, ווייל אַזאַ באַפעל האָב איך באַקומען פאַרן פאַרלאָזן דעם בנין פון דער נ.ק.וו.ד.

איך האָב ווייטער געאַרבעט אויף מיין פּאָסטן און אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט מיינע געוועזענע פריינד און חברים. אויך די נייע גוטע פריינד פון די לעצטע צייטן האָב איך אויסגעמיטן. מיין עלטערער זון האָט באַקומען מאַטורע און אָנגעהויבן שטודירן אין לעמבערגער פּאָליטעכניקום. דער יונגערער זון האָט ווייטער געלערנט אין גימנאַזיע. אַזוי האָט זיך געצויגן די לאַגע ביזן אויסברוך פון דער סאָוויעטיש־דייטשער מלחמה. ווען דאָס סאָוויעטישע מיליטער איז אַנטלאָפן פון אונדזער געביט, האָט מען מיר פאָרגעשלאָגן איך זאָל זיך עוואַקואירן קיין רוסלאַנד. איך האָב אויס־געדריקט מיין הסכמה. מיר האָבן אָבער געוואַרט אויפן עלטערן זון, וואָס האָט באַדאַרפט אָנקומען פון לעמבערג, כדי די גאַנצע פאַמיליע זאָל פאָרן צוזאַמען. מיר

האָבן דאַריבער פּאַרשפּעטיקט דעם טראַנספּאָרט און געבליבן אויפן אָרט. די דייטשן האָבן באַזעצט טלאָמאַץ און מיר האָבן זיך איבערגעטראָגן ווינען אין דאָרף יאַצקאָווקע, ווו עס האָט זיך געפונען א לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז אונדז געבליבן בירושה נאָכן שווערס טויט, וואָרעם אין טלאָמאַץ האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקלעכע רדיפות אויף יידן. מיר זענען געזעסן אין דאָרף און באַאַרבעט אונדזערע פעלדער, ווי אמתע פויערים. מיר האָבן אָבער, אַזוי ווי די יידן אין שטאָט, געמוזט טראָגן אַ ווייסן אַרעמבאַנד מיטן בלויען „מגן־דוד" אויף דער האַנט. מיר האָבן אויך געמוזט צאָלן אַלע פאַרפליכטונגען, וועלכע דער טלאָמאַצער יודענראַט האָט אויף אונדז אַרויפ־געלייגט. אין אַ געוויסן טאָג זענען מיר פאַרטריבן געוואָרן פון דאָרף אין געטאָ אריין, וואָס די דייטשן האָבן באַשטימט פאַר די יידן אין טלאָמאַץ. וואָס אן אמת זענען שוין אין טלאָמאַץ דעמאָלט געווען בלויז בערך צוויי הונדערט יידן. ס׳רוב יידן זענען שוין פון לאַנג געווען אַרויסגעפירט. געבליבן זענען בלויז די, וועלכע די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט צו אַרבעטן, ראָמען דאָס געטאָ און זיי צו באַדינען.ביידע זין מיינע זענען תיכף, נאָך אונדזער אָנקומען אין שטעטל, געכאַפּט געוואָרן, כלומרשט, צו אַרבעט, אַוועקגעפירט געוואָרן קיין סטאַניסלאַוו און דאָרט זענען זיי אומגעקומען צוזאַמען מיט אַנדערע הונדערטער יידן. נאָכן צונעמען פון אונדז די קינדער, בין איך מיט מיין ווייב, אַנטלאָפן פון געטאָ, געוואַנדערט און געוואָגלט פון אָרט צו אָרט ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין בוטשאַטש. דאָ האָבן אונדז די דייטשן געכאַפּט און געשיקט צו פאַרשידענע עבודת־פרך.

דאָס פאַרלירן ביידע קינדער, נישט וויסנדיק וועגן זייער גורל, די ווייטערדיקע אַקציעס אויף די יידן און די קאַטאָרזשנע אַרבעט אין לאַגער, האָבן פולשטענדיק צעשרויפט מיינע נערוון און מיך איינגעבראָכן גייסטיק און פיזיש. אין מערץ 1943 זענען מיר באַפרייט געוואָרן פון לאגער. ביז מיר זענען אָבער צוריקגעקומען קיין טלאָמאַץ האָבן דייטשע מיליטער־טרופּן אויפסניי פון דאָרט פאַרטריבן די רויטע אַרמיי און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער גיהנום. איך מיט מיין פרוי זענען אַוועק צו אַ געוויסן קזשעמינסקי, ביי וועלכן א טייל פון אונדזער משפחה האָט זיך נאָך פון פריער געהאט אויסבאַהאַלטן, און דארט זיך אויך אויסבאַהאַלטן ביז דער באַפרייונג, דעם 25־טן יולי 1944.

קיין גענויערע פרטים וועגן אונדזערע איבערלעבענישן אונטער דער נאַציִשער הערשאַפט בין איך נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן, וואָרעם עס איז איבער די כוחות פון מיינע ביז היינט נאָך אָפּגעשוואַכטע נערוון. פון דער באַהעלטעניש זענען מיר אַוועק קיין סטאַניסלאַוו און פון דאָרט קיין טאַרנאָוו (טאַרנע), ווו כ׳האָב אין יאָר

1946 געפונען אַ טאָכטער פון מיין עלטערן ברודער בערל. זי איז על־פי נס געבליבן לעבן און צוריקגעקומען פון אוישוויצער לאגער.

נאָכן קעלצער פּאָגראָם האָבן מיר פארלאָזט טאַרנאָוו און מיט דער באקאנטער „בריחה״ זענען מיר אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד, פון וואַנען מיר זענען אין יאָר 1948 אָנגעקומען קיין ישראל.

און וואָס איז פאָר דער צייט פון מיין פאַרלאָזן טיסמעניץ ביז דער באפרייונג פּאָרגעקומען דאָרטן? וועגן דעס וועל איך איבערגעבן לויט דער גבית־עדות פון אונדזער בן־עיר, יענקל פישביין (וואַרשע) אין ווייטערדיקן קאַפּיטל.

טיסמעניץ אונטער דער סאוויעטישער אקופאציע

טיסמעניץ ליגט אויפן וועג פוילן—רומעניע. שוין אין די ערשטע טעג פון סעפטעמבער 1939 האָבן די באזיגטע פוילישע אַרמייען אָנגעהויבן זייער בהלהדיק אַנטלויפן מיטן וועג פון טיסמעניצער שאָסיי, וואָס פירט ביז רומעניע. די צענטראַלע רעגירונגס־אָרגאַנען און אויך די אָרטיקע „שטאָט־טאָטעס״ זענען מיט דעם וועג עוואַקואירט געוואָרן קיין רומעניע. די טיסמעניצער יידישע באַפעלקערונג איז באַהערשט געוואָרן פון אַ שטאַרקן פחד. וואָס מער עס האָט זיך פאַרגרעסערט די פאַניק צווישן די אַנטלויפנדיקע, אַלץ מער האָט זיך געשטאַרקט דער אומרו צווישן די יידן אין שטאָט. אין גדעכעניש פון די עלטערע מענטשן און אויך פון די אין מיטעלע יאָרן, איז אויפגעקומען דאָס בילד פון די טראַגישע איבערלעבענישן אין יאָר 1914, ווען מיטן אָנקומען פון רוסישע מיליטער־איינהייטן האָט די היימישע און דאָרפישע באַפעלקערונג, זיך געוואָרפן אויף רויבן יידיש האָב און גוטס, ווי די פּעטלוראָווצעס האָבן גערויבט, געמאָרדעט און די יידן זענען אויסגעשטעלט געווען אויף דער הפקרות פון פּאָגראָמטשיקעס. א היפשער טייל פון דער יידישער באפעל־קערונג האָט אָנגעהויבן פּלאַנירן צו פאַרלאָזן טיסמעניץ און זיך עוואַקואירן קיין רוסלאַנד, עווענטועל — קיין רומעניע.

די שטימונג האָט זיך אָבער געענדערט, ווייל ס׳איז דערגאנגען צו אונדז אַ ידיעה וועגן דער דערקלערונג פון סאָוויעטישן אויסערן מיניסטער, מאָלאָטאָוו, אז דאָס סאָוויעטישע מיליטער וועט באַזעצן מזרח־גאַליציע. פאָרן אַריינמארש פון דער רויטער אַרמיי האָבן שוין אָרטיקע קאָמוניסטן אָנגעהויבן אַנטוואָפנען די לעצטע פוילישע זעלנער, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין שטאָט. אין די קעגנזייטיקע

שיסערייען זענען דערוויילן אומגעקומען אויך מענטשן פון דער ציווילער באפעל־קערונג. צווישן אנדערע איז דעמאָלט געפאַלן צלאל (בלעכער) שטענגעל.

די מאַכט אין שטאָט האָט איבערגענומען אַ קאָמיטעט, בראש פון וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ באַקאַנטער יידן־פריינד, דער קאָמוניסט, פיאָטר לעשעגאַ. אין געציילטע טעג ארום איז אָנגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד א שוין, ווייזט אויס פון פריער, באַשטימטע אַדמיניסטראַטיווע פארוואַלטונג און אויך אַ פארטיי־פארוואלטונג. ס׳איז תיכף ארויסגעגעבן געווארן אַ פאַראָרדנונג צו עפענען אַלע געשעפטן און וואַרשטאַטן און אָנהויבן פירן א נאָרמאַל לעבן אין שטאָט. ווי נאָר אָבער די געשעפטן האָבן זיך געעפנט זענען זיי באַלאַגערט געוואָרן פון קונים, ס׳רוב פון זיי זענען געווען סאָוויעטישע מיליטערלייט און ציווילע סאָוויעטישע באַאַמטע. אַלע געשעפטן פון אַלע מינים סחורות, זענען שנעל געבליבן ביי די ליידיקע פאָליצעס, ווייל ווו איינצוקויפן נייע סחורה האָבן די סוחרים נישט געהאַט. צו דעם איז גאר בקרוב אָנגעקומען די נאַציאָנאַליזאַציע פון די פאַבריקן, גרעסערע געשעפטן און וואַרשטאַטן וואָס האָבן על־פי רוב געהערט צו יידן. די אייגנטימער האָבן אויך געמוזט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן צו רעגירונגס־ און פאַרטיי־באַאַמטע, די וווינונגס־לאַגע איז געוואָרן אַ שווערע, באַזונדערס מיטן אָנקומען פון די אַנטלאָפענע יידישע משפחות פון פוילן און אפילו פון שכנותדיקן סטאַניסלאַוו, ווו עס האָט זיך אויך אָפּגעפילט דער גרויסער מאַנגל אין וווינונגען. די, ביי וועלכע די וווינונגען זענען אויך דאָרט קאָנפיסקירט געוואָרן, זענען געצוווּנגען געווען צו זוכן וווינונגען עווענטועל אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון אַזעלכע יידן איז געוואָרן זייער און זייער שווער, ווייל זיי האָבן קיין אַרבעט נישט געקאָנט באַקומען. זיי זענען געוואָרן געשטעמפלט אַלס „ספעקולאַנטן" און שפּעטער (אין די ערשטע חדשים פון יאר 1940) אַרויסגעשיקט קיין רוסלאַנד, צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע „ספעקולאַנטן" פון טיסמעניץ גופא. צווישן די ארויסגעשיקטע האָט זיך אויך געפונען די אייגנטימעריך פון דער אָרטיקער קירזשנער־פאַבריק, די אַלמנה קריינים מאַלע (מלכה) מיט אירע פיר טעכטער, וואָס האָבן דאָרט איבערגעלעבט די מלחמה־יאָרן און וווינען היינט אין ישראל. אין אַן עווענטועל בעסערער לאַגע האָבן זיך געפונען בעל־מלאכות און סתם יידן, וועמען ס׳איז געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין אונטערנעמונגען פון פאַרשידענע בראַנזשעס און אויך די אַנטשטאַנענע קאָאָפּעראַטיוון פון קירזש־נערס שוסטערס און שניידערס. אויך אין פאבריקן האָבן יידישע פרויען און מענער באַקומען אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן. אינטערעסאַנט איז אויך דער פאַל מיט בערל

קאָרן און יוזיע זאַמער, וואָס טראָץ דער נאַציאָנאַליזאַציע פון זייערע אונטערנעמונגען (גרויס־האַנדל מיט פעלצן), האָט מען זיי איבערגעלאָזט אין זייערע געוועזענע געשעפטן אַלס אַרבעטער. אויך אין דער פאַבריק פון אלמנה קריינים זענען ווייטער געבליבן אַרבעטן אייניקע מיטגלידער פון איר משפחה. קלענערע סוחרים און אויך רעסטאָראַטאָרן, וואָס האָבן ווייטער געפירט זייערע געשעפטן פריוואַט, האָבן אין אַ קורצער צייט אַרום געמוזט, צוליב די גרויסע שטייערן, וואָס איז אויף זיי ארויפגעלייגט געוואָרן, רעזיגנירן פון זייער זעלבשטענדיק פירן די געשעפטן. איך וויל דערביי באַמערקן, אַז דער שטייער־קאָמיסאַר, וואָס האָט אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף די פריוואַטע אונטערנעמער איז געווען אַ ייד פון ראַטנבאַרבאַנד.

שווער איז אויך געווען דאָס לעבן פון די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין רעגירונג־אינסטיטוציעס און אין די קאָאָפעראַטיוון, וואָרעם מען האָט זיי פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט פאַר דער אומאָרדנונג אין די אַמטן און פאַר די מאַנקאָס, וואָס די באַשטימטע סאָוויעטישע לייטערס האָבן גורם געווען אין די קאָאָפעראַטיוון.

אַ קרבן פון אַזאַ סיטואַציע איז געווען, דער אזוי גוט באַקאַנטער אין שטאָט, איידעלער און בכבודיקער, שמעון פעדער, וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און דעם סוד פון זיין טאַט מיטגענומען אין קבר אריין.

דאָס רעליגיעזע לעבן איז נישט צעשטערט געוואָרן. אין דער גרויסער שול האָבן יידן געדאַוונט אין אַלע טעג פון דער וואָך, חוץ שבת, ווען מען פלעגט אָפּריכטן די תפילות אין גרויסן בית־המדרש און ביים שטאָטישן רב יוסף האַגער זצ״ל. אפילו שחיטת־עופות און שחיטת־גסות אויף כשר איז דערלויבט געווען. דער רב און דער שוחט זענען אָבער געבליבן אָן פרנסה, ווייל די יידישע קהילה איז אויפגעלייזט געוואָרן. בלויז אייניקע בעלי־בתים האָבן זיי, לויט זייערע באַשיידענע מעגלעכקייטן, פינאַנסיעל געשטיצט.

דאָס יידישע פאָליטישע לעבן איז פאַראַליזשירט געוואָרן. אפילו די סאָציאַלע טעטיקייט איז איבערגעריסן געוואָרן און די געציילט מענטשן, וואָס האָבן יאָ עפּעס געטאָן אויף דעם געביט, האָבן עס געמוזט טאָן בסתר. א געוויסע צאָל יוגנטלעכע זענען געשיקט געוואָרן אויף געוויסע קוואַליפיקאַציע־קורסן און שפּעטער האָט מען זיי באַשעפטיקט ביי אַזעלכע אַרבעטן, וואָס זענען אין די פריערדיקע צייטן נישט געווען פאַר זיי צוטריטלעך, ווי: אין די באַן־וואַרשטאַטן, אויף דער באַן און פאָסט און אין רעגירונגס־אינסטיטוציעס. יוגנטלעכע זענען אריינגעצויגן געוואָרן אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „קאָמסאָמאָל”. דאָס האָט זיי אָפּגעצויגן פון דער טראַדיציאָנעלער דערציונג, וואָס זיי האָבן באַקומען אין זייערע היימען.

דאָס האָט גאַנץ אָפט דערפירט צו פאַמיליען־קאָנפליקטן, צווישן עלטערן און קינדער.

אַ גרויסע צאָל יונגע מענער האָבן זיך געלאָזט ווערבירן צו אַרבעטן אין „דאָנבאַס" און לסוף צוריקגעקומען פיזיש אויסגעשעפּטע. אַ געוויסער טייל יוגנטלעכע איז אריינגעטרעטן אין דער רויטער אַרמיי און אין אַרבעטס־באַטאַליאָנען. די יידישע באַפעלקערונג אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן צופּאַסן צום נייעם אַרט לעבן. אזוי האָט געדויערט ביזן אויסברוך פון דער סאָוויעטיש־דייטשער מלחמה (דעם 22־טן יוני 1941).

די שרעקלעכע ידיעה וועגן אויסברוך פון דער מלחמה האָט אַרויפגעוואָרפן אויף די טיסמעניצער יידן נייע זאָרגן און פחד צוליבן אנטיסעמיטיזם פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וואָס איז געדולדעט געוואָרן פון די סאָוויעטישע מאַכטהאָבער פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט די געפאַר וואָס האָט געדראָט מצד די נאַציס, אויב זיי וועלן אַריין אין שטאָט. ס'האָבן זיך אָבער נישט געפונען קיין מענטשן, וואָס זאָל אויפקלערן די יידן, אז זיי דאַרפן אויסנוצן די מעגלעכקייט פון עוואַקואַציע. הגם די סאָוויעטישע מאַכטאָרגאַנען האָבן געשטעלט צו דעם צוועק ספּעציעלע באַן־טראַנספּאָרטן. בלויז געציילטע יידישע משפחות און אויך יוגנטלעכע, וואס האָבן געהערט צום „קאָמסאָמאָל", האָבן אויסגענוצט די מעגלעכקייט און זיך יאָ עוואַקואירט. בעת דער עוואַקואַציע זענען אומגעקומען: שלמה לוסטיג, ד"ר פיכמאַן, שלמה האַראָוויץ — אַ באַקאַנטער יונגער קונסט־מאָלער, און אויך דער עלטסטער זון פון יענקל צייכנער.

דער סוף פון טיסמעניצער יידישן ישוב

(לויט גביית־עדות פון פישל פישביין, זון פון ישראל)

איך פערזענלעך בין אין טיסמעניצער געטאָ נישט געווען. איך וועל דאַריבער איבערגעבן, וואָס איך האָב אין יענע יאָרן געהערט פון געציילטע עדות פון יענער טראַגישער צייט, פון מענטשן וואָס זענען דעמאָלט אַנטלאָפן פון טיסמעניץ קיין טלאַמאַץ, אָדער קיין סטאַניסלאַוו, ווו איך האָב אין יענע גרויזאמע יאָרן געלעבט. קודם כל וועל איך איבערגעבן גראַד דאָס, וואָס כ'האָב געהערט ערשט דאָ אין ישראל פון פייטל פישביין (א זון פון ישראל פישביין). פישל פישביין האָט געוווינט אין טיסמעניצער געטאָ ביז דער ליקווידאַציע פון די דאָרטיקע יידן. פון דאָרט איז ער דעמאָלט (שוין אין די לעצטע מאָמענטן) אַנטלאָפן, באַנוצנדיק זיך מיט אַרישע דאָקומענטן אויפן נאָמען: איוואַן באַיטשוק (סימבאַליש וויל ער ביז היינט צו טאָג דעם נאָמען נישט ענדערן). לויט ער דערציילט, האָט דאָס סאָוויעטישע מיליטער פאַרלאָזט טיסמיניעץ אין דער צווייטער העלפט פון חודש יולי 1941 (גענוי וועלכן טאָג געדענקט ער נישט). צו ערשט זענען אריין אין שטאָט אונגאַרישע מיליטערישע איינהייטן, וואָס האָבן די יידן נישט געטאָן קיין שלעכטס. זיי האָבן בלויז פאַראָרדנט, אַז יידן דאַרפן טראָגן אויפן אָרעם אַ באַנד מיט געלע שטרייפן און אויספירן צוואַנגס־אַרבעט. די אונגארישע מיליטער־־איינהייטן האָבן מיטגעבראַכט אונגאריישע יידן, וואָס האָבן געהאַט פוילישע בירגערשאַפט. די טיסמעניצער יידן האָבן אויסגעטיילט זייער ביסל שפּייז אויך פאַר די אונגאַרישע פליטים. גאַנץ שנעל אָבער איז פאַראָרדנט געוואָרן, אַז די פאַרשלעפּטע יידן פון אונגאַרן, זאָלן איבערגעפירט ווערן קיין סטאַניסלאַוו. די פליכט איבערצופירן די יידן קיין סטאַניסלאַוו האָבן געמוזט אויספירן אייניקע טיסמעניצער יידישע בעל־עגלות. אויך זיי האָבן שוין פון סטאַניסלאַוו זיך מער נישט צוריקגעקערט.

אין אייניקע טעג אַרום איז אַראָפּגעקומען קיין טיסמעניץ דער געסטאַפּאָ־שעף פון סטאַניסלאַוו, צו וועלכן טיסמעניץ איז געוואָרן צוגעטיילט, קריגער און זיין פאַרטרעטער — מאַורער. אויסער די צוויי רוצחים פלעגן אויך אַנדערע אָפט באַזוכן די שטאָט און בעת די דאָזיקע באַזוכן געלאָזט נאָך זיך עטלעכע יידישע

קרבנות. זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ פּאָליציי־פּאָסטן פון אָרטיקע אוקראַינער און אויך אַ פונקט פון קרימינאַל־פּאָליציי, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון דייטשן. די ערשטע פּאַראָרדנונג זייערע איז געווען, אז אלע יידן אין עלטער פון 8 יאר אן זאָלן טראָגן אויפן לינקן אָרעם אַ ווייסן באַנד מיט א בלויעם מגן־דוד־צייכן. זיי האָבן נאָמינירט אַ יודענראַט און אָלס עלטעסטן — יעקב ציגלער. זיי האָבן אויך באַשטימט אַ יידישע אָרדנונגסדינסט און אָלס קאָמענדאַנט נאָמינירט אליהו בוכהאָלטער. אין אַ געוויסן טאָג (גענוי די דאטע געדענקט נישט דער עד־ראיה) האָט די אוקראַינישע פּאָליציי אַרעסטירט העכער צוויי צענדליק יידן, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען: שמואל פליקער, משה פסח צווירן, מנשה שטענגעל, מנשה פישביין, לייב בלאַנד, פייוול גרייף, ישראל אודעלסמאַן א. א. די אַרעסטירטע זענען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין סטאַניסלאַוו און פון דאָרט זיך שוין מער נישט אומגעקערט. די יידן פלעגן געכאַפּט ווערן צו פאַרשידענע אַרבעטן. די יידישע גרופּן צו צוואַנגס־אַרבעט פלעגן געפירט ווערן אין דער באַגלייטונג פון דער יידישער אָרדנונגסדינסט. דאָס באַוועגן זיך פון די יידן אין גאס איז געווען באַגרענעצט ביז א מינימום. געשטאַפּאָווצעס פון סטאַניסלאַוו פלעגן צוויי דריי מאָל אין וואָך באַזוכן טיסמעניץ און מיטנעמען מיט זיך עטלעכע יידן, אַפילו פרויען און קינדער, וואָס די אוקראַינישע פּאָליציי האָט פון פריער פאַר זיי צעגעגרייט, האָלטנדיק זיי אַרעסטירט אין בניין פון געריכט.

דעם 12־טן אָקטאָבער 1941 (הושענא־רבא) איז אין סטאַניסלאַוו דורכגעפירט געוואָרן אַ שחיטה אויף יידן. צווישן די אומגעקומענע זענען אויך געווען אַ סך טיסמעניצער יידן.

דאס געטא אין טיסמעניץ איז באַשטימט געוואָרן אייניקע טעג פאַר פסח 1942. דאָס געטאָ האָט אַרומגענומען אַ שטח פון בערך 350 מעטער די לענג און די ברייט — 300 מעטער. אנגעהויבן האָט זיך דאָס געטאָ ביים פּוילישן קלויסטער און זיך געצויגן אין מזרח זייט ביזן הויז פון אריה ערליך, איבערלאָזנדיג דעם גאנצן רינג־פּלאַץ אויסערן געטאָ. פון דאָרט אין דער ריכטונג פון מערב ביז קריינּיסעס (ליבליין) הויז. פון דאָרט האָט עס זיך געצויגן מיט דער באַן־גאס ביזן ליידיקן פּלאַץ אקעגן ד״ר בלומענבלאַטס הויז און ווידער צום פּוילישן קלויסטער ביז מערפעלדס (טעלא־טינסקיס) הויז. אַלע יידן, וואָס האָבן געוווינט אויסערן באַשטימטן געטאָ־שטח, האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען און זיך איבערטראָגן אופן געטאָ־שטח. דער יודענראַט האָט באַקומען אַן אָרט צום אַמטירן אין הויז פון אריה גלזר. דער יודענראַט האָט, טראָץ זיינע באַמיונגען, נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו העלפן די קראַנקע און הונגעריקע, אויסער מאַגערמילך פאַר פיצלעך קינדער און פאַר דער

גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג אַ באַגרענעצט ביסל שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס די דייטשע מאַכט האָט זיי צוגעטיילט. די יידן פלעגן אַרויסגעפירט ווערן פון געטאָ צו צוואַנגס אַרבעט אויסערן געטאָ און דאָרט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַזאָרגן מיט עפּעס שפּייז און עס אַריינשמוגלען אין געטא פאר זייערע אויסגעהונגערטע משפּחות. דער הונגער האָט געבראַנגט בויכטיפוס און דיזענטעריע, דער שמוץ און ענגשאַפט — פלעקטיפוס און די צרעת־פּלאָג. דער יודנראַט האָט איינגעאָרדנט אַ שפּיטאָל פאַר אַנשטעקנדיקע קראַנקע. דער איינציגער דאָקטער, וואָס האָט געוווינט אין אַפּטייק אויסערן געטאָ האָט געגעבן די קראַנקע מעדיצינישע הילף, אָבער זי איז געווען אָן שום דערפאָלג. יעדן טאָג זענען געווען פרישע מתים.

אלס בירגערמייסטער האָבן די דייטשן באַשטימט אַ געוויסן אוקראַינער, האמילאוויטש, דאָס איז געווען דער ערשטער בירגערמייסטער אין שטאָט פאַר די צייטן פון זייער אָקופּאַציע, מיט וועלכן די דייטשן זענען נישט געווען ספּעציעל צופרידן. זיי האָבן אינגיכן באַשטימט א צווייטן אויף זיין ארט — א געוויסן קריווענטשוק (פון פאך א שוסטער). דאָס איז געווען א דם־שונא פון יידן. ער האָט נישט דערלאָזט, אַז יידן זאָלן אויף וואָס פאַר א נישט איז אופן לינדערן זייער שוידערלעכע לאגע.

נאָכן באַשטימען דעם געטאָ־שטח זענען דאָך עטלעכע יידישע משפּחות געבליבן אויסערן געטאָ. דאָס זענען געווען די, וואָס האָבן געהאַט לאַנדווירטשאַפטן. ביי נאַכט פלעגן זיך יידן אַרויסשלייכן פון געטאָ און, מיט סכנת־נפשות, זיך דערשלאָגן צו אַ לאַנדווירט, און פון אים ברענגען עפּעס שפּייז אין געטאָ אַריין. עס זענען אויך געווען איינציקע יידן, וואָס פלעגן, אַלס ספּעציאַליסטן אין א געוויסן פאך, באַקומען פּאַסירשיינען ארויסצוגיין פון געטאָ. דאָס האָט זיי געגעבן אַ געוויסע מעגלעכקייט אַריינצושמוגלען עפּעס פון עסנוואַרג אין געטאָ. אַזעלכע פאַלן זענען אָבער געווען שטאַרק באַשווערט, ווייל זיי האָבן געקענט ארויסגיין נאָר אין באַגלייטונג פון אַ יידישן אָרדנונגסמאַן. ביים אריינקומען צוריק אין געטא זענען זיי קאָנטראָלירט געוואָרן דורך אוקראַינישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געהערשט איבער די יידן. דער ערשטער קאָמענדאַנט פון דער אוקראַינישער פּאָליציי איז געווען א געוויסער אוקריאַינער פון נאַדוואָרנע און געהאַט אַ צונאָמען „גרינער". דער „גרינער" האָט געהאַט אויף זיין געוויסן צענדליקער יידישע לעבנס. נאָך אים איז געקומען אַלס קאָמענדאַנט אַן אַנדער אוקראַינער פון האָראָדענקאָ, גינטער האָט ער געהייסן, וואָס האָט זיך אַביסל בעסער באַצויגן צו די יידן פון געטאָ. דער לעצטער קאָמענדאַנט פון דער אוקראַינישער פּאָליציי איז געווען אַ געוויסער (טעסלער האָט ער געהייסן)

אוקראַינישער כוליגאַן, וואָס האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן די דייטשן בעתן ליקווידירן דאָס געטאָ. די ארויסגעפירטע יידן פון טיסמעניצער געטאָ פלעגן געזאַמלט ווערן אויף אַ באַקאַנטן אויסזידלונגס־פונקט אין סטאַניסלאַוו „רודאָלפס מיל" אויף דער העלאַצער גאַס. דאָרט זענען די יידן געפּייניקט און אויך געמאָרדעט געוואָרן. דער עד־ראיה, וואָס האָט מיר איבערגעגעבן דאָס אַלץ, וואָס איך באַשרייב, איז מיט זיין גאַנצער פאַמיליע פאַרשלעפּט געוואָרן אויפן דערמאָנטן פונקט. עס איז אים אָבער געלונגען צו אַנטלויפן. צוליב דעם, וואָס קיין טיסמעניץ האָט ער נישט געקאָנט צוריקקומען, איז ער אוועק אין טלאַמאַצער געטאָ, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיט נאָך עטלעכע טיסמעניצער יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך אהין דערשלאָגן נאָכן ליקווידירן דאָס טיסמעניצער געטאָ (אויגוסט 1942). זיי, די טיסמעניצער יונגעלייט, האָבן זיך צוזאַמענגערעדט אַריינצובאַקומען אין טיסמעניצער געטאָ.

די טיסמעניצער יידן אין טלאַמאַץ זענען געווען (לויטן זכרון פון עד־ראיה): פיניע שטים, ישראל בלאַנד מיט זיינע צוויי יינגלעך, מאָטל קוק, יענקל גרייף און אַנ־דערע וועמעס נעמען עס האָבן זיך אים נישט פאַרגעדענקט. אויף צו פּרובירן זיך אריינבאַקומען אין געוועזענעם טיסמעניצער געטאָ האָט זיך דער עד־ראיה אָפּגערעדט מיט מאָטל קוק. אין אַ געוויסער נאַכט האָבן זיי זייער פּלאַן אויסגעפירט. פון דאָרט האָבן זיי געוואָלט ארויסבאַקומען עפּעס פון די איבערגעבליבענע זאַכן, וואָס ער, פישל פייביין, האָט געהאַט באַהאַלטן אין אַ בונקער, כדי עפּעס צו האָבן אויף חיי־שעה. ביים אַרויסבאַקומען זיך צוריק פון געטאָ האָבן זיי זיך אַנגעטראָפן אויף קריסטן, וואָס זענען אַהין געקומען ביינאַכט רעווידירן די געוועזענע יידישע וווינונגען. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין הויז פון דוד באַראַן, דאָרט איבערגעלעגן אין משך פון אַנדערטהאַלבן מעת־לעת און לסוף זיך ארויסבאַקומען פון דאָרט. וואָס מיט זיין חבר, מאָטל קוק, איז געשען האָט ער נישט געוווּסט. ערשט אויפן וועג צוריק קיין טלאַמאַץ האָט ער זיך געטראָפן מיט אים און צוזאַמען האָבן זיי זיך אַריינבאַקומען אין טלאַמאַצער געטאָ. פון טלאַמאַץ איז ער מיט נאָך יידן פון געטאָ אוועקגעפירט געוואָרן אויפן פּאַלוואַרק אין אוסטריניע אויף אַרבעט. מיטן פּאַלוואַרק האָט פאַרוואַלטעט א דייטשער קריגס־אינוואַליד, וועלכער האָט די יידן געצוווּנגען צו עבודת־פרך אפילו, ווען עמעץ האָט געפיבערט פון היץ. — „איך בין פון דאָרט אַנטלאָפן. איז ער ממשיך — און אַנגעקומען קיין מאַנאַסטערישץ ווו איך בין אַריינ־געפאַלן אין די דייטשע לאַפּעס בעת אַן אַקציע, וואָס איז פונקט דעמאָלט דאָרט פאָרגעקומען. אויך דאָס מאָל האָט זיך מיר איינגעגעבן צו אַנטלויפן און זיך צוריק אַריינבאַקומען אין געטאָ. דאָרט בין איך צוגעטיילט געוואָרן צו אַן אויפ־

ראַמונגס־קאַמאַנדע, וואָס האָט געדאַרפט צונויפזאַמלען און סאָרטירן אַלץ, וואָס איז געבליבן נאָך די אַרויסגעפירטע יידן. בעת איינער אַזאַ סאָרטירונג האָב איך געפונען אין אַ טאַבורעטקע אַ גאָלדענעם זייגער און 90 דאָלער. די דייטשן האָב איך דאָס „געפינס" נישט אַוועקגעגעבן און מיט דעם אַנטלאָפן קיין טלוסטע און פון דאָרט קיין בורשטשאָוו, ווו איך האָב זיך אויפגעהאַלטן דריי מעת־לעת. פון דאַנען האָב איך אָנגעהויבן וואָגלען און וואנדערן ביז איך בין אָנגעקומען אין אַ דאָרף, ציגאַנע, ווו אַ פויער מיטן נאָמען יאַן וואַראָווי האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט איבערצונעכטיקן און נאָכדעם פּראָפּאָנירט איך זאָל ביי אים בלייבן און אַרבעטן אויף זיין ווירטשאַפט. ער האָט מיך באַזאָרגט מיט „אַרישע" פּאַפּירן אויפן נאָמען באַיטשוק און מיך איינגעמאָלדן אין דער דאָרפישער געמיינדע אַלס אוקראַינער. אַזוי האָב איך איבערגעלעבט די רעשט שווידערלעכע צייט ביז דער באַפרייונג. פון מיין פאַמיליע זענען אומגעבראַכט געוואָרן : דער טאַטע, די מאַמע, פינף ברידער און אַ שוועסטער".

איצט וועל איך איבערגעבן, וואָס כ'האָב געהערט פון טיסמעניצער יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פאַרשידענע אַקציעס און שפּעטער אָנגעקומען אין טלאָמאַצער געטאָ, ווו דער שרייבער פון די שורות איז אויך געווען אַ געוויסע צייט. אין טלאָמאַצער געטאָ האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף וועלוול מאַרגוליעס, פאַנקע קאָדער, פייגעלע האָראָוויץ, מינדל האָראָוויץ, יענקעלע גרייף, פרידזיע קריגעל, פיניע שטום און הירש פלעסער. חוץ וועגן זייערע פּערזענלעכע שווידערלעכע איבערלעבונגען, האָבן זיי מיר אויך איבערגעגעבן ווי אַזוי עס איז געפּייניקט געוואָרן דער טיסמעניצער רב ר' יוסף האָגער. מען האָט אים אַרויסגעפירט פון זיין וווינונג אין טלית און תפילין און אַזוי, אונטער אַ האָגל פון קלעפּ, געטריבן איבער דער שטאָט. מען האָט ביי אים אויך אויסגעצופּט די באָרד און שוין אַ שטאַרק צעשלאָגענעם און פאַרבלוטיקטן פאַרשפּאַרט אין עפּעס אַן אַרעסט־אָרט און פון דאָרט שפּעטער, מיט נאָך יידן, אַוועקגעפירט קיין סטאַניסלאַוו. פון די אויבן אויסגערעכנטע, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן אין טלאָמאַצער געטאָ, איז לעבן געבליבן בלויז פאַנקע קאָדער און זי האָט מיר טאַקע איבערגעגעבן פיל פּרטים, וואָס איך האַלט פאַר וויכטיק צו פאַרצייכענען. און אָט וואָס זי האָט מיר דערציילט : „נאָכן ליקווידירן דאָס טיסמעניצער געטאָ האָט מען נאָך איבער־געלאָזט אַ געוויסע צאָל יידן, וואָס זענען קאַשאַרירט געוואָרן אין איין הויז. דאָס זענען געווען פאַכלייט אין דער פעלץ־בראַנזשע : בערל קאָרן, יוזיע זאָמער, חיים קריינעס, בעבע פּאַפּער, יאַנאַס פּאַפּער, ישראל פליקער, הירש לייב פליקער

און נאָך אנדערע פאַכלייט. צוזאמען איז עס געווען אַ גרופּע פון בערך 30 מאַן. אין א געוויסן טאָג האָט מען אויך זיי און מיך בתוכם אוועקגעפירט קיין סטאַניסלאַוו. אויף דער בריק איבערן טייך ביסטריצאַ, האָב איך געזוכט אַ אופן צו אַנטלויפן, וואָס עס האָט זיך מיר על פּי־נס איינגעגעבן, איך האָב זיך דערשלעפּט קיין טלאַמאַץ, ווו עס זענען נאָך געווען יידן אין געטאָ און לסוף זיך אויסבאַהאַלטן ביי א באַקאַנטן קריסט און ביי אים דערלעבט דעם טאָג פון באפרייונג.

נאָך דער באַפרייונג האָב איך זיך געטראָפן מיט הערש לייב פליקער. אויך פון אים האָב איך געהערט פרטים, וואָס איז נויטיק צו פאַרצייכענען. זיין פאָטער און ער זענען געווען ספּעציאַליסטן אין פאַך פון פעלץ־הענטשקעס. די געשטאַפּאָ האָט זיי ביידע איבערגעלאָזט אפילו שוין נאָכן פולשטענדיקן ליקווידירן דאָס געטאָ. פון טיסמעניץ האָט זיי די געשטאַפּאָ אריבערגעפירט קיין סטאַניסלאַוו און דאָרט זיי געהאַלטן אין תפיסה, ווו זיי האָבן געפירט אַ וואַרשטאַט פון פעלץ־הענטשקעס. מען פלעג אים פירן אונטער אַ וואַך איינקויפן ביי קירזשנער אין טיסמעניץ די נויטיקע רוישאַפטן אויף הענטשקעס. ביי איינעם אַזאַ איינקויף (אָנהויב ווינטער 1943), האָט ער אויסגענוצט אַ גינסטיקן מאָמענט (בעת אַ געדיכטן שניי) און איז אַנטלאָפן. ער איז אַוועק צו אַ באַקאַנטן פּאַלאַק, וואָס האָט געהאַט אַ לאַנד־ווירטשאַפט אויסער דער שטאָט. באַראַנאָווסקי יוזעף האָט ער געהייסן. מיין דערציי־לער האָט געוווּסט, אז באַראַנאָווסקי אין אַן אָרנטלעכער און ערלעכער מענטש. באַראַנאָווסקי האָט אים אויפגענומען זער פריינטלעך, אויסגעבויט אין נאָענטן נאָדאַראָזשנער וואַלד אַ בונקער פאַר אים, באַזאָרגט מיט שפּייז און אַנדערע נויטיקע מענטשלעכע באַדערפנישן. הירש לייב פליקער האָט טאַקע איבערגעלעבט אין בונקער ביזן סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן. ליידער איז הירש לייב, שוין נאָך דער מלחמה, אומגעבראַכט געוואָרן דורך אַ רוסישן סאָלדאַט אין אַ וואַלד אויפן וועג קיין וראַצלאַוו, וווהין ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט די (אויך על־פּי נס לעבנגעבליבענע) טיסמעניצער: רבקהלע זילבער־קריינדלער מיט איר מאַן. דער סאָלדאַט האָט זיי באַרויבט און נאָכדעם דערשאָסן.

און איצט וועל איך נאָך איבערגעבן, וואָס איך האָב נאָך דער באפרייונג געהערט פון אַ טיסמעניצער קריסטלעכן איינוווינער „שימאַהאַראַ", וועלכער האָט געוווינט נישט ווייט פון יידישן בית־הקברות אין טיסמעניץ. ער, ווי ער דערציילט, איז געווען אַן עד־ראיה, ווי די דייטשן האָבן געברענגט טיסמעניצער יידן אויפן בית־הקברות און גרופּעסווייז אויסגעשאָסן. איין מאָל האָט ער, אַרבעטנדיק אויף זיין פעלד, וואָס איז געווען נאָענט פון בית־הקברות, געזען ווי מ'פירט אַ גרופּע יידן

צו דער עקזעקוציע. פון צווישן דער גרופּע האָט ער דערקענט נתן אודעלסמאַן. איין פוס איז געווען באַשוכט און דער צווייטער — באָרוועס. אויך דאָס יונגע מיידל אויערבאַך האָט ער דערקענט אין דער גרופּע. דאָס מיידל האָט געשמט אין שטאָט אַלס אַ שיינהייט. דאָ האָבן אַלע געמוזט אַראָפּציען פון זיך די מלבושים און דאַן האָט מען זיי איינציקווייז אויסגעשאָסן. די פריילין אויערבאַך האָט געמוזט שטיין אַ לענגערע צייט נאַקעט פאַר די געשטאַפּאָווצעס און זיך צוקוקן צו דער שוידערלעכער סצענע. ווען אַלע זענען שוין געווען טויט, האָט מען זי אויך דערשאָסן.

אַט אזוי האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע פון דעם טיסמעניצער ידישן יישוב, וואָס איז באַרימט געווען מיט זיינע באַקאַנטע רבנים, רביים, חסידים, משכילים, שרייבער און וויסנשאַפטלער, אַ יישוב וואָס איז באַקאַנט געווען מיט זיינע פעיקע און גרויסע סוחרים, מיט פּרעכטיקע פּאַלאַצן אויף פאַרשידנאַרטיקע געביטן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן אין פּוילן און אין גאַליציע.

טיסמעניץ, דרייסיק יאָר נאָך דער נאַצישער ממשלה (1972)

„...איך האָב ליב געהאַט מיין שטאָט...", שרייב איך, צווישן אַנדערע, אין דעם בוך. אָט דאָס געפיל האָט מיך נישט געלאָזט רוען, ביז איך האָב אַלץ באַשריבן וואָס איך ווייס וועגן איר. אַן ענלעך געפיל האָט מיך לאַנג געמאַטערט צו וויסן, ווי די שטאָט זעט איצט אויס. צו פאָרן אַהין און זען מיט אייגענע אויגן דאָס אַלץ איז נישט פאַר מיינע פיזישע כוחות און אוודאי נישט פאַר מיינע נערוון. איך האָב זיך דאַריבער באַמיט עפּעס וועגן דעם צו דערוויסן פון מיינע בני־עיר. וואָס האָבן יאָ געקאָנט זיך באַקענען מיט דעם אויסזען פון טיסמעניץ. און אָט וואָס איך בין געוווירער געוואָרן :

דאַרקע פלעסער האָט אין אויגוסט 1972 באַזוכט סטאַניסלאַוו (איצט ראַטנפאַר־באַנד) און אויך איר געבוירנשטאָט — טיסמעניץ. אין איר בריוו צו מיר שרייבט זי : „פון טיסמעניץ, וואָס מיר געדענקען, איז שוין כמעט גאָרנישט געבליבן. די באַקאַנטע הייזער אויפן רינגפּלאַץ, וואָס האָבן געהערט צו מיכאל גרייף, אַריה ערליך, ברוך אוסטער, דאָס גרויסע הויז פון רב ר' יוסף האַגער, יודעס געלער (מאַרקמאַן), משה פסח צוואָרן, שיע איוואַניער, זענען אָפּגעראַמט געוואָרן. עס איז דאָ בלויז געבליבן דאָס 2־שטאָקיקע הויז פון טעהנען, דאָס גרויסע הויז פון פּנחס גאַטעסמאַן און לייב בלאַנד. די געבעט־הייזער, הן די יידישע, הן די נישט־יידישע זענען אָפּגעראַמט. אויפן אָרט פון דעם גרויסן בנין, וווּ ס'האָט זיך געפונען די מיידל־שול איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסער בנין פאַר דער פּאָסט. אַלע יידישע הייזער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער באַן־גאַס ביז צום הויז פון קריינים, זענען אָפּגעראַמט געוואָרן און אויף זייער אָרט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אויטאָבוס־סטאַציע. אויפן פּלאַץ וווּ ס'איז געשטאַנען יונה שעפּס הויז, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל פאַר אוקראַינער, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף מיט די באַנדעראָווצעס. די באַראָן־הירש־געביידע איז געבליבן און דערמאָנט עפּעס פון אונדזער יידישן „אַמאָל".

מער קען איך נישט באַשרייבן, ווייל כ'האָב מער נישט געקאָנט שפּרייזן איבער די גאַסן פון אונדזער געשענדעטן און חרובן עבר, און כ'בין אַנטלאָפן.

אַזוי זעט אויס אונדזער געבוירן־שטאָט טיסמעניץ, דרייסיק יאָר נאָך דער באַפרייונג. און מיר — אירע קינדער, זענען נישט בכוח מער צו טרעטן אויף איר ערד...

חסידי אומות העולם

„צדיקים באומות יש להם חלק לעולם הבא". (דברי הז"ל)

קזשעמינסקי סטאַניסלאַוו, זיין פרוי האַניאַ און זיינע צוויי טעכטער: סטעפקאַ און מילקאַ

קזשעמינסקי מיט זיין פרוי און צוויי טעכטער האָבן, מיט זייער מסירות נפש בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, פאַרדינט זיי זאָלן דורך מיר פאַראייביקט ווערן. אָט די אידעלע פּוילישע משפחה האט, איינשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן, אויסבאהאַלטן מיין פרויס משפחה, שפּרעכמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ לאַנדווירטשאַפט

די וואָס האָבן אונדז געראַטעוועט: סטאַניסלאַוו און האַניאַ קזשעמינסקי, און זייערע טעכטער — סטעפקאַ און מילקאַ

אין דאָרף יאַצקוווקאַ, נעבן טלאַמאַץ, וווהין איך מיט מיין פרוי און צוויי קינדער זענען אַוועק, ווי נאר די מלחמה איז אויסגעבראכן. אין זעלבן דאָרף הינטערן וואַלד האָט געוווינט אַן אָרעמע פּויערישע פאַמיליע, קזשעמינסקי, אין אַ נישט ארויסגעעענדיקט הילצערן הייזל. זיין גאַנץ פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון 4 מאָרגעס פעלד און 1 מעלקעדיקע קו.

קזשעמינסקי איז געווען אַ פרומער קריסט און פלעג יעדער זונטיק קומען קיין טלאָמאַץ אין קלויסטער אַריין. גייענדיק פון קלויסטער האָט ער זיך פאַראינ־טערעסירט מיט די געשעענישן אין שטעטל און אונדז איבערגעבן, וואָס אין שטעטל איז פאָרגעקומען. ווען טלאָמאַץ האָט שוין דערפילט די רציחות פון די דייטשן: דאָס געטאָ, די אויסזידלונגען און די הריגות, האָט ער וועגן דעם אונדז אויך דער־ציילט; דערביי האָט ער צוגעגעבן: „אויב איר וועט זיין אין געפאַר, זאָלט איר קומען צו מיר און איך וועל אייך העלפן מיט וואָס נאָר איך וועל קענען".

אין אויגוסט 1942 האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל זיך איבערצוטראָגן אין געטאָ אַריין. מיין שוואָגער, פרץ שפּרעכמאַן, איז אַוועק צו קזשעמינסקין מיט אים זיך שואל עצה זיין. קזשעמינסקי האָט אויסגעדרוקט זיין גרייטקייט אויפצונעמען און אויסבאַהאַלטן ביי זיך 3—4 מענטשן, אָבער בלויז דערוואַקסענע. אַריבער זענען דעמאָלט צו אים מיינע דריי שוואָגערס: פרץ, הירש און ישראל מיט זיין פרוי. מיין שוויגער, עטל שפּרעכמאַן, איר טאָכטער, מאַניע מיטן מאַן, משה זיסער און קינד. אויך איך מיט מיין פרוי און צוויי קינדער האָבן זיך געמוזט איבערטראָגן אין טלאָמאַצער געטאָ, פון וואַנען עס זענען ארויס מיטן לעבן בלויז איך מיט מיין פרוי און מיין שווערין, מאַניע. נאָכן אויספירן פאַרשידענע צוואַנגס־אַרבעטן ביי די דייטשן און שפּעטערדיקן ארומוואַגלען און ארומוואַלגערן זיך אויף פאַרשידענע ערטער, זענען מיר, די דריי נאָך לעבנגעבליבענע, אָנגעקומען צו קזשעמינסקין. ער האָט אויך אונדז אויסבאַהאַלטן און מיר האָבן דערלעבט די באַפרייונג. איך האַלט אויך פאַר מיין מענטשלעכן און יידישן חוב איבערצוגעבן, אַז קיין שום פאַרגיטיקונג האָט ער פון אונדז נישט פאַרלאַנגט. פון די ווערטפולע זאַכן, וואָס מיר האָבן אויסבאַהאַלטן און אים איבערגעגעטפערט, האָט ער בלויז פאַרנוצט דאָס, וואָס ער האָט פאַרקויפט, כדי פאַר אונדז איינצוקויפן שפּייז, די רעשט האָט ער תיכף נאָך דער באַפרייונג, אונדז אומגעקערט. איך וויל אויך פאַרצייכנען, אַז ביים פאַרנוצן ווערטפולע זאַכן אויף שפּייז, איז ער געווען גענוג פאַרזיכטיק און אַליין זיך מיט די טראַנזאַקציעס נישט פאַרנומען. דעם סוד האָט ער דעמאָלט מגלה געווען פאַר זיינע אויסגעגעבענע צוויי טעכטער, וואָס האָבן געוווינט אין זעלבן דאָרף, און זיי געבעטן אים מיטהעלפן. די טעכטער האָבן בסוד פון זייערע מענער און קינדער צוגעהאָלפן זייער טאַטן מיט אַלץ, וואָס ער האָט פון זיי פאַרלאַנגט. צוזאַמען מיט אונדז האָט קזשעמינסקי איבערגעלעבט שרעקלעכע טעג און נעכט. בעת יעדע דראָענדיקע געפאַר האָבן מיר געמוזט איינאָרדענען פאַר זיך אַ בונקער אויף אַן אַנדער אָרט. יעדעס מאָל האָט ער אונדז געהאָלפן אין דער אַרבעט ביים אויפבויען

אַן אַנדער בונקער, וואָס איז אַמאָל אויסגעפאַלן ביי אים אין הויז, אַן אנדער מאל — אויפן פּוסטן פעלד אָדער גאָר אין וואַלד. הילף האָט ער אונדז אויך געגעבן ביים צוגרייטן אַ וואַרעם ביסל עסן, וואָס מיר פלעגן בלויז קענען מאכן, ווען ס׳איז שוין געווען שטאַרק־פינצטער.

אַ שרעקלעכערע לאַגע איז אַנטשטאַנען מיטן מאָמענט, ווען דער פראָנט האָט זיך שוין געהאַט דערנענטערט צום דאָרף און אין משך פון פיר מאָנאַטן האָט זיך די פראָנט־ליניע נישט געענדערט. אַלע דערפער זענען אין דער גאַנצער סביבה געווען פול מיט דייטשיש מיליטער, ביי קזשעמינסקין אין שטוב האָט אַ דייטשע ארטילעריע־אָפּטיילונג איינגעאָרדנט איר קאַנצעלאַריע.

מיר האָבן נישט געטאָרט אַרויסשטעלן דעם קאָפּ נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט. עס זענען געווען פאַלן, ווען מיר האָבן נישט געקענט באַקומען קיין עסן און קיין טרינקען אין משך פון 2—3 מעת־לעת. קזשעמינסקי, כדי ער זאָל קענען אויסגע־פונען אַ פּאַסיקן נישט געפערלעכן מאָמענט און זיך מיט אונדז קאָנטאַקטירן, האָט זיך איינגעאָרדנט אַ בעטגעשטעל אין שטאַל און אויף אַזאַ אויפן אויפגעפּאַסט אַ מאָמענט אַריינצוגעבן אונדז עפּעס עסן און טרינקען און אפילו עפּעס פון דעם עסן, וואָס מיליטערלייט פלעגן אים געבן פון דער מיליטערישער קיך פאַר אים פער־זענלעך. דאָס ליגן אין שטאַל־בונקער אין אַזאַ סיטואַציע איז מיר אוממעגלעך צו באַשרייבן, גענוג צו פאַרצייכנען, אַז מיר זענען גרייט געווען פיל מאָל צו פאַרלאָזן דעם בונקער און אויסשטעלן אויף גאָטס באַראַט. די קזשעמינסקיס האָבן אונדז אָבער אָפּגערעדט פון אַזאַ פאַרצווייפלטן פּלאַן און געטרייסט, אַז מיר וועלן דערלעבן די באַפרייונג. וואָס זיי האָבן טאַקע געגלויבט. און זייער גלויבן איז, צו זייער זכות, מקוים געוואָרן.

קזשעמינסקי מיט זיין פרוי זענען, פאַר זייער הומאַניזם און העלדישקייט, אויסגעצייכנט געוואָרן דורך „יד ושם״ און אויף זייער נאָמען איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אַ בוים אין „יער הקדושים״.

צו דער דערמאָנטער פייערלעכקייט אין „יד ושם״ האָבן זיי, צוליב זייער עלטער, נישט געפילט זיך בכוח צו קומען. אויך די אויסצייכנונג, וואָס דער „יד־ושם״ האָט פאַר זיי אַרויסגעשיקט, האָבן זיי נישט באַקומען פון אונדזער קאָנסול אין פוילן, ווייל אין צווישנצייט איז אויסגעבראָכן דער 6־טאָגיקער קריג און די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט פוילן זענען איבערגעריסן געוואָרן. מיר, די וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט און וווינען איצט אין ישראל, האַלטן אָן מיט זיי אַ

YAD VASHEM
MARTYRS' AND HEROES' REMEMBRANCE AUTHORITY
JERUSALEM

יד ושם
רשות הזיכרון לשואה ולגבורה
ירושלים

ירושלים, ט"ו בכסלו תשכ"ז
28 בנובמבר 1966

לכבוד
מר שלמה בלונד
רח' מודיעין 11
חולון

מר בלונד הנכבד,

הנדון: סטניסלב קשמינסקי, פולין

הנני שמח להביא לידיעתך, שהוועדה לציון חסידי אומות העולם החליטה, בישיבתה מיום 29.11.66 להעניק לנ"ל - אות הוקרה הגבוה ביותר, מדליה עם זכות לנטיעת עץ, אם וכאשר יבוא לביקור בארץ.

